STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06079

# OYF YENER ZAYT SAMBATYUN

Lazar Borodulin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. באראדולין



# אויף יענער זייט
# סמבטיון

וויסענשאפטליכער און
פאנטאסטישער ראמאן

ארויסגעגעבן פון

א. סלוצקי    183 איסט בראדוויי    ניו יארק

NEW YORK UNIVERSITY
WASHINGTON SQUARE
LIBRARY

PJ 5129
.B3

Copyright by
A. SLUTZKY, 1929

# 1

אין יענעם פרימאָרגען, ווען אונזער געשיכטע פאנגט זיך אָן, איז אין דער רעדאקציע פון דער טעגליכער צייטונג „די וועלט“ געווען זעהר „טויט“. פאר דעם גאנצען נעכטיגען טאָג און פאר דער לעצטער נאכט איז ניט פאָרגעקומען קיין איין וויכטיגע פאסירונג, וועגען וועלכער מען זאָל זיך קענען באלד זעצען און אָנשרייבען אַן אינטערעסאנטען ארטיקעל. זיינען די שרייבער געזעסען ביי זייערע טישען, אָדער ארומגעשפאצירט איבער דער רעדאקציע און געטראכט וועגען וואָס צו שרייבען אַן ארטיקעל פאר דער מאָרגענדיגער צייטונג.

איין גרופע שרייבער איז געשטאנען אָן א זייט און געפיהרט צווישען זיך א געשפרעך. גערעדט האָט מען אלץ וועגען דער „בער-גער געשיכטע“, וועלכע האָט עטליכע וואָכען נאָכאנאנד צוגע-שטעלט גענוג מאטעריאל אי פאר אינטערעסאנטע ארטיקלען, אי פאר שטיקער נייעס, איבער וועלכע מען האָט געקענט מאכען גרויסע „קעפ“ מיט גרויסע, פעטע בוכשטאבען. און אין פאר-בינדונג מיט אָט דער „געשיכטע“ זיינען כמעט יעדען טאָג צו-געקומען פרישע שטיקער נייעס, איינע סענסאציאָנעלער פון דער צווייטער.

פריהער איז געקומען די געשיכטע וועגען דעם, אז א מאן מיט'ן נאָמען ראָבערט בערגער האָט ערפונדען א מאשינקע וואָס פראָדוצירט אזעלכע מעכטיגע שטראלען, מיט וועלכע מען קען דורכלעכערען א דיקע וואנט אָדער א קריגס-שיף אויף מיילען ווייט; „אראָפשיסען“ אַן עראָפלאן פון דער לופטען, און אוועקלייגען א גאנצע ארמיי אויף א ווייטקייט פון איבער צוויי מייל. דערנאָך



C14653

איז באַריכטעט געוואָרען, אַז מען האָט אָט די מערקווירדיגע „טויטען-שטראַלען" אויסגעפּרובירט אויף אַ סטאַדע פון עטליכע צעהנדליג קיה אויף אַ ווייטקייט פון איבער צוויי מייל, און די אַלע קיה זיינען צעפאַלען ווי די פליגען. דערנאָך זיינען געקומען די באַריכטען, אַז אַגענטען פון פאַרשידענע פרעמדע לענדער זיינען איהם באַפאַלען פון אַלע זייטען און שלאָגען איהם פאַר בערג מיט גאָלד פאַר זיין דערפינדונג; אַז דער דאָזיגער בערגער האָט זיך איינגעשלאָסען אין אַ נומער פון אַ האָטעל, האָט זיך אַרומגעריגנגעלט מיט אַ סטאַף פון סעקרעטאַרען און באַדינער, וואָס לאָזען קיינעם ניט צו, סיידען דורך אַ פריערדיג באַשטימטען אָפּמאַך; אַז שפּיאָנען פון פאַרשידענע לענדער האָבען ווי מיט אַ קייט אַרומגערינגעלט דעם האָטעל און פאָלגען נאָך יעדע קלענסטע באַוועגונג פון דעם דערפינדער פון די „טויטען שטראַלען", און אַז די שפּיאָנען פאָלגען איהם נאָך אַזוי גרינדליך, אַז זיי ווייסען אפילו וועגען וואָס ער חלומ'ט ביינאַכט אין שלאָף.

און דאַן איז געקומען די גרויסע סענסאַציע. איין פריהמאָרגען האָט מען זיך פּלוצים געכאַפּט, אַז דער דאָזיגער בערגער איז פּלוצים פאַרשוואונדען געוואָרען, ניט קוקענדיג אויף דער אייזערנער קייט פון סעקרעטאַרען, באַדינער, אַגענטען און שפּיאָנען, מיט וועלכער ער איז געווען אַרומגערינגעלט, און אַז קיינער, קיינער האָט ניט דעם קלענסטען באַגריף וועגען דעם, וואוהין ער איז אהינגעקומען. דער פוראָר איז געווען אַזוי גרויס, אַז צייטונגען האָבען אַרויסגעגעבען פרישע אויסגאַבען אַלע שעה און אַלע האַלבע שעה, און מען האָט די צייטונגען געכאַפּט פון די הענט.

און דאַן איז געקומען דער לעצטער טייל פון דער סענסאַציע. מען האָט זיך דערוואוסט, אַז צוזאַמען מיט איהם איז פאַרשוואונדען אַ יונג מיידעל מיט רויטע האָר. ווער זי איז און וואָס זי איז — וועגען דעם האָט קיינער דעם קלענסטען באַגריף ניט געהאַט. מען האָט אפילו איהר נאָמען ניט געוואוסט. פון אָנפאַנג האָט מען זי געהאַט אָנגערופען „מיס עקס", אָבער אין דער בערגער געשיכטע איז זי פאַרבליבען אונטער'ן נאָמען: „דאָס רויט-האָריג מיידעל". ....

נאָך דעם זיינען פאַראיבער דריי טעג און מען האָט גאָר ניט געהערט ניט וועגען בערגער'ן און ניט וועגען דער רויט-האָריג

מיידעל. זיי זיינעןביידע ווי אין וואסער פארשוואונדען און קיין שפורען הינטער זיך ניט איבערגעלאזען. האבען די צייטונגען וועגען דעם אויפגעהערט צו שרייבען.

זיינען עטליכע שרייבער אין דער רעדאקציע פון דער „וועלט" געשטאנען אין א גרופע און געשמועסט וועגען דעם, וואס פאר א דאנקבארע טעמע אט די „בערגער געשיכטע" איז געווען, און וואס פאר א „באמבע" עס וואלט געווען, ווען עמיצער פון זיי, פון די שרייבער וואס זיינען דא געשטאנען און גערעדט, וואלט פלוצים אנטדעקט די שפורען פון בערגער'ן אדער פון דאס רויט-האריג מיידעל.

און בשעת די שרייבער זיינען אזוי געשטאנען און האבען גע-רעדט, זיינען אין רעדאקציע אריינגעקומען א מאן און א פרוי. א גאנץ געוויינליכער איד מיט א גאנץ געוויינליכער אידענע.

אז אין א אידישער רעדאקציע זאל אריינקומען א גאנץ גע-וויינליכער איד, אדער א גאנץ געוויינליכע אידענע, אדער א איד מיט א אידענע צוזאמען — איז געווען א גאנץ געוויינליכע זאך. און געוויינליך קומט עס פאר, אז דער שרייבער, וואס געפינט זיך צופעליג אמנעהענטסטען צום אריינגאנג, פרעגט וואס מען פאר-לאנגט, און דאן שיקט ער זיי אפ צו יענעם שרייבער, וואס קען זיי אמבעסטען העלפען. היינטיגס מאל האט זיך נעהענטער צום אריינגאנג געפונען האפמאן, איז ער צוגעגאנגען צום איד און צו דער אידענע און געפרעגט וואס זיי פארלאנגען.

דער איד, א נידעריגער און א דארער, מיט א קליין גרויליך בערדעל, האט א פאר מאל ניט זיכער א פיהר געטאן מיט דער האנט ארויף, ווי ער זאל זיך מישב זיין, צי מען דארף אראפנע-מען דאס היטעל, אדער ניט; האט קענטיג באשלאסען, אז די רע-דאקציע איז א אידישע, אן „אונזעריגע", איז ער געבליבען אין היטעל. און די אידענע, אויך ניט קיין הויכע, נאר א קיילעכדיגע, מיט'ן קאפ אפגערוקט אויף צוריק, ווייל דעם גאנצען פאדערגרונט האט פארנומען א ברוסט ווי א בארג, איז פון דרך-ארץ וועגען געשטאנען מיט א טריט הינטער'ן מאן. איבער איהר פעטען פנים איז געווען צעגאסען אן „איהר-זאלט-מיר-לעבען-און-געזונט-זיין" שמייכעל.

ווען האפמאן האט א פרעג געטאן, וואס מען פארלאנגט, האט

די אידענע געמאַכט אַ האַלבען טראַט פאַראויס, און בלייבענדיג מיט אַ האַלבען טראַט הינטער איהר מאַן, האָט זי מיט איהר שמייכעל אַ זאָג געטאָן:

— אינז האָבען מיר געוואָלט זעהן דעם הערן רעדאַקטאָר.

— צוליב וואָס האָט איהר געוואָלט זעהן דעם רעדאַקטאָר? — האָט האָפמאַן איהר געפרעגט, אַנשטעלענדיג צו איהר די זייט פון פּנים און קוקענדיג גלייכגילטיג טיף אין רעדאַקציע אַריין.

— אינז האָבען מיר זיך געוואָלט באַרוטען מיט איהם, — האָט די אידענע געענטפערט.

— וועגען וואָס האָט איהר זיך מיט איהם געוואָלט באַראָטען? — האָט האָפמאַן געוואָלט וויסען און נאָך נידעריגער אָנגעבויגען די זייט פון פּנים.

— אינז האָבען מיר געוואָלט מיט איהם שמועסען וועגען דאָס רויט מיידעל.

דערהערט דאָס מאַגיש וואָרט „רויט מיידעל", האָט האָפמאַן פּלוצים צוריק אויסגעדרעהט צו איהר דעם גאַנצען פּנים און זי באַטראַכט.

— וועלכע רויטע מיידעל? — האָט האָפמאַן אַ פרעג געטאָן. איהם האָט זיך ניט געגלויבט, אַז דאָס האַנדעלט זיך וועגען דאָס אמת'ע „רויט-האָריג מיידעל" — די סענסאַציע פון עטליכע טעג צוריק.

און די אידענע האָט מיט דעם זעלבען שמייכעל און מיט דעם זעלבען צוטרויען געענטפערט:

— אָט דאָס מיידעל, וואָס איז אַנטלאָפען מיט דעם בערגער'ן

האָפמאַן האָט זי פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. איהם האָט זיך נאָך אַלץ ניט געגלויבט.

— וואָס ווייסט איהר וועגען דאָס רויט-האָריג מיידעל?

— וואָס הייסט, וואָס מיר ווייסען? — האָט די פרוי גע'טענה'ט און געוואָלט מאַכען מיט די הענט, נאָר זיי זיינען געווען צו-קורץ. — וואָס הייסט? זי האָט דאָך געוואוינט ביי מיר אין שטוב. זי איז דאָך געווען ביי אונז אַ באַרדערקע. זלמן-יאָסעל, — האָט זי זיך געווענדעט צום מאַן, — צייג זיי די בריעף.

דער איד, מיט אַ תמ'עוואַטען פּנים, וועלכען איהר וואָלט קיינמאָל ניט חושד געווען, אַז ער פלירטעוועט מיט מיידלאַך, איז אַריינ-

געקראָכען אין בוזים-קעשענע פון זיין אויבערמאַנטעל ,האָט אַרויס-גענומען פון דאָרטען אַ פּלאַטשיג פּעקעלע איינגעוויקעלט אין צייטונגס-פּאַפּיר; האָט לאַנגזאַם פאַנאַנדערגעוויקעלט דאָס פּאַפּיר, אַרויסגענומען פון דאָרטען אַ פּאָר בריוו און דערלאַנג. האָפּמאַן איז די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און אומגעדולדיג געוואַרט ביז יענער וועט די בריוו פאַנאַנדערפּאַקען, האָט די בריוו אַ כאַפּ געטאָן און אָנגעהויבען איבערצולויפען זיי מיט די אויגען.

וואָס טיפער ער איז אַריין אין די בריוו, אַלץ ברייטער האָבען זיך ביי איהם געעפענט די אויגען, ווי ביי אַ מענשען, פאַר וועלכען עס עפענען זיך פּלוצים נייע וועלטען. ער איז איילינג געלאָפען מיט די אויגען איבער די שורות און ממש געשלונגען די ווערטער.

פּלוצים האָט ער זיך געווענדעט צו דעם איד מיט דער אידענע:

— זייט אַזוי גוט: זעצט זיך צו אַ ווײַלע, זייט אַזוי גוט.

ער האָט זיי דערלאַנגט צוויי שטולען און אַליין איז ער אויף דער גיך אַריינגעלאָפען אין צימער פון הויפּט-רעדאַקטאָר.

ביים רעדאַקטאָר האָט האָפּמאַן פאַרבראַכט אַ צעהן מינוט. דערנאָך איז ער אַרויסגעקומען, האָט ברייט פאַנאַנדערגעעפענט די טיר און אַריינגערופען דעם איד מיט דער אידענע:

— זייט אַזוי גוט: קומט אַריין אַהער אויף אַ ווײַלע. זייט אַזוי גוט.

דער איד מיט דער אידענע האָבען זיך מיט אַמאָל אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער און זיך געלאָזט געהן צום רעדאַקטאָר אין צימער. אַריבערשפּאַנענדיג די שוועל, האָט דער איד אַראָפּגענומען דאָס היטעל: דאָך דער הויפּטמאַכער. און די אידענע איז, אויס דרך-ארץ, געגאַנגען מיט אַ טראָט הינטער איהם.

אין צימער פון הויפּט-רעדאַקטאָר האָבען זיי פאַרבראַכט אַ מינוט צוואַנציג, אויב ניט מעהר. און ענדליך האָט האָפּמאַן פאַר זיי געעפנט די טיר און זיי אַרויסגעלאָזט. אַרויסגעהענדיג האָט ער זיי אָנגעזאָגט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל:

— געדענקט זשע: קיינעם קיין האַלב וואָרט ניט. אפילו ניט דעם נאָהענטסטען פריינט אייערען. אַניט איז אַלץ פאַרלאָרען.

און די אידענע האָט איהם פאַרזיכערט:

— איהר מעגט זיין זיכער; איהר מעגט זיין זיכער. אונז זיי־נען מיר ניט פון די מענשען . . .

און ווען דער איד מיט דער אידענע האָבען ענדליך פאַרלאָזען די רעדאַקציע, איז האָפמאַן צוריק אריין אין צימער פון רע־דאַקטאָר. ער האָט אָנגעהויבען ארומלויפען איבער'ן צימער און אויפגערעגט געוואָרפען מיט די הענט:

— נו? האָ? וואָס זאָגט איהר דאַרויף? ווער האָט עס געקענט דערוואַרטען אַזאַ זאַך? ווענען האָט עס גאָר געקענט איינפאַלען אין זינען? . . .

אין דעם מאָמענט איז אין צימער אריינגעקומען דער געהילפס־רעדאַקטאָר.

— וואָס איז דאָ? וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס איז דאָס פאַר אַ איד מיט אַ אידענע? — האָט ער זיך אָנגעהויבען נאָכפרעגען.

— הערט איהר דאָך: — האָט זיך האָפמאַן אָנגעהויבען קאָ־כען, — עס ציינט זיך ארויס, אַז דאָס רויט־האָריג מיידעל פון דער בערגער־געשיכטע איז אַ טאָכטער פון די רויטע אידעלאַך. זי האָט עס אין זיך פאַרליבט אָט דעם בערגער'ן און איהם אוועק־געפיהרט צו זיך אַהיים, אויף יענער זייט סמבטיון.

— עס קען ניט זיין! — איז דער געהילפס־רעדאַקטאָר געבלי־בען אַן ערשטוינטער — פון וואַנען ווייסט איהר דאָס אַלץ?

— וואָס הייסט, פון וואַנען? אָט קוקט איבער די בריף. דאָס רויט מיידעל איז געוועזן אַ באַרדערקע ביי אָט דער אידע־נע, און זי האָט עס געבראַכט די בריף.

דער געהילפס־רעדאַקטאָר האָט אָנגעהויבען איבערקוקען די בריף, און האָפמאַן איז ארומגעלאָפען איבער'ן צימער, געמאַכט מיט די הענט און געשמעה'ט:

— און איך זאָג, אָט וואָס: די זאַך טאָר מען ניט פאַר־לאָזען. אַניט וועלען אַנדערע עס אויסכאַפּען, און מיר וועלען בליי־בען מיט אַ נאָז. איך וועל אריבערפאָהרען אין דעם לאַנד פון די רויטע אידעלאַך און אויסגעפינען די גאַנצע געשיכטע.

— משוגע מיינע שונאים! — האָט דער געהילפס־רעדאַקטאָר אויסגערופען. — ווייסט איהר כאָטש, אַז דער סמבטיון געפינט זיך אַזש אין די הרי־חושך?

— נו, מאַלט אייך, אז אזוי פיל געאָגראַפיע ווייס איך נאָך אויך, — האָט האָפּמאַן געענטפערט מיט אַ טאָן פון אַ באַליידיגטען.

— און ווי אזוי וועט איהר אריבערגעהן דעם סמבטיון, אז ער קאָכט און זידט און וואַרפט מיט שטיינער?

— אָבער שבת רוהט ער דאָך? — האָט האָפּמאַן געענטפערט,

— וועל איך איהם אריבערגעהן אום שבת.

— און וואָס וועט זיין, אז איהר וועט זיך איז לאַנד פון די רויטע אידעלאַך דאָך ניט אריבערכאַפּען? — האָט דער הויפּט-רעדאַקטאָר געוואָלט וויסען.

— אפילו אזוי! אפילו אזוי! — האָט האָפּמאַן געשריען. — אפילו איך זאָל דעם סמבטיון ניט אריבער. וואָס איז אָבער ווערט, אז איך זאָל אויספאָרשען די געאָלאָגיע פון די הרי-חושך און פון סמבטיון! דאָס אליין איז דאָך עפּעס ווערט! און פאַר-וואָס זאָל איך ניט אריבער? שטעלט זיך נאָר פאָר, וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל איך וועל פון דאָרטען ברייגנען. איהר האָט דאָ די מיסטעריעזע „טויטען-שטראַלען", אין וועלכע די גאַנצע וועלט איז פאַראינטערעסירט. איהר האָט דאָ ליבע, ראָמאַנס, אינטרי-גע און די אַלע עלעמענטען פון דער שטאַרקסטער „סטאָרי", וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען!

דער געהילפס-רעדאַקטאָר האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן הויפּט-רעדאַקטאָר מיט אַ מינע, ווי ער זאָל פרעגען: „האַ? וואָס זאָגט איהר?"

און דער רעדאַקטאָר האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען און אַ זאָג געטאָן:

— פון מיינעטוועגען . . . אז ער וויל — זאָל ער.

און די דריי האָבען אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ, און עס איז געבליבען, אז האָפּמאַן זאָל באַלד אַראָפּ אין אָפּיס, נעמען געלט אויף הוצאות און זאָל זיך גרייטען אין וועג אריין. אָבער למען-השם — קיינער זאָל וועגען דעם קיין וואָרט ניט וויסען. אַנדערש וועלען עס נאָך אַנדערע אויסכאַפּען, און דאַן איז פאַרפאַלען די גאַנצע מיה.

האָפּמאַן האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט דעם הויפּט-רעדאַקטאָר און מיט זיין געהילף און האָט באַלד פאַרלאָזען די רעדאַקציע. מיט זיינע קאָלעגען האָט ער זיך ניט געזעגענט, ווייל ער האָט ניט גע-וואָלט מען זאָל איהם אויספרעגען.

א גאנצען טאָג איז ער ארומגעלאָפען איבער'ן שטאָט, כדי צו באזאָרגען זיינע פערזענליכע זאכען און די נויטיגע פאפירען, און פארנאכט האָט ער זיך אָנגעהויבען איילען אהיים.

עס איז געווען א ספעציעלע אורזאך פארוואָס ער האָט זיך געאיילט אהיים: ער האָט געוואָלט וואָס גיכער זעהן לאה'ן.

.2

מאָרגעז איז געווען דער אופן, ווי אזוי ער האָט זיך באפריינדעט מיט אָט דער לאה'ן. חדשים-לאנג האָט ער געוואוינט מיט איהר א צימער לעבען א צימער, און האָט זי ניט געקענט. געוואוסט האָט ער, אז אין דעם נעקסטען צימער, וואָס איז פון זיין איינענעם צימער אָפגעשיידט בלויז מיט א דינער וואנט, וואוינט א מיידעל, ער האָט זי עטליכע מאָל באגעגענט אין קאָרידאָר, און אזוי ווי זיי האָבען געוואוסט, אז זיי זיינען שכנים, פלעגט ער זי באגריסען, און זי האָט איהם געענטפערט. אָבער דאָס איז געווען ניט מעהר ווי פשוט'ע העפליכקייט. אָבער אינטערעסירט האָט זי איהם ניט.

מען קען ניט זאָגען, אז דאָס מיידעל איז געווען א מיאוס'ע; אָבער קיין שעהנע איז זי זיכער ניט געווען, כאָטש איהר פנים האָט אויסגעדריקט א היבש ביסעל אינטעליגענץ און חן.

איין מאָל האָט זי איהם געהאט אָפגעשטעלט אויף א ווייל'ע אין קאָרידאָר און געפרעגט ווי שפעט עס איז, ווייל איהר זייגערעל האָט זיך אָפגעשטעלט. און איין מאָל זיינען זיי צו צופעליג ארויס פון הויז צוזאמען, און אין דרויסען האָט געמעגנט. זיינען זיי געשטאנען ביי דער טיר און געוואָרט ביז דער רעגען וועט איבער-געהן, און דאַן וועט יעדער פון זיי קענען געהן זיין וועג. און דאַן, שטעהענדיג ביי דער טיר, האָבען זיי זיך אויסגעטוישט מיט עטליכע אומבאדייטענדע פראזען וועגען דעם וועטער, וועגען דעם רעגען, וואָס וועט זיכער באלד איבערגעהן. און זיי זיינען זיך טאַקע באלד נאָך דעם פאנאנדערגעגאנגען.

דאַן האָט האָפמאַן באמערקט, אז דאָס מיידעל איז גאָר ניט אזא פראָסטע, ווי ער האָט פריהער געמיינט. זי דאַרף זיין זעהר א קלוגע און א געבילדעטע. און א גאנץ חנ'עוודיגע דערצו. און

דאָס איז געווען אַלץ, וואָס ער האָט וועגן איהר געטראַכט. אָבער מיט אַן אַכט טעג צוריק איז פאָרגעקומען אַזאַ פּאַסירונג:

ער איז געקומען צו זיך אין צימער שפּעט אין אָוונט און זיך געקליבען לייגען שלאָפען, ווען עמיצער האָט אָנגעהויבען לייכט קלאַפּען אַן וואַנט. דאָס האָט קענטיג דאָס מיידעל איהם גערופען צו זיך. האָט ער אויף דער גיך צוריק אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דאָס רעקעל און איז אַריין צום מיידעל אין צימער.

דאָס מיידעל איז געלעגען אין בעט צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע ביז'ן האַלז. איהר פּנים איז געווען רויט און די אויגען האָבען פיבעריש געגלאַנצט. קענטיג, אַז זי איז געווען זעהר קראַנק און געהאַט הויכע היץ.

האָפּמאַן האָט זיך איבערגעשראָקען. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר בעט און געפרעגט וואָס איז מיט איהר.

— איך בין, הפּנים, שטאַרק פאַרקיהלט. איך האָב היץ, — האָט דאָס מיידעל געענטפערט מיט אַ שוואַכען קול. — איך וויל אייך בעטען אַ טובה..

— זאָגט, זאָגט, — האָט האָפּמאַן איילִיג אַ זאָג געטאָן און אויסגעדריקט אַ פולשטענדיגע גרייטקייט צו טאָן אַלץ וואָס מען דאַרף.

און דאָס מיידעל האָט געזאָגט:

— איך האָב אייך געוואָלט בעטען, אַז איהר זאָלט באַלד צוגעהן אין אַ געוויסען אָרט און נעמען פאַר מיר אַ פּיל. דאָס איז דאָס איינציגע וואָס קען מיר העלפען.

— אפשר זאָל איך רופען אַ דאָקטאָר? — האָט האָפּמאַן פאָרגעשלאָגען.

— ניין, ניין, — האָט דאָס מיידעל אונטערגעכאַפּט מיט אַ מאָדנעם שמייכעל. — מען דאַרף ניט קיין דאָקטאָר. דער פּיל איז דאָס איינציגע, וואָס קען מיר העלפען. קאָנט איהר עס טאָן פאַר מיר?

— זיכער, זיכער, — האָט האָפּמאַן אונטערגעכאַפּט. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שטיקעל פּאַפּיר און אַ בלייַשטיפט, גרייט צו פאַרשרייבען.

— וואוהין זאָל איך געהן?

דאָס מיידעל האָט איהם אָנגערופען אַ נאָמען און געזאָגט דעם אדרעס.

— און זאָגט איהם, — האָט זי צוגעגעבען — אַז לאה בעט איהם, אַז ער זאָל געבען איין פּיל נומער 9. און דאָס איז אַלעס. ער וועט שוין וויסען.

האָפּמאַן איז אויף דער גיך אַרויס אין גאַס, האָט געכאַפּט אַ טעקסי-קעב און איז אַוועקגעפאָהרען לויט דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס. דער מאַן, צו וועלכען ער איז געפאָהרען, האָט געוואוינט אַזוי ווייט, אַז עס האָט גערויערט איבער אַ שעה אהין צו פאָהרען.

האָפּמאַן איז אַרויף אויפ'ן דריטען שטאָק פון יענעם הויז, האָט געפונען די טיר און אָנגעקלאַפּט. אַ פאַרשלאָפענע שטים האָט געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

— עפענט, זייט אַזוי גוט, — האָט האָפּמאַן געזאָגט, — זעהר נויטיג.

עמיצער האָט זיך אין יענעם צימער אַ שטיקעל צייט געפּאָרעט, און ענדליך האָט זיך די טיר געעפענט. אויפ'ן שוועל איז געשטאַנען אַ הויכער יונגערמאַן, אָנגעטאָן אין אַ שלאָף ראָק, מיט פּאַנטאָפעל אויף די באָרוועסע פיס.

— וואָס פאַרלאַנגט איהר?

האָפּמאַן איז אַריין אינעווייניג, האָט איהם דערצעהלט, אַז זיין שכנה, אַ מיידעל מיט'ן נאָמען לאה, האָט איהם געשיקט; אַז זי איז קראַנק און האָט היץ און אַז זי בעט איין פּיל נומער 9.

דער מאַן האָט זיך אויסגעדרעהט צו איהם מיט'ן רוקען, האָט זיך ערגעץ געפּאָרעט צווישען זיינע זאַכען, האָט אַרויסגענומען אַ פּיל, האָט עס איינגעוויקעלט אין פּאַפּירלאַך און דערלאַנגט. האָפּמאַן האָט דעם פּיל אַריינגעלייגט צו זיך אין וועסט-קעשענע, האָט געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" און איז אַרויס פון הויז. אין דרויסען האָט ער גענומען די פריהערדיגע טעקסי, וואָס האָט אויף איהם געוואַרט, און איז אַוועקגעפאָהרען צוריק אַהיים.

לאה איז געלעגען מיט פאַרמאַכטע אויגען. ווען ער איז צוגעגאַנגען צו איהר בעט, האָט זי געעפענט די אויגען און געקוקט אויף אַהים ווי אַ פאַרטשאַדעטע. עס האָט גערויערט אַ פּאָר מינוט ביז זי האָט קלאָהר באַגריפען וואָס עס טוט זיך אַרום איהר. האָפּמאַן האָט איהר דערלאַנגט דעם פּיל מיט אַ גלאָז וואַסער.

אָבער אַזוי ווי ליגענדיג האָט זי איהם ניט געקענט איינשלינגען, האָט האָפּמאַן ארומגענומען איהר האַלז מיט דער רעכטער האַנט, זי אונטערגעהויבען און דערלאַנגט דאָס וואַסער. לאה האָט גענומען אין מויל דעם פּיל, פּאַרטרונקען מיט וואַסער און איהם איינגע־שלונגען. און דאַן האָט זי האָפּמאַן צוריק אַראָפּגעלאָזט אויפ׳ן קישען.

האָפּמאַן האָט זי בעסער איינגעדעקט און זיך געזעצט אויף א שטול אָן א זייט.

— איך דאַנק אייך זעהר פאַר דער טובה, — האָט לאה גע־זאָגט מיט א שוואַכער שטים, — אָבער מעהר דאַרף איך גאָר ניט.

— גוט, גוט. ליגט רוהיג. — האָט האָפּמאַן איהר אָפּגע־ענטפערט און זיך באַקוועמער געמאַכט אין שטול, און קענטיג איז געווען, אַז ער קלייבט זיך דאָ צו זיצען א גאַנצע נאַכט.

— מעהר דאַרף איך גאָר ניט. — האָט איהם לאה ווידער גע־זאָגט. — איהר קענט געהן צוריק צו זיך און זיך לייגען שלאָפען.

האָפּמאַן האָט אויף איהר א קוק געטאָן.

— וואָס מיינט איהר, איך וועל אייך איבערלאָזען אַליין אין אַזאַ צושטאַנד?

לאה האָט שוואַך א שמייכעל געטאָן.

— האָט קיין מורא ניט. איצטער וועל איך רוהיג שלאָפען, און מאָרגען אין דער פריה וועל איך זיין געזונט. א שעהנעם דאַנק אייך פאַר דער טובה. איהר מעגט געהן שלאָפען. אויב איך וועל אייך דאַרפען, וועל איך אייך רופען.

האָפּמאַן איז אַוועק צו זיך אין צימער, אָבער פריהער האָט ער איהר פאַרזיכערט, אַז ער האָט א סך אַרבייט און וועט סאַי ווי זיצען א גאַנצע נאַכט און שרייבען; איז דעריבער זאָל זי זיך ניט שעמען און אָנקלאַפּען אין וואַנט און איהם א רוף טאָן, ווען זי וועט איהם דאַרפען. און זי האָט איהם פאַרזיכערט, אַז זי וועט עס טאָן.

האָפּמאַן איז אָפּגעזעסען א גאַנצע נאַכט און געוואַרט אַז זי זאָל איהם רופען. זי האָט איהם אָבער ניט גערופען. אין דער פריה איז ער אַריינגעגאַנגען צו איהר א קוק טאָן וואָס זי מאַכט. ער האָט אין טיר ניט אָנגעקלאַפּט, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז זי ליגט א הילפסלאָזע אין בעט. מעגליך, אַז זי שלאָפט. קען ער

זי נאָך מיט'ן קלאַפּען אויפוועקען. ער האָט אָבער געהאַט אַ גרוי־סען טעות.

ער האָט שטיל און פאַרזיכטיג געעפנט די טיר און דער־זעהן לאה'ן. זי איז געשטאַנען אין מיטען צימער אַן אָנגעטאָ־נענע, מיט'ן רוקען צו דער טיר. קענטיג, אַז זי האָט זיך געקליבען ארויסגעהן. דערהערנדיג, אַז מען האָט געעפנט די טיר, האָט זי זיך מיטאַמאָל אומגעקערט און פאַרוואונדערט אָנגעקוקט האָפּ־מאַנ'ען, ווי זי וואָלט איהם פרעגען, ווי ער וואגט עס אריינצוגעהן אין אַ פרעמדען צימער אָהן ערלויבניש. זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט און אַ שמייכעל געטאָן.

דערזעהענדיג לאה'ן אָן אָנגעטאָנענע, אַ געזונטע און אַ פרי־שע, ווי זי זאָל קיינמאָל ניט האָבען געוועזן קראַנק, איז האָפּמאַן געבליבען שטעהן ביי דער טיר אַזוי פאַרוואונדערט, אַז ער האָט קיין וואָרט ניט געקענט אויסריידען.

און לאה האָט אנגעצויגען אויף די הענט די האַנדשוה און געלאַכט:

— טפו, טפו, טפו! . . . גיט נישט קיין עין־הרע . . . איהר זעהט? איך האָב אייך נעכטען געזאָגט, אַז אין דער פריה וועל איך זיין געזונט. איהר קענט מיר נאָך ניט. אָט אַזאַ בין איך: מיטאַמאָל ווער איך קראַנק, און מיטאַמאָל ווער איך געזונט, אויב איך קריג נאָר די נויטיגע פּילען. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז דער לאַנדסמאַן מיינער האָט די פּילען. אָבער איהר זיינט אַן אמת'־ער פריינט אין נויט, און איך וועל עס אייך קיינמאָל ניט פארגע־סען.

אזוי האָט לאה געפּלוידערט, און האָפּמאַן האָט דאָך ניט פאַר־שטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. פון אַזאַ היץ, פון אַזאַ שרעקליכען צושטאַנד ווערען געזונט אין עטליכע שעה צייט, — דאָס האָט שוין געגרעניצט מיט כישוף.

— איז וואָס־זשע קלייבט איהר זיך איצטער טאָן? איהר ווילט יעצט אוועקגעהן? — האָט זי האָפּמאַן געפרעגט. — ארויס־געהן אין גאַס נאָך אַזאַ נאַכט?

לאה האָט איהם פאַרזיכערט, אַז עס איז גאַרניט; אַז דאָס איז שוין ביי איהר ניט דאָס ערשטע מאָל. און האָט זיך מיט איהם טאַקע באַלד אָפּגעזעגענט און איז אוועקגעגאַנגען. קענטיג, אַז זי האָט זיך געאיילט.

און האָפמאַן איז אַריין צו זיך אין צימער, האָט זיך אויסגע-טאָן און זיך געלייגט שלאָפן און איז אָפּגעשלאָפן ביז פאַר-נאַכט. און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך אַרומגע-וואַשען, זיך אָנגעטאָן און זיך געזעצט וואַרטען. ער האָט גע-וואָרט צו דערהערען „איהרע" טריט אין קאָרידאָר.

מענשען זיינען געגאַנגען איבער דעם קאָרידאָר הין און צוריק, און יעדעס מאָל, ווען עמיצער איז דורכגעגאַנגען, האָט ער זיך איינגעהערט. דאָס זיינען אָבער ניט געווען איהרע טריט. און ווען ער האָט ענדליך איהרע טריט דערהערט. האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אין האַנט דעם מאַנטעל און איז אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר מיט אַזאַ געמאַכטער מינע פון גלייכגילטיגקייט, ווי די באַגעגעניש מיט איהר זאָל זיין אַ צופעליגע.

— אָ, וואָס מאַכט איר, לאה? ווי פיהלט איר? — האָט ער זיך דערפרעהט, טרייסלענדיג איהר האַנט.

און לאה האָט אַזוי פריינדליך געשמייכעלט און איהם פאַר-זיכערט, אַז זי פיהלט אויסגעצייכענט.

ער האָט איהר געפרעגט, צי זי האָט שוין געגעסען און צי זי וואָלט ניט געגאַנגען מיט איהם אין רעסטאָראַן. האָט איהם לאה געענטפערט, אַז עס טוט איהר לייד, נאָר דעם היינטיגען אָוועגט איז זי זעהר פאַרנומען. זי איילט זיך זעהר. נאָר אויב ער וויל, זאָל ער זי באַגעגענען מאָרגען אָוועגט, נאָך דער אַרבעט.

זי האָט איהם געזאַגט וואו זי אַרבייט, ווען זי געהט אַרויס פון שאַפּ און וואו איהר רעסטאָראַן געפינט זיך. איז אויב ער וויל, זאָל ער זי דאָרטען באַגעגענען.

יענע נאַכט און דער מאָרגענדיגער טאָג האָבען זיך פאַר האָפּ-מאַנ'ען געצויגען זעהר לאַנג; אָבער ווען לאה איז אויף מאָרגען פאַרנאַכט אַרויס פון שאַפּ צוזאַמען מיט צעהנדליגער אַנדערע אַר-בייטער, האָט זי איהם געטראָפען וואַרטענדיג.

זיי זיינען אַוועק צוזאַמען אין אַ רעסטאָראַן, צוזאַמען געגעסען און דערנאָך זיינען זיי אַוועק אין פּאַרק, און דאָרטען זיינען זיי טיילווייז געזעסען אויף אַ באַנק, און טיילווייז אַרומגעשפּאַצירט ביז שפּעט, שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז אָט די לאה, אָט דאָס שאַפּ-מיידעל, איז אַן העכסט געבילדעטע און אינטעליגענטע פרוי. און

האָפמאַן האָט נאָך געהאַט דעם געפיהל, אַז זי ווייסט אַ סך מעהר, ווי זי ציינגט עס אַרויס. פון דעם געשפרעך מיט איהר האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זי אַרבייט אין שאָפּ כדי צו מאַכען אַ לעבען, און אין די אָווענטען געהט זי אין אוניווערסיטעט, וואו זי נעמט קורסען איבער סאָציאַלע פראַגען און ליטעראַטור. דערפאַר זיינען עס ביי איהר די אָווענטען פאַרנומענע. היינטיגען אָווענט האָט זי דורכגעלאָזען צוליב איהם, צוליב האָפמאַנ׳ען. אָבער נעכטען האָט זי עס בשום אופן ניט געקאָנט טאָן. מאָרגען אויך ניט.

יענער אָווענט איז ביי האָפמאַנ׳ען געוועזען אַ יום-טוב׳דיגער און איהם אנגעפילט מיט וואַרימקייט און גליק. ער האָט אָבער געמוזט וואַרטען נאָך גאַנצע דריי טעג ביז ער האָט זי ווידער באַגעגענט און ווידער פאַרבראַכט מיט איהר אַן אָווענט, פריהער אין רעסטאָראַן, און דערנאָך אין פּאַרק.

דעם דריטען מאָל האָט ער זי געדאַרפט באַגעגענען היינט, אין דעם טאָג, ווען עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז ער פאָהרט אין דעם לאַנד פון די רויטע אידעלאַך, אויף יענער זייט סמבטיון. און דערפאַר האָט ער זיך אַזוי געאײלט.

און ווען זיי זיינען, נאָכ׳ן רעסטאָראַן, אַרומגעגאַנגען איבער די אַלעען פון פּאַרק, האָט ער זי געפיהרט אונטער׳ן אָרעם, און האָט פיליכט אַליין ניט געפיהלט, ווי שטאַרק ער האָט איהר האַנט געדריקט צו זיין זייט. און זי האָט ניט פּראָטעסטירט.

— איהר ווייסט, לאה? איך דאַרף אייך עפּעס זאָגען . . . איהר ווייסט? איך פאָר אַוועק די טעג אין אַ ווייטען, ווייטען וועג. איך וועל אייך אפשר ניט זעהן עטליכע חדשים נאָכאַנאַנד. וועט איהר נאָך מיר בענקען?

— וואוהין פאָהרט איהר עס, אויב איך מעג פרעגען? — האָט לאה געפרעגט, ניט ענטפערנדיג אויף זיין פראַגע.

— נו, אדרבה, טרעפט, איהר זיינט דאָך אַ קלוג מיידעל, טאָ טרעפט וואוהין איך פאָר.

— ווי אַזוי קען איך טרעפען? — האָט לאה געזאָגט, — די וועלט איז דאָך אַזוי גרויס!

— איהר ווילט, איך זאָל אייך זאָגען?

— אויב עס איז קיין סוד ניט.

— אַ סוד איז עס שוין גאָר אַ גרויסער; אָבער צו אייך האָב

איך אזוי פיל צוטרויען, אז איך וועל פון אייך קיין סודות ניט האלטען.

— קיין זאך פארשאפט מיר ניט אזוי פיל פארגעניגען, ווי דאן, ווען מענשען האבען צו מיר צוטרויען, — האט לאה געזאגט. — אבער אפשר איז ניט כדאי?

— ניין, ניין. איך וועל אייך זאגען. אבער דאס מוז בלייבען אבסאלוט צווישען אונז. עס איז א שטרענגער רעדאקציאנעלער סוד. זאגט איהר מיר צו?

— יא.

— איהר וועט מיר אבער ניט באטראכטען פאר א משוגענעם?

— אויב איהר וועט ניט רעדען ווי א משוגענער, וועל איך אייך פאר קיין משוגענעם ניט באטראכטען.

— איך פאר אין לאנד פון די רויטע אידעלאך, אויף יענער זייט סמבטיון.

לאה'ס האנט האט אונטער האפמאנ'ס ארעם א ציטער געטאר. זי האט זיך אפגעשטעלט און א קוק געטאן אויף איהר באגלייטער.

— צוליב וואס פארט איהר אהין. אויב איך מעג עס פרעגען?

— אט, גלאט אזוי זיך . . . — האט האפמאן אנגעהויבען שטאמלען. איהם האט שוין פארדראסען, וואס ער האט ארויסגעגעבען אזא וויכטיגען רעדאקציאנעלען סוד. — איך וויל זעהן, ווי אזוי אונזערע אידעלאך לעבען זיך אויף יענער זייט סמבטיון.

— ווייסט איהר כאטש ווי ווייט דאס איז און מיט וועלכע שוועריגקייטען און געפאהרען אזא רייזע איז פארבונדען? — האט איהם לאה געפרעגט.

— איך בין דארטען קיינמאל ניט געוועז, — האט האפמאן געענטפערט מיט א שמייכעל, — איך שטעל זיך אבער פאר, אז די אונטערנעמונג דארף זיין ניט פון די לייכטע. וואס זאל איך אבער טאן, אז מען איז א צייטונגס-מענש. און ווען די צייטונג פאדערט, טאר מען זיך פאר קיין זאך ניט אפשטעלען.

זיי האבען נאך גערעדט אביסעל וועגען דער רייזע און דערנאך איז דער געשפרעך אריבער אויף אנדערע פראגען. יענע נאכט האבען זיי ארומגעשפאצירט שפעטער ווי אלע מאל, און האפמאן האט זי געפיהרט אונטער'ן ארעם, האט שטארק געדריקט

איהר האַנט צו זיין זייט און איז געווען פאַרשיכור'ט פון גליק.

אַהיים איז מען געקומען שפּעט נאָך האַלבע נאַכט. האָפמאַן האָט צוגעפיהרט לאַה'ן צו איהר טיר און געוואַרט ביז זי וועט די טיר אויפשליסען און עפענען. דערנאָך האָט ער זיך מיט איר געזעגענט. ער האָט לאַנג געדריקט איהר האַנט, און פּלוצים האָט ער זי אַרומגענומען און זי אַ קוש געטאָן.

לאה האָט ניט געענטפערט, אָבער אויך ניט פּראָטעסטירט.

יענע נאַכט איז האָפמאַן אַנטשלאָפען געוואָרען אַ גליקליכער און עס האָבען זיך אים געחלומ'ט זיסע חלומות.

און צוויי טעג שפּעטער איז ער אַוועקגעפאָהרען.

**.3**

דאָס לאַנד, וואוהין אונזער העלד, שמואל האָפמאַן, האָט זיך אַוועקגעלאָזען, איז געווען זעהר, זעהר ווייט פון דעם לאַנד, וואָס ער האָט פאַרלאָזען. און וואָלט אונזער געשיכטע פאָרגעקומען מיט וועלכע הונדערט יאָהר צוריק, וואָלט איהם געדויערט אַ סך חדשים אַהין אָנצוקומען. לעבען מיר אָבער אין אַ צייט פון שנעלע אייזענבאהנען, דאַמף-שיפען, אויטאָמאָבילען און עראָפּלאַנען, האָט איהם די רייזע געדויערט אַ סך, אַ סך ווייניגער צייט, ווי זי וואָלט געדויערט אַמאָל, מיט וועלכע הונדערט יאָהר צוריק.

איז האָפמאַן געפאָהרען און געפאָהרען אַזוי לאַנג, ביז ער איז געקומען אין אַ דאָרף, און דאָס דאָרף איז געווען דאָס לעצטע און איז געלעגען אויף דער גרענעץ פון יענער וויסטעניש, וואו די הרי חושך הויבען זיך אָן.

ווען מען געהט אַרויס אין פעלד אויף מזרח-זייט פון אָט דעם דאָרף, זעהט מען פון ווייטענס אַ לאַנגע קייט פון הויכע טונקעלע בערג וואָס וואַרפען אָן אַן אומעט אויף אַ פרעמדען, פריש געקומענעם. אויף אָט דעם פעלד, צו מזרח-זייט פון דאָרף, וואַקסט אַרימע גראָז, און בייטאָג פּאַשען זיך דאָ אייזלען, שעפּסען און ציגען, און באָרוויסע אָפּגעריסענע קינדער היטען זיי. אָבער ביינאַכט וועט איהר דאָ קיין לעבעדיגען נפש קיין מאָל ניט באַגעגענען. און טרעפט אַמאָל, כאָטש זעהר זעלטען, אַז דער ווינט הויבט אָן בלאָזען פון מזרח-זייט, פון דער זייט פון די „שוואַרצע

בערג", פאלט אן א טויט-שרעק אויף די איינוואוינער פון אט דעם דארף. און דאן קלייבן זיך צוזאמען אלע דארפסלייט אין אן אלט הייזעל, וואס דינט זיי אלס טעמפעל און זיי זיינען מתפלל ווער ווייסט צו וועלכן גאט. און עס טרעט דאן ארויס איין מאן, קענטיק א מין פריסטער, אדער כשוף-מאכער, אדער ביידע זאכן צוזאמען, און ער שרייט, און בלאזט, און פייפט און מאכט מיט די הענט. און דער עולם טוט איהם נאך: מען שפרינגט, מען שרייט, מען בלאזט און מען פייפט. דאס טרייבט מען אוועק די בייזע גייסטער, מיט וועלכע די „שווארצע בערג" זיינען פול און וועלכע ווילען זיך מיט'ן ווינט אריינרייסען אין דארף אריין.

האפמאן איז אריינגעקומען אין דארף און זיך אפגעשטעלט אין מיטען א ליידיגען פלאץ. באלד זיינען פון אלע זייטען אנגעקומען מענשען, יונגע און אלטע, און איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען, לויט זייער אויסזעהן און לויט זייערע אפגעריסענע בגדים איז שווער געווען צו באשטימען צו וועלכער ראסע אדער צו וועלכען פאלק זיי באלאנגען. זיי האבען אויסגעזעהן אי עהנליך צו אראבער, אי עהנליך צו מאנגאלען.

האפמאן האט אנגעהויבען צו זיי רעדען און מאכען מיט די הענט; אבער זיי האבען איהם ניט פארשטאנען. און ווען זיי האבען צו איהם גערעדט און אויך געמאכט מיט די הענט, האט ער זיי ניט פארשטאנען. און דאן האבען די אלע מענער אנגעהויבען קוקען אין איין זייט פון דארף, מאכען אהין מיט די הענט און רופען. און אין יענער זייט דארף האט זיך דאן באוויזען א פארשוין, איינער פון די דארפסלייט זייערע, און אנגעהויבען צו קומען אלץ נעהענטער און נעהענטער; און די דארפסלייט האבען אויף איהם געקוקט מיט ערווארטונג.

עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז דער מאן איז אמאל געווען אין אינדיע און האט דארטען באדינט די ענגלישע סאלדאטען, און געקענט א סך ענגלישע ווערטער. און אט דער מאן האט עס געזאלט זיין דער איבערזעצער צווישען האפמאנ'ען און די דארפסלייט.

און אט דעם איבערזעצער האט עס האפמאן ערקלעהרט, אז ער וויל דינגען עמיצען, וואס זאל איהם דורכפיהרען דורך די הרי חושך און ביז צו דעם סמבטיון.

ווען דער איבערזעצער האָט איבערגעגעבן זיינע ווערטער צו די ארומיגע, האָבן זיי זיך מאָדנע דערשראָקן און זיך אָפּגערוקט פון האָפּמאַנ'ען. זיי האָבן הויך ווענן עפּעס גערעדט צווישן זיך און אויפגערעגט געמאכט מיט די הענט.

און דאָ איז פון צווישן די דאָרפסלייט ארויסגעטראָטן א קליינער אַלטער מאַן מיט א לענגליך שיטער גרוי בערדעל און מיט רויטע, קראַנקע אויגן. אין זיין רעכטער האַנט האָט ער געהאַל-טען א לאַנגען שטעקען, וואָס איז געווען העכער פון איהם. זיין פּנים איז געווען ערנסט און שטרענג. דורך דעם איבערזעצער האָט ער פאַר האָפּמאַנ'ען געהאַלטען א רעדע, וועלכע מיר מוזען דאָ איבערגעבן אין אונזער לשון, האַלטענדיג זיך אָן דעם אָריגינאַל אזוי נאָהענט ווי מעגליך.

— הער זיך איין צו מיינע רייד, אָה, דו פרעמדער מאַן. — אזוי האָט דער אַלטער אָנגעהויבן. — ניט קיין פּאַסענדע רייד רעדסטו צו די לייט פון מיין דאָרף ווען דו שלאָגסט זיי פאָר, אז מען זאָל מיט דיר געהן דורך די „שווארצע בערג״ און ביז צו די ברעגען פון סמבטיון. איך פאַרשטעה מיט מיין קלוגען שכל, אז דו קומסט פון א ווייטען לאַנד און פון א פרעמדער מדינה, און דו ווייסט ניט אונזערע מנהגים, אונזערע אויפפיהרונגען און די ווע-גען פון אונזער לעבען. זיימען מיר דיר מוחל דיינע ניט פּאַסענ-דע רייד וואָס דו האָסט צו אונז געטאָן רעדען. זיי זשע וויסען, אָה, דו פרעמדער, אז דאָרטען, אין די „שווארצע בערג״, איז די קעניגרייך פון שדים, רוחות און בייזע גייסטער. און וועה איז צו יענעם, וואָס פאַרנעמט ניט די רייד פון די קלוגע און אַלטע לייט פון זיין דאָרף און טרעט אריבער די שוועל פון אָט די „שווארצע בערג״. אזא איינער וועט שוין מעהר קיינמאָל ניט זעהן ניט זיין פאָטער, ניט זיין מוטער, ניט זיין ברודער און ניט זיין שוועסטער. ניט זיין פרוי און ניט זיינע קינדער, ניט זיינע פריינט און ניט זיינע פיינט.

און ווען דער אַלטער האָט געענדיגט, האָט איהם האָפּמאַן גע-ענטפערט דורך דעם איבערזעצער אויך מיט א רעדע בזה הלשון:

— אָה, דו אַלטער מאַן, וואָס דיין קאָפּ איז פול מיט חכמה, ווי א מילגרוים מיט קערנער. עפן דיינע אויערען און הער צו די רייד פון מיינע ליפּען. פון דער טיפעניש פון מיין הארצען טו איך

דיר דאַנקען פאַר דיינע קלוגע רייד און פאַר דיינע פריינדליכע וואָרנונגען. איך טו דיר אָבער טאָן פאַרזיכערען, אַז איך טראָג מיט זיך אַ סגולה, וואָס איז מיר פאַרבליבען בירושה פון מיין עלטער־עלטער זיידען, און די סגולה היט מיך אָפּ פון שדים, פון רוחות און פון בייזע גייסטער. און אויב צווישען דיינע דאָרפסלייט וועט זיך ניט געפינען איינער, וואָס וועט מיך דורכפיהרען דורך די „שוואַרצע בערג" — צי וועט זיך אַמוויינינגסטען ניט געפינען צווישען אייך איינער אַ העלד, וואָס זאָל מיך צופיהרען מיט זיין אייזעל ביז דעם אנפאַנג פון די בערג און מיר אָנצייגען דעם וייטערן וועג? איך וועל דערפאַר קעניגליך באַלוינען מיט מטבעות פון קופּער און מיט מטבעות פון זילבער".

אַ ווײַלע איז געווען שטיל, און דאַן האָט איהם דער איבערזעצער פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— וויפיל וועל איך קריגען פאַר באַגלייטען דיך צו דעם אָנפאַנג פון די בערג און אָנצייגען דיר דעם וייטערן וועג?

— וויפיל פאַרלאַנגסטו? — האָט איהם האַפּמאַן געפרעגט.

דער איבערזעצער האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און ענדליך אויסגעשאָסען אַ פּרייז. לויט דעם טאָן, ווי ער האָט עס אַ זאָג געטאָן און לויט דעם אופן, ווי ער האָט זיך דערביי געהאַלטען, האָט דער פּרייז געדאַרפט זיין גוואַלדיג, פאַבעלהאַפט גרויס. אָבער האַפּמאַן האָט זיך ניט איבערגעשראָקען, האָט זיך ניט געדונגען און באַלד מסכים געווען.

דער איבערזעצער איז באַלד אַנטלאָפען אין יענער זייט פון דאָרף, פון וואַנען ער איז פריהער געקומען, און עטליכע מינוט שפּעטער האָט ער זיך פון דאָרטען צוריק באַוויזען פיהרענדיג אַן אייזעל פאַר'ן צוים. ער האָט אַרויפגעלייגט האַפּמאַנ'ס פּעקעל אויפ'ן אייזעל און האַפּמאַן אַליין האָט זיך געזעצט אויפ'ן אייזעל רייטענדיג. דער איבערזעצער האָט גענומען דעם אייזעל פאַר'ן צוים און איהם אָנגעהויבען פיהרען איבער דער לענג פון דאָרף.

ביים עק דאָרף האָט מען זיך אָפּגעשטעלט לעבען ברונעם. האַפּמאַן האָט זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער און אָנגעפילט מיט וואַסער די בלעכענע כלי, וואָס ער האָט מיט זיך געפיהרט, און מען איז אַוועק ווייטער. ..

אויפ'ן פעלד צו מזרח פון דאָרף האָט געוואַקסען אָרימע גראָז.

אייזלען, שעפּסען און ציגען האָבען זיך דאָ געפּאַשעט, און באַר־וויסע, אָפּגעריסענע קינדער האָבען זיי געהיט. אָבער וואָס ווייטער פון דאָרף און וואָס נעהענטער צו די „שוואַרצע בערג“ איז דאָס גראָז געוואָרען אָרימער, און דער באָדען זאַמדיגער. קיין אויסגעטראָטענע וועגען זיינען דאָרטען ניט געווען; מען איז נאָר געגאַנגען אין אַ גלייכער ליניע.

און ענדליך איז מען צוגעקומען צו די פיס פון די ערשטע בערג. דאָ, צווישען צוויי הויכע בערג, וואָס האָבען זיך פּלוצים געהויבען פון דער ערד אין גלייכע ווענט, איז געווען אַ שמאָלער טאָל, אָדער דורכגאַנג, וואָס פיהרט ערגעץ טיף אין די הרי חושך אריין. און דאָ האָט מען זיך אָפּגעשטעלט.

האָפּמאַן איז אַראָפּגעקראָכען פון אייזעל, און דער באַגלייטער האָט אַראָפּגענומען דאָס פּעקעל און די בלעכענע פלאַש מיט וואַסער און עס אַנידערגעלייגט אויף דער ערד. האָפּמאַן האָט דאַן אַרויסגענומען פון קעשענע זיין בייטעל און זיך צעצאָהלט מיט דעם באַגלייטער.

ווען דער באַגלייטער האָט דערזעהן דעם גוט אָנגעפּאַקטען בייטעל, האָבען זיינע אויגען אָנגעהויבען גלאַנצען מיט אַ מאָדנעם גלאַנץ און ער האָט צו זיך אַזוי געטראַכט:

„באַלד וועט אָט דער פרעמדער אריינטרעטען אין האַרץ פון די „שוואַרצע בערג“, און דאָרטען וועלען איהם באַפאַלען די שדים, רוחות און בייזע גייסטער און וועלען איהם פּאַרמאַטערען אויף טויט. און דער פרעמדער וועט פאַלען און וועט זיך אויסציהען איבער דער קאַלטער שטיינערנער שוואַרצער ערד, און עס וועלען אָנהויבען פוילען זיין פלייש. זיינע ביינער, זיינע קליידער און זיין פּעקעל. און צוזאַמען מיט זיי וועט צעפוילט ווערען דער בייטעל מיט'ן געלט, און קיינער וועט פון דעם קיין נוצען ניט האָבען. וואָלט עס ניט געווען אַ סך קליגער און מעהר רעכט, אַז איך, זיין באַגלייטער, וואָס האָט איהם בשלום צוגעפיהרט צו די בערג און איהם אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, זאָל ירשנ'ען דעם בייטעל? מיט אַזוי פיל געלט וואָלט איך זיך געקענט קויפען נאָך אייזלען, שעפּסען און ציגען. איך וואָלט געקענט פּאַרריכטען מיין אַלטע הייזקע. און — ווער ווייסט? — אפשר איז דאָרטען פאַראַן גענוג געלט, אַז איך זאָל קענען קויפען נאָך אַ ווייב, אַן אינגע־

רע ווי מיינע? . . . מיט'ן מעסער, וואָס ביי מיר אין גאַרטעל, וואָלט איך איהם מיט איין קלאַפּ געקענט באַפרייען פון דעם באַרג מיט יסורים, וואָס עס וואַרטען אויף איהם אין הארץ פון די „שוואַר־צע בערג". זיין נשמה וואָלט מיר דערנאָך דאַנקבאַר געווען . . . "

דער באַגלייטער האָט אַרויסגענומען דעם מעסער פון גאַרטעל און זיך אָנגעהויבען פּאָרען אַרום דעם אייזעל. ווי ער זאָל כלומרשט אַרומשניידען די לייצעס און זיי פאַררוכטען און זיך גרייטען פאָר'ן וועג צוריק. און אין דער זעלבער צייט האָט ער געהאַלטען דעם מעסער אין האַנט און געזוכט אַ סטראַטעגישע פּאָזיציע און אַ פּאַסענדען מאָמענט.

וואָס דער באַגלייטער האָט געטראַכט — האָט האָפמאַן ניט גע־וואוסט. ער האָט אָבער באַמערקט דעם גלאַנץ אין זיינע אויגען און דעם גלאַנץ פון שטאָל אין זיין האַנט, און האָט באַשלאָ־סען, אַז עס וועט זיין געזינטער צו האַלטען זיך וואָס ווייטער פון דעם באַגלייטער. ער האָט זיך אָנגעהויבען פּאָרען אַרום זיין פּע־קעל, כלומרשט גרייטענדיג זיך אין וועג, און אין דער זעלבער צייט געזוכט אָפּצורוקען זיך וואָס ווייטער און ניט בלייבען צום באַגלייטער מיט'ן רוקען.

דער באַגלייטער האָט כלומרשט געשריען און געשלאָגען דעם אייזעל, און דער אייזעל האָט זיך גערוקט אַלץ נעהענטער צו האָפ־מאַנ'ען; און האָפמאַן האָט זיך סטראַטעגיש אָפּגערוקט און גע־זוכט צו געווינען שטח. דער שטח צווישען זיי איז דאָן געווען אַ 15-20 שפּאַן.

דער באַגלייטער האָט הפנים פאַרשטאַנען, אַז האָפמאַן פאַר־שטעהט איהם; האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז מיט דיפּלאָמאַטיע וועט ער גאָרניט אויפטאָן, האָט ער פּלוצים אָפּגעלאָזען דעם אייזעל און מיט'ן מעסער אין האַנט האָט ער זיך געלאָזט אָפּען געהן אויף האָפמאַנ'ען. אין דעם באַגלייטער'ס אויגען, וואָס האָבען געגלאַנצט ווי ביי אַ גזלן, האָט האָפמאַן מיטאַמאָל איבערגעלייענט זיין טויט־אורטייל.

האָפמאַן איז געוואָרען בלאַס ווי די וואַנט און האָט אָנגעהוי־בען אָפּטרעטען צוריקוועגן. דער באַגלייטער איז אויך געווען בלאַס, נאָר זיינע אויגען זיינען געווען רויט. ער האָט שווער געאָטעמט און איז לאַנגזאַם געטראָטען אויף האָפמאַנ'ען מיט'ן מעסער אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט.

מיט יעדער סעקונדע איז דער שטח צווישען זיי געוואָרען אַלץ קלענער. דער שטח צווישען זיי איז שוין געוואָרען ניט מעהר ווי אַ פינף־זעקס שפאַן. נאָך אַ סעקונדע און נאָך אַ סעקונדע, און די שרעקליכע טראַגעדיע וועט פאָרקומען . . . און פּלוצים איז עפּעס פאָרגעקומען.

האָפּמאַן האָט זיך קיין חשבון ניט געקענט אָפּגעבען, וואָס אייגענטליך דאָ איז פאָרגעקומען און פון וואַנען עס האָט זיך גענומען. אָבער דער באַגלייטער האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, האָט אַ געשריי געטאָן: „כאַאַאַן" האָט פאַרבויגען דעם קאָפּ אויף צוריק און איז געפאַלען אויף דער ערד מיט'ן פּנים אַרויף. זיין רעכטער פוס האָט אַ פּאָר מאָל אַ ציטער געטאָן. דער קאָפּ האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַ וויג געטאָן פון זייט צו זייט, און ער איז געבליבען ליגען רוהיג מיט די הענט צעוואָרפען פון ביידע זייטען ווי אַ צלם.

אין דעם ערשטען אויגענבליק האָט האָפּמאַן געמיינט, אַז דאָס איז אויך אַ סטראַטעגישע מאַנעוורע; אַז דער באַגלייטער האָט זיך אַבזיכטליך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און „מאַכט זיך גע'פגר'ט", כדי האָפּמאַן זאָל מיינען, אַז ער איז טויט און צוגעהן נעהענטער; דאַן וועט ער איהם דערשטעכען. האָפּמאַן האָט אָבער באַמערקט, אַז דער מעסער איז פון באַגלייטער'ס האַנט אַרויסגעפאַלען, אַז זיין פּנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ טויטער בלאַסקייט און אַז אויף דעם רעכטען שלייף איז ביי איהם געוואָרען אַ טונקעלבלויער פלעק. דער מויל איז ביי איהם געווען האַלב אָפען און די אויגען אויך טיילווייז אָפען און פאַרגלאָצט. עס איז קיין צווייפעל ניט געווען, אַז ער איז געווען טויט. אָבער וואָס אייגענטליך איז דאָ פאָרגעקומען און פון וואַנען האָט זיך עס גענומען?

עס האָט אויסגעזעהן, ווי דער באַגלייטער איז געטראָפען געוואָרען פון אַ בליץ. האָפּמאַנ'ען האָט זיך אפילו אויסגעדאַכט אַז ער האָט טאַקע באַמערקט עפּעס אין דער לופטען: עטוואָס עהנליכעס צו אַ זעהר שוואַכען און בלאַסען בליץ. אָבער פון וואַנען האָט זיך דער בליץ געקענט נעמען, ווען דער הימעל איז געווען ריין און קלאָהר און קיין איין וואָלקענדעל האָט מען ערגעץ ניט געזעהן? . . .

האָפּמאַן איז געשטאַנען אַן ערשטוינטער פון דעם גאַנצען אינ־

צידענס, וואָס איז געקומען אזוי פּלוצים און אומערוואַרטעט, ער האָט געטראַכט: וואָס וואָלט געווען, ווען ער אַליין וואָלט געשטאַנען מיט אַ פיר־פינף שפּאַן ווייטער? וואָלט ער דאַן געווען דער קרבן פון אָט דער מיסטעריעזער ערשיינונג? . . .

אָבער לאַנג טראַכטען האָט ער ניט געקאָנט. די צייט שטעהט ניט אויף איין אָרט, און דערצו האָט זיך איהם געוואָלט וואָס גיכער אַוועקגעהן פון דעם פּלאַץ, וואו דער טויטער באַגלייטער איז געלעגען . . .

האָפמאַן האָט אָנגעבונדען צו זיך אויפ'ן רוקען דאָס פּעקעל, גענומען אין האַנט די בלעכענע כלי מיט וואַסער און זיך געלאָזט געהן איבער דעם טאָל וואָס האָט זיך געצויגען ווי אַ שפּאַלט צווישען צוויי הויכע בערג.

4.

דער טאָל איבער וועלכען האָפמאַן איז געגאַנגען, איז געווען אַ שמאָלער און האָט זיך אַ שטיק וועג געצויגען אין אַ גלייכער ליניע. האָפמאַן האָט זיך עטליכע מאָל אומגעקוקט און געזעהן הינטער זיך אַ גרויסען שפּאַלט צווישען צוויי בערג, און דורך דעם שפּאַלט האָט זיך געזעהן אַ שטיק אָפענע פעלד. אָבער אָט האָט זיך דער טאָל פאַרקירעוועט אָן אַ זייט, הינטער דעם באַרג. האָפמאַן איז אַהין פאַרגאַנגען: און ווען ער האָט זיך שפּעטער ווידער אומגעקוקט אויף צוריק, האָט ער שוין מעהר קיין שפּאַלט און פעלד ניט געזעהן. ער האָט זיך דערזעהן אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט הויכע שוואַרצע בערג. האָפמאַן איז דאַן געווען אין האַרץ פון די הרי־חושך.

דאָ איז געווען שרעקליך שטיל, אַזוי שטיל, אַז עס האָט אַזש געדריקט אין די אויערן. קיין איין לעבעדיגען נפש האָט מען דאָ ניט געזעהן: ניט קיין חיה, ניט קיין פויגעל און אפילו ניט קיין אינסעקטען. אפילו קיין איין גרעזעל ניט. וואוהין ער האָט זיינע אויגען ניט געווענדעט — האָט ער געזעהן הויכע שוואַרצע בערג, און אויבען אַ שטיק בלויען הימעל.

האָפמאַן האָט אויפגעהויבען אַ פּאָר שטיינדלאַך און זיי באַטראַכט דורך זיין האַנט־מיקראָסקאָפּ, וואָס ער פלעגט שטענדיק טראָגען מיט זיך. עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז דאָס איז געווען

באזאלט. די גאנצע מאסע פון בערג און פעלזען ארום איהם איז באשטאנען פון דעם זעלבען שווארצען באזאלט, פון וועלכען עס באשטעהען די באריהמטע פאליסאדען אין ניו דזשוירזי ביי די ברעגען פון האדסאן.

און אזוי איז האפמאן געגאנגען ביז עס איז געווארען נאכט. און ווען עס איז געווארען אזוי פינסטער, אז ווייטער געהן האט מען ניט געקענט, האט ער זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד, אונ-טערגעלייגט דאס פעקעל צוקאפענס און איז אנטשלאפען געווארען.

גאנץ פריה, ווי נאר עס האט אנגעהויבען טאגען, איז ער אויפ-געשטאנען, האט אפגעגעסען און זיך געלאזט געהן ווייטער. איין זאך האט איהם אנגעהויבען באאומרוהיגען; פאר דער גאנצער צייט, וואס ער איז געגאנגען, האט ער ניט געזעהן נים קיין טייכ-לאך און ניט קיין אנדערע וואסער-קוואלען. האלב פון דעם וואַ-סער, וואס ער האט מיט זיך געטראגען אין דער בלעכענער כלי, האט ער שוין אויסגעטרונקען, אויב ער וועט זיין שפארעוודיג, וועט ער דאס איבעריגע וואסער צעציהען אויפ'ן גאנצען טאג. אבער וואס וועט מארגען זיין? אויב ער וועט ניט געפינען קיין וואַ-סער, וועט זיין זעהר, זעהר ניט גוט . . .

ארום האלבען טאג איז ער צוגעקומען צו א הויכען בארג, און אויף איהם האט ער זיך געלאזט קלעטערען. אויף דעם בארג האט האפמאן אנגעהויבען קריכען כדי צו באטראכטען דעם גע-גענד פון א העכערן פונקט. אפשר וועט ער דאך דערזעהן א טייך אדער א קוואל פון וואסער.

האלב וועג בארג ארויף איז געווען א מין נאטירליכע פלאט-פארם. דא האט זיך האפמאן אפגעשטעלט. ער האט אראפגענומען פון זיך דאס פעקעל, און אליין זיך געשטעלט ביים סאמע ברעג פון דער פלאטפארם און אנגעהויבען באטראכטען דעם געגענד. און אלץ, וואס ער האט פאר זיך געזעהן, איז בערג און בערג מיט טי-פע טאלען צווישען זיי. עס האט אויסגעזעהן, ווי טיפע פאלדען און קנייטשען האבען זיך דא פארמעהרט אויפ'ן פנים פון דער אלטער מוטער ערד. אבער קיין טייכען אדער אנדערע וואסערען האט ער ניט געזעהן. עס איז געווען שווארץ און טרוקען.

אט די שווארצקייט, אט די טרוקענקייט און אט די שרעקליכע שטילקייט האבען געדריקט אויף זיין נשמה, אויף זיין געמיט. עס

האָט זיך איהם געדאַכט, אַז אַט די אַלע הויכע און שווערע בערג ליגען ניט אויף דער ערד, נאָר אויף זיין קאָפּ, אויף זיין ברוסט און דריקען זיין נשמה מיט ביליאָנען און ביליאָנען טאָן. ער האָט זיך דערפיהלט שרעקליך איינזאַם, ווי די גאַנצע וועלט זאָל האָבען אויסגעשטאָרבען און ער איז געבליבען איינער אַליין אין דער גאַנצער וועלט. און כדי כאָטש וויפיעל ניט איז צו פאַרטרייבען אַט די איינזאַמקייט און צושטערען אַט די אַבסאָלוטע שטילקייט, האָט האָפּמאַן מיט זיין גאַנצער ברוסט אויסגעשריען:

— אָהאָאָ! . . .

דער קלאַנג איז באַלד אַנטלאָפען פון איהם, האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן דעם געגענאיבערדיגען באַרג און באַלד געקומען צוריק אין אַ ווידערקלאַנג:

— אָהאָ! . . .

דער ווידערקלאַנג האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן אַ צווייטען באַרג, דערנאָך אָן אַ דריטען, דערנאָך אָן אַ פערטען און אָן אַ פינפטען, און פון אַלע זייטען האָבען זיך אָנגעהויבען טראָגען ווידערקלאַנגען:

— אָהאָ! . . . אָהאָ! . . . אָהאָ! . . .

און אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען אַ פולע צוויי מינוט צייט. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער גאַנצער געגענד איז פול מיט לעבעדיגע גייסטער, וואָס האָבען זיך באַהאַלטען הינטער די בערג אַרום האָפּמאַנ׳ען און רייצען זיך מיט איהם. שטעקט אַרויס אַ גייסט זיין קאָפּ פון הינטער אַ באַרג, גיט אַ געשריי: „אָהאָ!“, און באַהאַלט זיך ווידער הינטער זיין באַרג. און באַלד נאָך דעם שטעקט אַ צווייטער גייסט אַרויס זיין קאָפּ פון הינטער אַ צווייטען באַרג, גיט אויך אַ געשריי: „אָהאָ“, און באַהאַלט זיך צוריק הינטער זיין באַרג. און אַזוי פון הינטער יעדען באַרג. און ערשט נאָך דעם, ווי דער לעצטער שטילער ווידערקלאַנג האָט זיך דערטראָגען, איז פאַריבער אַ האַלבע מינוט, אָדער מעהר, און פון ערגעץ פון ווייט, ווייט איז געקומען אַ שוואַכינקער, אַ פאַרשפּעטיגטער, אָבער גאַנץ דייטליכער „אָהאָ!“, ווי אַ קליין לאָשיקעל, וואָס לויפט נאָך אָפּגעזונדערט און ווייט הינטער זיין סטאַדע פערד.

אַט דער שפּיל פון די ווידערקלאַנגען צווישען אַט די שוואַרצע, טרוקענע און גלאַנציגע בערג האָט געוועקט אַ שרעק אין דער נשמה; אָבער די טויטע שטילקייט איז געווען ניט בעסער . . .

האָפּמאַן האָט ווידער אויסגעשריען: „אָהאָ!” דריי מאָל נאָכאַ־נאַנד, און באַלד איז די גאַנצע לופט אָנגעפילט געוואָרען מיט מי־ליאָנען „אָהאָס”, וואָס האָבען געטאַנצט, געשפּרונגען, געלאָפען, אי־בערגעיאָגט איינער דעם צווייטען, און זיך געקייקעלט פון באַרג צו באַרג, באַרג ארויף און באַרג אראָפּ, און אזוי פאַר לאַנגע, לאַנגע מינוטען...

און קיין וואַסער איז אַלץ ניטאָ...

.5

ווי שפּאָרעוודיק האָפּמאַן איז ניט געווען, אָבער ביז אווענט האָט ער אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע וואַסער ביז'ן לעצטען טראָ־פען. אויף מאָרגען אינדערפריה איז איהם שווער געווען צו עסען זיין פרישטיק, ווייל עס איז ניט געווען מיט וואָס צו פאַר־טרינקען. ער האָט דאָך אָפּגעגעסען און זיך געלאָזט געהן ווייטער. זעהר הייס איז דאָ ניט געווען; עס איז אָבער געווען גאַנץ וואַרים, און די לופט איז געווען אַ טרוקענע, האָט ער אָנגעהויבען פיהלען די דורשט. אין מויל איז איהם געווען טרוקען, דער צונג — קלעפּיג, און זיין גאַנצען קערפּער האָט געצויגען צו וואַסער: און קיין וואַסער איז ניט געווען...

ביינאַכט איז איהם געוואָרען עטוואָס לייכטער, ווייל די לופט איז געווען פרישער, קיהלער, און אויף די בערג האָט זיך אראָפּ־געלאָזען אַ לייכטער טוי. אָבער ווען ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פריה — האָט ער שוין מעהר קיין פרישטיק ניט געגעסען; אין מויל איז געווען צו טרוקען, אַז ער זאָל קענען קייען, און דערצו האָט ער מורא געהאַט, אַז דאָס עסען זאָל איהם ניט מאַכען נאָך מעהר דורשטיק.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און זיך געלאָזט געהן — אָבער יענעם טאָג איז ער ניט געגאַנגען, נאָר געקראָכען; אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר הונדערט שפּאַן — און זיך געזעצט אָפּרוהען. זיין הויט האָט אויף איהם געברענט. אין די פיס איז קיין קראַפט ניט געווען, און זיין גאַנצער קערפּער איז געווען אָנגעפילט מיט אַפּאַטיע, מיט אַ טעמפּע גלייכגילטיגקייט. נאָר איין זאַך האָט ער געהאַט אין זינען: וואַסער, וואַסער און וואַסער. און קיין וואַסער איז ניט געווען...

עטליכע מאָל האָט ער געזעהן מיראַזשען. אין די בערג זיי-נען געוועהנליך קיין מיראַזשען ניטאָ; אָבער האָפמאַנ'ען האָט זיך עטליכע מאָל אויסגעדאכט, אז ער זעהט פון דער ווייטענס אַ וואַ-סערל. ער האָט אָנגעהויבען געהן אַהין מיט פאַרשטאַרקטע טריט; אָבער וואָס נאָהענטער ער איז צוגעקומען, אַלץ בלאַסער איז עס געוואָרען, ביז עס איז פאַרשוואונדען. איין מאָל האָט זיך איהם אפילו אויסגעדאכט, אז ער זעהט אַ וואַסערל אויף דער זייט פון אַ באַרג.

יענע נאַכט איז פאַר איהם געווען זעהר אַ שווערע און אַן אומרוהיגע. ער האָט געזעהן אין חלום אַ פעלד; און אין מיטען פעלד איז געלעגען דער טויטער קערפּער פון זיין באַגלייטער. זיין מויל איז געווען האַלב אָפען. זיינע אויגען אויך האַלב אָפען און פאַרגלאָצט. זיין פּנים איז ווייס ווי וואַקס, און אויפ'ן שלייף — אַ טונקעל-בלויער פלעק.

ער האָט אויך געזעהן לאַה'ן. זי האָט זיך געדרעהט אַרום איהם און געווישט זיין צוהיצטען פּנים מיט נאַסע ערפרישענדע האַנטיכער. אָבער מעהר פון אַלץ האָט זיך איהם גע'חלום'ט וואַ-סער. ער האָט געזעהן וואַסער אין ברונימער, אין טייכען, אין אָזערעס, אין זיין בלעכענער כּלי. עס האָט זיך איהם אויך גע-חלומ'ט, אז ער טרינקט קאַלטע ביר און סעלצער-וואַסער . . .

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז נאָך געווען פינסטער. אָבער ליגען האָט ער שוין ניט געקענט. פון ליגען אויף האַרטע שטיינער, האָבען איהם געבראָכען די ביינער, און פון דורשט און טרוקענקייט האָט די הויט געשמאַרצט. ער האָט זיך אויפגעזעצט, אונטערגעהויבען די קני, אָנגעשפּאַרט אויף זיי די עלענבויגען און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט. און אַזוי איז ער אָפּ-געזעסען לאַנג, לאַנג ביז עס איז געוואָרען ליכטיג.

זיצענדיג אַזוי אָנגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אויף די הענט האָט ער געטראַכט וועגען דעם, צי ער זאָל נאָך מאַכען אַ פּאַרזוך צו געהן ווייטער, אָדער ער זאָל דאָ אַזוי בלייבען זיצען ביז'ן סוף . . . ער איז געווען זיכער, אז אין די גאַנצע הרי חושך איז קיין טראָ-פּען וואַסער ניטאָ. צו געהן האָט ער ניט קיין כּוח און ניט קיין חשק. ער איז געווען צו אַפּאַטיש, צו גלייכגילטיג. און צו וואָס דאַרף אנשטרענגען זיך און געהן? צו וואָס די איבעריגע מאַטער-

ניש ? וואָס איז שוין דער חילוק, צי ער וועט אויסגעהן דאָ, וואו ער זיצט איצטער, אָדער אַ האַלבע מייל ווייטער פון דאַנען ? . . .

„. . . מען האָט געדאַרפט איבערלאָזען אַ צעטעל. אָנשרייבען דעם פולען נאָמען, פון וואַנען ער קומט, דעם דאַטום און די אור־זאַך פון זיין טויט. טאָמער וועלען דאָ אַמאָל דורכגעהן מענשען און געפינען זיינע ביינער, זאָל מען וויסען, ווער דאָס איז גע־ווען" . . .

„אָבער וואו לייגט מען אוועק דאָס צעטעל ? עס קענען דאָך אַמאָל קומען רעגענס און ווינטען און עס פאַרניכטען . . . אָה, ער וועט עס אריינלעגען אין זיין בלעכערנע כלי פון וואַסער . . . פון וואַסער . . . מען וועט עס דאַרפען אַרומלייגען מיט שטיי־נער, כדי דער ווינט זאָל עס ניט פאַרטראָגען" . . .

„עס וואָלט געווען ניט מעהר ווי רעכט, ווען ער זאָל פאַר־שרייבען מיט אַלע איינצעלהייטען ווי אַזוי ער פיהלט. ווען דאָס צעטעל וועט אַמאָל אַריינפאַלען אין די הענט פון געלערנטע, וועלען זיי האָבען אַ באַריכט וועגען דעם, ווי אַזוי עס פיהלט און וואָס עס לעבט איבער אַ מענש, וואָס שטאַרבט פון דורשט צווי־שען שוואַרצע טרוקענע בערג" . . .

פון אָנפאַנג איז עס האָפמאַנ'ען געפעלען געוואָרען: דאָך וועט ער מיט זיך ברענגען וועלכע עס איז נוצען פאַר דער ווי־סענשאַפט. אָבער באַלד האָט די אַפּאַטיע אָנגעהויבען גובר זיין:

— „צו וואָס ? . . . ווער דאַרף עס ? . . . און וואָס איז דער חילוק ? . . .

עס איז שוין געווען גוט ליכטיג ווען האָפמאַן האָט אויפגעהוי־בען דעם קאָפּ פון די הענט און זיך אָנגעהויבען אַרומקוקען. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף לינקס, האָט אַ קוק געטאָן אויף רעכטס. און ווען ער האָט אַ קוק געטאָן צו דער רעכטער זייט פון זיך, האָט ער דערזעהן אַן אַלומיניעם עמער צוגעדעקט מיט אַ דעקעל. דער בלישטשענדער עמער איז געשטאַנען אַ 10-15 שפּאַן פון איהם.

האָפמאַן האָט געקוקט אויפ'ן עמער ווי מיט שיכורע אויגען; ער האָט געזעהן דעם עמער, אָבער ניט פאַרשטאַנען . . .

לאַנגזאַם האָט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט, און צו־געגאַנגען צום עמער און אַראָפּגענומען דאָס דעקעל.

דער עמער איז געווען פול מיט פרישע וואַסער . . .

האָפמאַן האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט דעם עמער מיט וואַסער האָבען דאָ אוועקגעשטעלט מענשען. קיין עמערס מיט וואַסער וואַקסען ניט אויף הארטע, טרוקענע פעלזען. עס קען זיין, אַז דאָס האָבען מענשען צוגעגרייט דעם עמער מיט וואַסער פאַר זיך אַליין. זיי געהען דאָ פאַרביי, ווילען זיי האָבען צוגעגרייט וואַסער. אָבער וואַרשיינליכער פון אַלץ האָט דעם עמער מיט וואַסער עמיצער אוועקגעשטעלט צוליב איהם, צוליב האָפמאַנ'ען, כדי צו רעטען איהם פון טויט. דאָס לעצטע איז וואַרשיינליכער פון אַלץ, ווייל נעכטען פאַרנאַכט האָט ער דעם עמער מיט וואַסער דאָ ניט געזעהן.

אָט די אַלע געדאַנקען זיינען דורכגעלאָפען דורך האָפמאַנ'ס קאָפּ מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ; און אין דער זעלבער צייט איז ער צוגעפאַלען צום עמער און אָנגעהויבען טרינקען.

ער האָט אָבער אַריינגענומען אין זיך ניט מעהר ווי אַ דריי זופּ וואַסער, ווי ער האָט אָנגעהויבען אין די געדאַנקען צו זיך אַליין רופען:

— „וואַרט! וואַרט! שטעל זיך אָפּ! . . . עס איז סם! . . וואַרט! . . . שטעל זיך אָפּ! . . .

און אויסגערופען צו זיך אָט די אַלע וואַרנונגען האָט ער מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט זיך טאַקע באַלד אָפּגעשטעלט און זיך אָפּגערוקט פון עמער.

— וואַרט, כאָפּ ניט! — האָט ער אָנגעהויבען רעדען צו זיך שוין אַ ביסעל רוהיגער. — וועסט זיך מיט אַמאָל צוכאַפּען צום וואַסער — וועסטו קריגען אַזעלכע קראַמפּען, אַזעלכע שמערצען, אַז דו וועסט פאַרשילטען דיין לעבענס-טאָג . . . כאָפּ ניט . . . דאָס וואַסער וועט איצטער ניט אַנטלויפען . . . איין זופּ יעדע צוויי מינוט. ניט אַנדערש . . .

אַזוי האָט האָפמאַן צו זיך גע'טענה'ט. ער האָט אָנגעשטרענגט זיין גאַנצען ווילענסקראַפט, האָט זיך געזעצט מיט'ן רוקען צום עמער און אָנגעהויבען קוקען אויפ'ן זייגער. די סעקונדען האָבען זיך גערוקט שרעקליך לאַנג; אָבער אויסגעפיהרט האָט ער: ביז עס זיינען ניט אַריבער פולע צוויי מינוט האָט ער זיך צום וואַסער ניט צוגעריהרט. און ווען די צוויי מינוט זיינען פאַריבער, האָט ער'ס מעהר ווי צוויי זופּ אין מויל ניט אַריינגענומען.

דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון פּעקעל אַ שטיק ברויט, האָט עס געטונקען אין וואַסער און געגעסען. אַריינגענומען אין מויל אַ שטיק נאַסע ברויט; לאַנגזאַם, לאַנגזאַם עס צוקייט און דערנאָך איינגעשלונגען. דערנאָך אָפּגעוואַרט אַ פולע מינוט צייט, און ווידער אָפּגעביסען אַ שטיק צעווייקטע ברויט.

יענער פרישטיק האָט איהם געדויערט אַ שעה צייט. אָבער ווען ער האָט אָפּגעגעסען, האָט ער זיך דערפיהלט גאָר אַן אַנדער מענש. ער האָט זיך ווידער דערפיהלט פריש, געזונט און פול מיט לעבען און ענערגיע. ער האָט שוין אויף אַן אָרט ניט געקענט איינ-זיצען. עס האָט זיך איהם געוואָלט געהן ווייטער. ער האָט זיך ווידער אנגעטרונקען מיט וואַסער, האָט אָנגעפילט מיט וואַסער זיין בלעכענע כלי און זיך געלאָזט געהן.

געהענדיג האָט ער געטראַכט וועגען דעם „נס" וואָס איז מיט איהם היינט פאָרגעקומען. איין זאַך איז פאַר איהם געווען קלאָהר, און דאָס איז, אַז דעם עמער מיט וואַסער האָט עמיצער ספּעציעל פאַר איהם אַוועקגעשטעלט. הייסט עס, אַז דאָ איז פאַראַן עמיצער, וואָס ווייסט וועגען איהם און פאָלגט נאָך זיינע באַוועגונגען. ווער זשע איז ער? . . . איז דאָס עמיצער פון דער זייט, אָדער „יענער זייט?" אויב פון „יענער זייט"; אויב דאָס איז אַ מין „ברוך-הבא", אַ מין ווילקאָמען, — פאַרוואָס זשע געהט „ער" ניט אַרויס אָפען? וואָס איז דאָס פאַר אַ באַהעלטע-ניש? . . . און — צי האָט עס ניט אַמאָל אַ שייכות צו דער געהיימער קראַפט וואָס האָט „אַוועקגעלייגט" זיין באַגלייטער, ווען יענער האָט איהם געוואָלט דערשטעכען?

ער האָט אויך געטראַכט וועגען דעם, וואָס פאַר אַן ענדע-רונג דאָס ביסעל וואַסער האָט אין איהם געמאַכט. מיט איין שעה פריהער האָט ער געהאַלטען ביים שטאַרבען, און מיט אַ שעה שפּעטער איז ער געוואָרען פריש און געזונט און פול מיט לעבען און ענערגיע.

דורך אַן אַסאָסיאַציע פון געדאַנקען האָט ער זיך דערמאַנט אָן דעם „כשוף פיל", וואָס ער האָט אַמאָל געבראַכט לאהין אין דער נאַכט, ווען ער האָט זיך מיט איהר באַפריינדעט און ווען זי איז איהם געוואָרען אַזוי טייער. ווען ער האָט זי דערזעהן — האָט זי געברענט ווי אין פייער, און ער איז ניט געווען זי-

כער, אז זי וועט בלייבען לעבען; און איין פיל האט זי צוריק לעבעדיג און געזונט געמאכט אין א פאר שעה צייט.

„וואס טוט זי איצטער? טראכט זי וועגען מיר? בענקט זי נאך מיר?" . . .

עס איז שוין געווען פארנאכט ווען ער האט זיך אויפגעהויבען אויף א ניט הויכען בארג. און ווען ער איז אריבער אט דעם בארג, און זיך אנגעהויבען אראפלאזען אויף דער צווייטער זייט, האט ער פאר זיך דערזעהן א טאל. דער טאל איז געווען ניט קיין ברייטער, נאר א לאנגער, און זיין אנהויב און זיין סוף זיינען פארשוואונדען געווארען ערגעץ צווישען די בערג פון ביידע זייטען, און ווי גרויס דער טאל איז געווען — איז ער אינגאנצען געווען באדעקט מיט שטיקער רויך, אדער א פארע, וואס האט זיך געשפארט פון אונטער דער ערד. עס האט אויסגעזעהן ווי די גאנצע ערד האלט דא אין ברענען.

און דאס איז געווען דער סמבטיון.

האפמאן האט זיך אראפגעלאזען בארג-אראפ; און ווען ער איז צוגעקומען צום פוס פון בארג און צום אנהויב פון טאל, האט זיך די נאכט אראפגעלאזען און עס איז געווארען פינסטער. האפמאן האט זיך אויסגעצויגען איבער דער ערד און זיך געלייגט שלאפען.

6.

אויף מארגען, דאנערשטאג, איז האפמאן אויפגעשטאנען גאנץ פריה און האט אנגעהויבען אויספארשען דעם געגענט. געהאט האט ער פאר זיך א נידעריגען טאל. און געווען איז דער טאל ניט מעהר ווי א פערטעל מייל די ברייט; אבער אין דער לענג האט זיך דער טאל געצויגען אזוי ווייט, אז מען האט ניט געזעהן ניט קיין אנהויב און ניט קיין סוף. אויף דעם באדען פון דעם טאל זיינען געווען א סך קליינינקע לעכעלאך, ניט ברייטער ווי א גע-וועהנליכע טרינק-גלאז, און פון יעדער פון זיי האט זיך פון אונ-טער דער ערד געשטופט א געדיכטע פארע. צוליב אט דער פארע האט זיך עס געדוכט, אז דער גאנצער טאל ברענט, ווען מען האט אויף איהם געקוקט פון דערוויטענס. אין איינצגע ערטער זיי-נען די לעכער אין דער ערד געווען א סך גרעסער. קיין פארע

האָט פון זיי ניט געשלאָגען, אָבער ווען האָפמאַן איז צוגעגאַנגען נאָהענט, האָט ער דערפיהלט, אַז פון אָט די לעבער שלאָגט אַן אומערטרעגליכע היץ. האָפמאַן איז געווען זיכער, אַז ווען ער זאָל צוגעהן דירעקט צו אַזאַ עפענונג, וואָלט ער אָפּגעפּארעט געוואָרען אויף טויט.

דער גאַנצער טאָל מיט זיינע טויזענטער און טויזענטער שטי-קער פּארע, וואָס האָט זיך געשטופּט פון אונטער דער ערד, האָט איהם דערמאָנט אָן דעם אַזוי גערופענעם "טאָל פון צעהן טויזענט רויכען", וואָס איז אַנטדעקט געוואָרען אין אַלאַסקאַ אין יאָהר 1916.

אַ צווייטע זאַך, וואָס האָט זיך דאָ שטאַרק געוואָרפען אין די אויגען, זענען געווען די „גייזערס", וואָס האָבען אַרויסגע-שאָסען פון דער טיפעניש פון דער ערד הויכע פאָנטאַנען מיט וואַסער. איבערהויפּט שטאַרק האָט זיך געוואָרפען אין די אוי-גען איין גייזער אַזאַ, וואָס האָט אַרויסגעשאָסען אַ זייל מיט וואַסער איבער צוויי הונדערט פוס די הויך. אויבען איז דאָס וואַ-סער צושפּרייט געוואָרען אין שפּריצלאַך, אין וועלכע אַ רעגענבוי-גען האָט געשפּילט, און דערנאָך איז דאָס וואַסער צוריק אַראָפּ-געפאַלען אויף דער ערד אין אַ רעגען. אונטען איז פון אָט דעם רעגען געוואָרען אַ טייכעל, און דאָס טייכעל איז באַלד ערגעץ פאַרשוואונדען, ווי עס זאָל זיך איינזאַפּען צוריק אין דער צע-לעכערטער ערד.

אָט דער גייזער האָט געשלאָגען אַ פאָנטאַן מיט וואַסער פון אונטער דער ערד פאַר צוועלף מינוט צייט; און דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט, און נאָר אַ קליינע עפענונג האָט זיך געזעהן אויף יענעם אָרט אויף דער ערד, פון וואַנען דער פאָנטאַן האָט געשלאָגען. אַכט און דרייסיג מינוט איז געווען שטיל און רוהיג, און דערנאָך האָט אין אָט דער עפענונג אָנגע-הויבען כאַרכלען, און דאַן האָט זיך פון דער ערד ווידער געהוי-בען אַ זייל מיט וואַסער, וואָס האָט אָנגעהאַלטען פאַר צוועלף מי-נוט, און דערנאָך איז ווידער שטיל געוואָרען. און אַזוי האָט זיך עס ווידערהאָלט די גאַנצע צייט: אַכט און דרייסיג מינוט איז שטיל און רוהיג, און דערנאָך שלאָגט אַ פאָנטאַן מיט וואַ-סער איאבער צוויי הונדערט פוס די הויך פאַר צוועלף מינוט צייט.

אָט דער גײזער האָט האָפמאַנ'ען דערמאָנט אָן אַן אַנדער גײזער, װעלכען ער האָט אַמאָל געזעהן אין אַמעריקע. דאָס איז דער באַרימטער „אָלד פײטפול" גײזער פון יעלאָוסטאָן פּאַרק. דער „אָלד פײטפול" שלאָגט פון אונטער דער ערד פאַר פינף מינוט צײט און הױבט זיך הונדערט פוס הױך. פאַר פינף מינוט איז ער טעטיג, דערנאָך שטעלט ער זיך אָפּ און בלײבט רוהיג פאַר פינף און פופציג מינוט, און דערנאָך װערט ער װידער טע-טיג פאַר פינף מינוט צײט. און אָט די פּעריאָדישקײט זײנע װערט אָנגעהאַלטען פאַר יאָהרען און יאָהרען מיט אַזאַ מערק-װירדיגער שטענדיגקײט, אַז טוריסטען שטעלען אױף איהם אָן זײערע זײגערס.

נאָך אַ זאַך האָט דאָ האָפמאַן אַנטדעקט, און פאַר אָט דער אַנטדעקונג זײנער האָט ער שיער מיט זײן לעבען באַצאָהלט. ער איז אַזױ געשטאַנען און געקוקט אױף אַ גײזער, װען פּלוצים איז װי פון הימעל אַראָפּגעפאַלען אַ גרױסער שטײן און גלײך לע-בען זײנע פיס. װאָלט האָפמאַן געשטאַנען מיט אַ האַלבען טראָט װײטער, װאָלט דער שטײן איהם געפאַלען אין קאָפּ אַרײן, און דאַן װאָלטען מיר דאָ געדאַרפט פאַרענדיגען די געשיכטע אונ-זערע נאָך אײדער מיר האָבען אונזער העלד אַריבערגעבראַכט אין דעם לאַנד פון די רױטע אידעלאַך. אָבער האָפמאַנ'ען איז גע-װען באַשערט צו האָבען נאָך אַ סך צרות, איז דער שטײן גע-פאַלען אַ האַלבען טראָט װײטער, און אונזער העלד איז געבליבען לעבען.

אָבער פון װאַנען האָט זיך דער שטײן גענומען? האָפמאַן האָט זיך אײנגעבױגען און איהם באַטראַכט און איהם דערקענט. דאָס איז געװען אַ „װאולקאַנישע באָמבע"; אַ שטײן אַזאַ, װאָס װערט אַרױסגעשאָסען פון װאולקאַנען. האָפמאַן האָט דעם שטײן דערקענט, װײל אַזעלכע װאולקאַנישע באָמבעס האָט ער שױן ניט אײן מאָל געזעהן אין די נאַטור-היסטאָרישע מוזעאומס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײטען און דערזעהן דעם אָרט, פון װאַ-נען דער שטײן איז געקומען. דאָס איז געװען אַ קלײן בערגעלע, ניט העכער פון אַ מענשליכען װאוקס. אין שפּיץ פון בערגעל איז געװען אַן עפענונג, דורך װעלכער אַ געדיכטע פּאַרע האָט די גאַנצע צײט געשלאָגען. און פון צײט צו צײט איז פון דאָרטען

אַרויסגעשאָסען געוואָרען אַ שטיין. אַמאָל אַ גרעסערער, און אַמאָל אַ קלענערער; אַמאָל האָט זיך דער שטיין געהויבען הויך און אַמאָל ניט אַזוי הויך. און געווען איז אָט דאָס בערגעל אַן אמת׳ער וואולקאַן, כאָטש אַ מיניאַטורער. און אַזעלכע מיניאַטורע וואול-קאַנען האָט האָפּמאַן דאָ געזעהן עטליכע.

אָבער דאָס אינטערעסאַנטסטע, וואָס האָפּמאַן האָט דאָ געזעהן, זיינען געווען יענע זאכען, וואָס האָבען קענטיג געגעבען גרונט פאַר דער לעגענדע וועגען דעם סמבטיון. דאָס זיינען געווען לענג-ליכע טייכלעך, ניט מעהר ווי אַ פופצעהן-צוואַנציג שפּאַן די ברייט און עטליכע צעהנדליג שפּאַן די לענג. און דאָס וואַסער אין אָט די טייכלעך האָט זיך שטענדיג געוואָרפען, געקאָכט און געזאָדען, ווי אין אַ זודיגען טשייניק. אַזעלכע קאָכיגע טייכלעך זיינען דאָ געווען אַ סך און געדיכט איינער לעבען צווייטען. אייניגע זיינען געווען גרעסערע און אַנדערע זיינען געווען קלענערע. האָפּמאַן איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו איינעם פון זיי און איהם באַטראַכט. דאָס וואַסער איז געווען קלאָר און דורכזיכטיג, און אויפ׳ן באָדען פון טייכעל האָבען זיך געזעהן קליינע עפענונגען, אָדער לעכער אין דער ערד. און דאָ איז האָפּמאַנ׳ען געוואָרען קלאָר די גאַנצע מעשה. עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז אָט די קאָכיגע טייכלעך, אָדער סמבטיונ׳דלעך, ווי האָפּמאַן האָט זיי אָנגערופען, זיינען געווען ניט מעהר און ניט וויי׳ניגער ווי גאַנצע גרופּען פון קליינע געיזערס, געדיכט אָנגעזעצט איינער לעבען צווייטען. דאָס וואַסער, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגען פון די באַזונדערע געיזערס, האָט זיך צו-זאַמענגעגאָסען אין איין טייכעל; און פון באָדען פון טייכעל האָט געהאַלטען אין אַרויסשלאָגען פרישע וואַסער פון אונטער דער ערד, האָט עס אויסגעזעהן ווי דאָס וואַסער האַלט דאָ אין קאָכען און זידען.

און אַזוי איז עס געווען מיט איין קאָכיגען טייכעל, אָדער סמבטיונ׳דעל אַזאַ, און אַזוי מיט אַ צווייטען און מיט אַ דריי-טען און מיט אַלע איבעריגע, וועלכע האָפּמאַן האָט אונטערזוכט.

און פּלוצים האָט האָפּמאַן דערפיהלט, אַז ער האָט געמאַכט אַ גרויסע געאָלאָגישע אַנטדעקונג. פאַר הונדערטער און הונדער-טער יאָהרען האָט זיך אַ פאָלק אַרומגעטראָגען מיט אַ לעגענדע וועגען אַ סמבטיון, וואָס קאָכט און זידט און וואַרפט מיט שטיי-

נער, און איבערנאַטירליכע כחות און אַבערגלויבען זיינען מיט אַט דער לעגענדע געווען פאַרבונדען. די מעהר „אויפגעקלעהרטע“ האָבען אין דעם ניט געגלויבט, ווייל עס איז געווען צו לעגענדאַריש און „איבערנאַטירליך“. און פּלוצים איז געקומען ער, האָפמאַן, א פשוט׳ער צייטונגס־שרייבער, און געמאַכט די גרויסע אַנטדעקונג, אַז אַ סמבטיון איז ווירקליך פאַראַן אויף דער ערד; אַז עס איז ניט קיין לעגענדע, און אַז דאָ ווירקען די זעלבע נאַטירליכע כחות, וואָס אין דעם „טאָל פון צעהן טויזענט רויכען“ אין אַלאַסקאַ, אין יעלאָוסטאָן פּאַרק, אויף דעם אינזעל אייסלאַנד, אויף דעם אינזעל ניי־זעלאַנד, און אויף פילע אַנדערע ערטער אויף דער ערד און טיילווייז אפילו אין די „סאַראַטאָגאַ ספּרינגס“. נאָר דאָ, אין אָט דעם טאָל פון סמבטיון, זיינען אָט די אַלע אויסדרוקען פון די אונטעראירדישע כחות געווען קאָנצענטרירט אין אַ פיל גרעסערער פאָרם און אין אַ ברייטערען מאַסשטאַב, ווי אויף וועלכען עס איז אַנדער אָרט אויף דער ערד. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט דאָ, אויפ׳ן גרענעץ פון דעם לאַנד פון די רויטע אידעלאַך, איז געווען דאָס מויל און די נאָזלעכער, דורך וועלכע די ערד האָט געאָטעמט.

איז האָפמאַן געשטאַנען אויפ׳ן ברעג פון דעם סמבטיון מיט די הענט פאַרלייגט אויפ׳ן ברוסט און מיט אַ הויך און שטאָלץ פאַרריסענעם קאָפּ און מיט אויגען וואָס האָבען געגלאַנצט פון באַגייסטערונג און געקוקט אין דער ווייט אריין. ער האָט געקוקט אין דער ווייט אריין, אָבער געזעהן האָט ער פאַר זיך גאָרניט, ווייל זיין גייסטיגער בליק איז געווען פאַרטיפט אין זיך אַליין. זיין מוח האָט שנעל און שטורמיש געאַרבעט, און דער גאַנצער וועזען זיינער איז געווען אָנגעפילט מיט דער באַגייסטערונג פון איינעם, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסע און וויכטיגע ענטדעקונג . . .

לאַנג איז האָפמאַן אַזוי געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער און אַ באַגייסטערטער: אָבער בּיסלאַכווייז האָט ער זיך אָנגעהויבען באַרוהיגען, און די פראַגע האָט זיך ביי איהם אויפגעהויבען: ווי אַזוי געהט מען אריבער אָט דעם שטורמישען און פאַררעטערישען טאָל?

האָפמאַן האָט אָנגעהויבען ארומגעהן איבער דער לענג פון טאָל און זוכען אַן אָרט, וואו ער זאָל קענען אריבער, און אַזאַ אָרט

ניט געפונען. די אַלע סמבטיונדלאַך, געיזערס און לעבער, וואָס האָבען געאַטעמט מיט הייסע פּאַרע אָדער הייסע גאַזען, זיינען געווען אַזוי גערדיכט אַנגעשטעלט איינער לעבען צווייטען, אַז מען האָט דורך זיי ניט געקענט דורכגעהן. האָט ער אויפגעגעבען דאָס זוכען און באַשלאָסען צו זיצען און וואַרטען ביז עס וועט קומען דער נאַטירליכער פּעריאָד פון דעם שטילשטאַנד.

אָט דער נאַטירליכער פּעריאָד פון שטילשטאַנד איז געקומען ערשט אויף מאָרגען. פרייטאָג, שפּעט נאָך האַלבען טאָג. האָפּ-מאַן האָט אָנגעהויבען באַמערקען עפּעס אַן ענדערונג אין דעם טאָל. איינער נאָכ'ן צווייטען האָבען זיך די קאָכיגע טייכלעך אָנגעהוי-בען בארוהיגען. זיי האָבען אויפגעהערט צו קאָכען און זידען, און באַלד נאָך דעם איז דאָס וואַסער פון זיי אַנטרונען, ווער ווייס וואוהין, און זיי זיינען אויסגעטריקענט געוואָרען.

האָפּמאַן האָט לאַנג ניט געוואַרט און אָנגעהויבען שפּאַנען פאָראויס, אַראָפּלאָזענדיג זיך אין די באָדענס פון אָט די אויסגע-טריקענטע סמבטיונדלאַך און אַרויסקריכענדיג פון דער צווייטער זייט. די גאַנצע צייט האָט ער געהאַלטען דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָ-זען מיט די אויגען צו דער ערד, ווייל יעדען טראָט האָט מען דאָ געמוזט פריהער גוט אויספאָרשען. און ווען ער האָט נאָך אַמאָל אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט, איז ער שוין גע-ווען אויף דער צווייטער זייט סמבטיון, און פאַר זיינע אויגען איז געשטאַנען אַ הויכער פעלזיגער באַרג.

7.

איצטער איז פאַר האָפּמאַנ'ען ענטשטאַנען אַ נייע פּראָבלעם: ווי אַזוי קלעטערט מען אַרויף אויף אָט דער פעלזיגער וואַנט וואָס הויבט זיך אַ מייל די הויך? אָבער דערווייל האָט ער זיך נאָך ניט געאיילט. ער האָט באַשלאָסען צו פאַרבלייבען דאָ אַ גאַנצען מעת-לעת און זעהן ווי אַזוי דער סמבטיון וועט ווערען ווידער טעטיג. האָט ער איבערגעוואַרט דעם גאַנצען טאָג פרייטאַג און די גאַנצע נאַכט אויף שבת. אויף מאָרגען, שבת פאַרנאַכט, האָט ער פּלוצים דערפיהלט אַ לייכטען ציטער אונטער די פיס. די ערד האָט זיך אַ לייכטען וויג געטאָן. עס האָט זיך דערהערט אַ לייכ-

טער גערויש, וואָס איז געקומען פון דער טיפעניש פון דער ערד, ווי דאָרטען זאָלען זיך שטיינער קייקלען. די מיניאַטורע וואול-קאַנען האָבען אָנגעהויבען רויכערען; די סאַמבאַטיונדלעך האָבען זיך אָנגעהויבען אָנפילען מיט וואַסער, און דאָס וואַסער האָט אָנגע-הויבען קאָכען און זידען און וואַרפען זיך ווי אַ טשייניק. נאָך אַן אָפּרוה פון פיר און צוואַנציג שעה איז דער סמבטיון ווידער גע-וואָרען טעטיג.

דער פעלז האָט זיך געהויבען אין דער הויך ווי אַ וואַנט, אָבער די וואַנט איז ניט געווען קיין גלייכע. ערטערווייז איז זי געווען אָנגעבויגען; ערטערווייז האָבען פון איהר אַרויסגעשטעקט באַזונדערע שטיינער, און דאָ און דאָרטען האָבען זיך פאָרמירט נישען און קליינע פּלאַטפאָרמעס.

האָפּמאַן האָט געפונען אַן אָרט, וואָס האָט אויסגעזעהן פּאַ-סיגער און אָנגעהויבען קלעטערען באַרג-אַרויף, אָנכאַפּענדיג זיך מיט די פיס אויף אָט די באַזונדערע שטיינער און נישען. ער האָט שוין געהאַט אַרויפגעקלעטערט כמעט האַלב וועג ווען ער האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז ווייטער קלעטערען קען מען ניט; און ער האָט זיך געמוזט אַראָפּלאָזען צוריק אויף דער ערד.

ער האָט אָנגעהויבען אַרומגעהן איבער'ן טאָל מיט אַ פאַר-ריסענעם קאָפּ און זוכען אַ בעסערען אָרט. ענדליך האָט ער גע-פונען אַזאַ אָרט, וואָס האָט אויסגעזעהן צו זיין בעסער פאַר'ן ערשטען; אָבער דאָ איז ווידער פאָרגעקומען די זעלבע זאַך: ווען ער איז שוין געווען האַלב וועג אַרויף, האָט ער זיך געמוזט צו-ריק אַראָפּלאָזען, ווייל ווייטער קלעטערען האָט ער ניט געקענט.

דאָס קלעטערען האָט איהם שרעקליך אויסגעמאַטערט, און יע-דעם מאָל ווען ער איז אַראָפּגעקראָכען אויף דער ערד האָט ער גע-מוזט זיצען און אָפּרוהען זיך. און עס איז שוין געווען שפּעט ווען ער האָט געמאַכט דעם דריטען פאַרזוך.

ער האָט לאַנג און אָנגעשטרענגט געקלעטערט, עטליכע מאָל האָט זיך דער שטיין, אויף וועלכען ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט, אַרויס-געריסען פון אונטער זיין פוס און איז אַראָפּגעפאַלען, און האָפּ-מאַנ'ען האָט זיך געדאַכט, אַז ער אַליין פאַלט אויך אַראָפּ. ער האָט זיך אָבער איינגעקלאַמערט מיט די פינגער אַן די שטיינער, זיך איינגעהאַלטען און איז געקראָכען אַלץ העכער און העכער. און

ווען ער איז ענדליך ארויפגעקראָכען אויפ'ן שפּיץ פון בארג, האָט זיך שוין די נאַכט אַנגערוקט און עס איז שוין געווען פינסטער.

דער אויבען פון בארג איז ניט געווען שפּיציג, נאָר פלאַך; אזוי פלאַך, אז אויטאָמאָבילען האָבען דאָ געקענט פאָהרען. ווי גרויס דער פלאַך איז געווען — האָט ער אין דער פינסטער ניט געקענט אָפּשאצען. און די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט דערפיהלט, ווען ער איז אָהער ארויפגעקראָכען איז, אז דאָ בלאָזט אַ שטארקער ווינט. דער ווינט האָט געבלאָזען מיט אַ רעגעלמעסיגער שטענדיג-קייט, ווי פון אַ מאַשין, און פון דער זייט פון סמבטיון און אין דער ריכטונג צום לאַנד פון די רויטע אידעלאַך.

האָפּמאַן איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג פון ברעג און זיך אוועקגעזעצט. ער איז געווען שרעקליך מיד און הונגעריג. האָט ער ארויסגענומען פון פּעקעל דאָס לעצטע שטיקעל ברויט, וואָס ער האָט געהאַט און עס אויפגעגעסען און פארטרונקען מיט דאָס לעצטע ביסעל וואסער, וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד און אונטערגעלייגט דאָס כמעט אויסגעליידיגטע פּעקעל צוקאָפּענס.

אָבער לאַנג ליגען האָט ער ניט געקענט. דער ווינט האָט שטארק געבלאָזען, און עס איז איהם געווען קאַלט. האָט ער זיך באַלד אויפגעהויבען, האָט אַ ביסעל ארומגעטאַנצט און ארומ-געשפּרונגען ביז ער האָט זיך אָנגעווארימט, און זיך ווידער גע-לייגט אויף אַ צעהן-פופצעהן מינוט. און אזוי האָט זיך עס ביי איהם ווידערהאָלט אַ סך, אַ סך מאָל אין פארלויף פון יענער נאַכט, וואָס ער האָט פארבראַכט אויפ'ן גרענעץ מיט דעם לאַנד פון די רויטע אידעלאַך.

יענע נאַכט האָט זיך פאר איהם געצויגען שרעקליך לאַנג און עס האָט אויסגעזעהן, אז עס וועט צו איהר קיינמאָל קיין סוף ניט קומען. דאָס איז געווען די לענגסטע נאַכט ,וואָס האָפּמאַן האָט אמאָל איבערגעלעבט.

אָבער ווי לאַנג די נאַכט האָט זיך ניט געצויגען, איז דאָך אפילו צו איהר אויך געקומען אַ סוף, און ענדליך האָט אָנגעהויבען טאָ-גען. דער מערב-זייט פון הימעל אויף יענער זייט סמבטיון איז נאָך געווען אײנגעהילט שווארץ און פול מיט בלישטשענדע שטערען; אָבער די מזרח-זייט פון הימעל, איבער דעם לאַנד פון די רויטע

אידעלאַך, איז שוין געווען בלאָס און נאָר די גרעסערע און הע־לערע שטערען האָבען נאָך אָנגעפיהרט דעם קאַמף מיט דער ליכט פון דעם אויפגעהעהענדען טאָג און זיך נאָך געלאָזט מערקען; דער טאָג איז אָבער געווען שטאַרקער פאַר זיי, און איינציגווייז זיינען זיי אויך פאַרשוואונדען.

אין דער בלאַסקייט פון דעם מזרח־הימעל האָט האָפמאַן גע־זעהן, אַז דער פלאַך אויף וועלכען ער האָט זיך געפונען איז געווען עטליכע הונדערט פוס ברייט, אָבער אין דער לענג האָט ער ניט געזעהן, ניט קיין אָנהויב און ניט קיין סוף. איז ער אַריבער די ברייט פון פלאַך און איז צוגעגאַנגען צום צווייטען ברעג וואָס איז איבער דעם לאַנד פון די רויטע אידעלאַך. און דאָ, ביים סאַמע ברעג, האָט זיך געצויגען אַ שטיינערנע פאַרענטשע, וואָס האָט דערגרייכט האָפמאַנ'ען ביז'ן ברוסט; און די פאַרענטשע האָט זיך געצויגען איבער דער גאַנצער לענג פון ברעג.

האָפמאַן האָט זיך אָנגעשפאַרט אָן דער פאַרענטשע, האָט זיך איבערגעבויגען און אַראָפּגעקוקט. דאָ האָט זיך דער באַרג אַראָפּ־געלאָזען כמעט אין אַ גלייכער וואַנט; און געווען איז די וואַנט אַזוי גלאַט אַרומגעהאַקט, ווי אויסגעגאָסען פון צעמענט.

און נאָך אַ זאַך האָט האָפמאַן דאָ דערזעהן: אַ הונדערט פוס טיף אונטער זיינע פיס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ים פון וואָל־קענס. אין דער ברייט, דאָס הייסט, פון דער וואַנט און טיף אין לאַנד אַריין, האָט זיך דער ים פון וואָלקענס געצויגען אַ מייל אָדער צוויי; אָבער אין דער לענג האָט זיך דער וואָלקען־ים געצויגען צו־זאַמען מיט'ן באַרג, אַזוי אַז האָפמאַן האָט דאָ אויך ניט געקאַנט דערקענען, וואו עס הויבט זיך אָן און וואו עס ענדיגט זיך.

אויפ'ן מזרח־זייט פון הימעל, פונקט אַנטקעגען איהם, האָט אָנגעהויבען אויפגעהן די זון. פריהער איז פון הינטער דעם האָרי־זאָנט אַרויסגעקראָכען אַ שטיקעל פון דער זון, און מיט יעדער סע־קונדע האָט זי זיך געהויבען העכער און העכער; און ענדליך איז פון דאָרטען אַרויסגעקראָכען אַ זעהר גרויסע זון, קיילעכדיג, ווי אַ טעלער און רויט, ווי פייער. מיט איהר אונטערשטען ראַנד האָט זי אָנגעריהרט דעם האָריזאָנט; און פון דער אויפגעהענדער זון איז דער ים פון וואָלקענס געוואָרען בלוט־רויט, ווי אָפּגעפאַרבט.

האָפמאַן איז געשטאַנען ביים ברעג פון באַרג אָנגעשפאַרט אויף

דער פּאַרענטשע און געקוקט פאַר זיך. ער איז געווען מיד, הונגע-ריג און שלעפעריג, און פון דעם שאַרפן ווינט, וואָס האָט גע-בלאָזן אַזוי שטענדיג, מאַנאָטאָן און אָהן אַן אויפהער, איז איהם געווען קאַלט. אָבער דאָס בילד, וואָס האָט זיך צעשפּרייט אונ-טער איהם איז געווען אַזאַ כשופ׳דיגע, אַזאַ באַצויבערענדע, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסען פון איהר. איז ער געשטאַנען און געקוקט און געקוקט.

און די זון האָט זיך געהויבען אַלץ העכער און איז געוואָרען אַלץ בלאַסער. דער ים פון וואָלקענס אונטער זיינע פיס, וואָס איז נאָר-וואָס געווען אַזוי פייער רויט, האָט געקראָגען אַן אַרענדזש-קאָליר. און ווען די זון האָט זיך אויפגעהויבען נאָך העכער, איז דער ים פון וואָלקענס געוואָרען ווייס ווי שניי.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז אונטער זיינע פיס איז צעשפּרייט אַ פאַנטאַסטישער לופטיגער טעפּיך פון שטיקער זילבער-ווייסע וואַ-טע. די וואַטע איז באַשטאַנען פון גרויסע קנוילען, וואָס האָבען זיך לאַנגזאַם באַוועגט, זיך לייכט און גראַציעז געקייקלט און זיך גע-ריבען אי אָן דער זייט פון באַרג, אי איינער אָן דעם צווייטען.

האָפּמאַן איז געשטאַנען ביים ברעג פון באַרג, געקוקט אויף דעם ים פון וואָלקענס אונטער זיינע פיס און געטראַכט:

„וואָס טוט זיך אונטער אָט די וואָלקענס? וואָס איז אונטער זיי? וואָס פאַרשטעלען זיי מיט זיך און וואָס דעקען זיי מיט זיך צו? . . .“

„און ווי אַזוי לאָזט מען זיך אַראָפּ פון דעם הויכען באַרג אין יענעם לאַנד, וואָס אונטער אָט די וואָלקענס?“

הינטער איהם האָט געבלאָזן אַ ווינט, און טיף אין זיין האַרצען האָט האָפּמאַן צו איהם מתפּלל געווען און איהם געבע-טען, ער זאָל איהם נעהמען אויף זיינע פליגלען און אַראָפּטראָגען אין דעם לאַנד, וואוהין ער האָט אַזוי לאַנג און מיט אַזויפיל מיה און אנשטרענגונגען געשטרעבט. דער ווינט וואָלט עס מיט פאַר-גענינגען געטאָן. זאָל זיך נאָר האָפּמאַן שטעלען מיט די פיס אויף דער פּאַרענטשע אויפ׳ן סאַמע ברעג. דער ווינט וועט איהם אָבער ניט גאַראַנטירען, אַז ער וועט איהם אַהין צושטעלען מיט גאַנצע ביינער . . .

האָט האָפמאַן גענומען אַרומקוקען זיך און זוכען אַ מעהר זי-כערען אופן ווי אַזוי אַראָפּצולאָזען זיך אין יענעם לאַנד.

האָפמאַן האָט דערזעהן אַ קליין שטיבעל, וואָס איז געשטאַ-נען אויפ'ן אויבערפלאַך פון באַרג, נאָר ווייט פון איהם. פון דערווייטענס האָט עס אויסגעזעהן ווי אַ וועכטער-שטיבעל. מעג-ליך, אַז דאָרטען שטעהען סאָלדאַטען מיט ביקסען און היטען די גרעניץ און דעם לאַנד פון די רויטע אידעלאַך. מעגליך, אַז ווען ער וועט צוקומען נאָהענט, וועט מען איהם באַלד אַרעסטירען און אָפּפיהרען אין דער מיליטערישער תפיסה. אָבער איהם האָט שוין גאָרניט געשראָקען און גאָרניט געאַרט. זאָל עס זיין אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס. אבי אַ לעבעדיגער מענש . . . און צו יענעם שטי-בעל האָט ער זיך געלאָזט געהן.

די אויבערפלאַך פון באַרג, איבער וועלכער ער איז געגאַנגען, איז געווען זעהר ברייט און אַזוי גלאַט, ווי געפּלאַסטערט. האָפמאַן האָט זיך גוט איינגעקוקט און אומעטום געזעהן סימנים פון אַר-בייט פון מענשליכע הענט, פון דינאַמיט און פון מאַשינען. קענ-טיג, אַז דאָ זיינען אַמאָל געווען פונקט אַזעלכע בערג, ווי אויף יענער זייט סמבטיון, מיט הויכע און נידעריגע באַרג-שפּיצען און מיט טיפע טאָלען צווישען זיי. זיינען געקומען מענשען — אָט די מענשען פון דעם לאַנד אונטער דעם ים פון וואָלקענס, — האָבען אַראָפּגעהאַקט די שפּיצען פון די בערג, פאַרשאָטען מיט זיי די טאָלען און אויסגעגלייכט אַ וועג און נאָך געמאַכט פאַרענטשעס פון איין זייט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטען און זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערען פון דעם ריזיגען אונטערנעהמונגס-גייסט פון די רוי-טע אידעלאַך. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבען די פּיראַמידען און אבעליסקען פון עגיפּטען; די הויכע טורעמס פון בבל; די וועגען און אקוועדאקטען פון דער רוימישער אימפּעריע; די טונעלען אין די אַלפּען; די סאָב-וועגען און די בריקען פון ניו-יאָרק — אין פאַרגלייך מיט דער מאַסע און דער גענינאַליטעט פון דער אינזשע-נערישער אַרבייט, וואָס עס איז אָנגעווענדעט געוואָרען אויף די שפּיצען פון די בערג, איבער וועלכער ער איז איצטער געגאַנגען, ווי איבער אַן אומענדליך לאַנגען טיש! מיליאָנען און מיליאָנען קו-ביק-פוס האָט מען געדאַרפט מיט דינאַמיט אַראָפּרייסען פון די

שפּיצען פון די בערג, און דערנאָך דעם גאַנצען מאַטעריאַל אַרי-בערפיהרען און פאַרשיטען די טאָלען; און ערשט דערנאָך, דאָס אַלץ אויסגלייכען אין איין פלאַך ! די צאָהל מענשען, וואָס איז גע-ווען באַשעפטיגט ביי אָט דער ארבייט, האָט געמוזט זיין זעהר גרויס; און ווער ווייסט וויפיל לאַנגע יאָהרען עס האָט געדאַרפט געדויערען דורכצופיהרען אָט די קאָלאָסאַלסטע פון אַלע אינזשענע-רישע אונטערנעמונגען אויף דער ערד . . .

דער ווינט האָט אַלץ געבלאָזען מיט דער זעלבער שטענדיגער רעגעלמעסיגקייט, ווען האָפּמאַן איז צוגעקומען צום שטיבעל. דאָס איז געווען אַ קליין הייזעל, טאַקע נישט מעהר ווי אַ וועכטער-שטי-בעל, געבויט פון שטיינער. אויפ'ן פּלאַטשיגען דאַך זיינען געווען אָנגעצויגען דראָטען און עס האָבען זיך דאָרטען געפונען פאַרשי-דענע אַפּאַראַטען און אינסטרומענטען, אָבער ניט קיין סאָלדאַטען מיט ביקסען און נישט קיין אַנדערע לעבעדיגע מענשען האָט מען דאָרטען ניט געזעהן.

האָפּמאַן האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר ! אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט. איז ער פאַרגאַנגען פון אַ זייט און אַריינגעקוקט דורכ'ן פענסטער. געזעהן האָט ער אַ צימער פול אָנגעשטעלט מיט פאַר-שידענע אַפּאַראַטען און אינסטרומענטען. אָבער קיין מענשען האָט ער ניט געזעהן.

איז ער פאַרגאַנגען פון דער צווייטער זייט, צום ראַנד פון באַרג, און אַראָפּגעקוקט. און דערזעהן האָט ער אַ פּאָר רעלסען מיט אַ שטאָלענער קייט צווישען זיי, וואָס האָבען זיך געצויגען איבער דער אָנגעבויגענער זייט פון באַרג און וואָס זיינען פאַר-שוואונדען ערגעץ אין דעם ים פון וואָלקענס. איבער אָט די רעל-סען האָבען זיך וואַגאַנטשיקלאַך הפנים אַרוויפגעהויבען און זיך אַראָפּגעלאָזען פון באַרג. און לעבען די רעלסען זיינען געווען טרעפּ אויסגעהאַקט אין דער זעלביגער וואַנט, און די טרעפּ זיינען אויך פאַרשוואונדען ערגעץ אין די וואָלקענס, אונטען.

האָפּמאַן איז פאַרגאַנגען פון דער צווייטער זייט פון שטיבעל און זיך נאָר אַראָפּגעלאָזען די ערשטע צעהן טרעפּלאַך, ווען ער האָט מיט-אַ-מאָל דערפיהלט, אַז דער ווינט האָט אויפגעהערט צו בלאָזען. געבלאָזען האָט דער ווינט נאָר איבער דער אויבערפלאַך פון דעם באַרג, און האָפּמאַן איז שוין איצטער געווען מיט אַ קאָפּ

נידעריגער פון אַט דער אויבערפלאַך. דער ווינט האָט איצטער
געבלאָזען איבער זיין קאָפּ, אָבער ער אַליין איז פון ווינט שוין
פּטור געוואָרען. און פאַר איהם איז ער געווען אַ גרויסע ערלייכ-
טערונג. פאַר דער לאַנגער נאַכט און פאַר דעם גאַנצען פריהמאָרגען
האָט איהם דער ווינט דורכגעבלאָזען דורך-און-דורך און איז איהם
גוט דערגאַנגען די יאָהרען. און דאָ, מיט אַ קאָפּ נידעריגער פון
אויבערפלאַך פון באַרג, איז קיין ווינט נישט געווען און עס איז
געווען ווארים, האָט האָפמאַן לייכטער אָפּגעאָטעמט און זיך אַראָפּ-
געלאָזען אַלץ נידעריגער און נידעריגער.

ער האָט אָנגעצעהלט אַ הונדערט און פופציג טרעפּלאַך, ווען זיי-
נע פיס האָבען אָנגעריהרט די וואָלקענס. האָפמאַן האָט זיך אָפּ-
געשטעלט, און אין הארצען האָט איהם אַ קלאַפּ געטאָן. נאָך אַ
טוצען טרעפּלאַך — און ער וועט פאַרזינקען ווערען אין אַ מיסטע-
ריעזער אַטמאָספערע. ער וועט מעהר גאָרנישט קאָנען זעהן. און
ווער ווייסט ווי דיק עס איז אָט דער שיכט מיט וואָלקענס, און
ווער ווייסט וואָס דאָרטען, אונטער זיי טוט זיך . . .

אָבער לאַנג שטעהן און קלערען האָט ער ניט געטאָרט, ווייל די
צייט איז אויך ניט געשטאַנען. האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזען נידע-
ריגער און איז פאַרשוואונדען אין אַ מאַסע, וואָס האָט אויסגעזעהן
ווי שיטערע מילך ; און געווען איז די מאַסע אַזוי געדיכט, אַז ער
האָט זיינע אייגענע פיס נישט געזעהן. געאָטעמט האָט זיך דאָ
גאַנץ לייכט, אָבער אַ פייכטע קעלט האָט איהם אַרומגענומען ; און
די קליידער אויף איהם זיינען געוואָרען פייכט.

האָפמאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אַלץ נידעריגער און נידערי-
גער ; און ווען ער האָט אָנגעצעהלט נאָך אַ צוויי-הונדערט טרעפּ, איז
ער פּלוצים אַרויס פון די וואָלקענס ; און דער ים פון וואָלקענס, וואָס
איז מיט עטליכע מינוט פריהער געווען צעשפּרייט ווי אַ טעפּיך
אונטער זיינע פיס, איז איצטער געוואָרען ווי אַ מין דאַך איבער
זיין קאָפּ. עס איז איהם מיט-אַ-מאָל געוואָרען ליכטיג אין די
אויגען, און דאַן האָט האָפמאַן דערזעהן פאַר זיך אַזאַ פּאַנאָראַמע :

ער האָט דערזעהן פאַר זיך אַן אומענדליך גרויסען פעלד, וואָס
האָט זיך געצויגען ביז'ן סאַמע האָריזאָנט. דאָס פעלד איז גע-
ווען צעטיילט אין נישט-סימעטרישע קעסטעלאַך, גרעסער און קלע-
נערע ; און די קעסטעלאַך זיינען געווען פון פאַרשידענע קאָלירען

און שאַטירונגען לויט דעם קאָליר פון די פלאַנצען וואָס האָבען אויף זיי געוואקסען.

איין קעסטעל איז געווען העל-גרין ; א צווייטע קעסטעל איז געווען כמעט שווארץ-גרין. עס זיינען געווען קעסטעלאך שווארצע פון פריש צעאַקערטע ערד, און עס זיינען געווען קעסטעלאך רויטע, ראָזעווע, געלע און פון אַנדערע קאָלירען לויט דעם מין בלומען אָדער פלאַנצען וואָס האָבען אויף זיי געוואַקסען.

דירעקט אונטער זיינע פיס, ביי דער זייט פון בארג, האָט זיך געצויגען א לאַנגער, אָבער ניט קיין ברייטער טייך. און מעגליך, אז דאָס איז געווען א קינסטליכער קאנאַל, ווייל די ברעגען זיינען געווען זעהר גלייכע, ווי אויסגעארבייט פון מענשליכע הענט.

דאָס אומענדליך פעלד, וואָס האָט זיך פאַר זיינע אויגען צעשפרייט, איז דאָ און דאָרטען געווען איבערגעשניטען מיט העלע פאַסען. דאָס זיינען געווען ברייטע געפלאַסטערטע וועגען. איין וועג אזא האָט זיך אַנגעפאַנגען דירעקט אונטער זיינע פיס און זיך אוועקגעצויגען אין א גלייכער ליניע ערגעץ אין דער טיפעניש פון לאַנד און איז פארשוואונדען אויפ'ן האָריזאָנט. קענטיג, אז אָט דער וועג האָט עס געפיהרט צו יענעם שטיבעל אויפ'ן שפיץ בארג, וועלכען האָפמאַן האָט פריהער געזעהן און וואָס מוז הפנים זיין א מין וויסענשאַפטליכע אָבסערוואַטאָריע.

דאָ און דאָרט זיינען איבער'ן פעלד געווען צעוואָרפען הויכע בלישטשענדע טורעמס. איין טורעם אזא האָט זיך געפונען ניט מעהר ווי א פאָר מייל פון איהם און איז געשטאַנען לעבען דעם וועג, וואָס האָט זיך אַנגעפאַנגען אונטער זיינע פיס. אָבער א חוץ אָט די טורעמס האָט ער קיין הייזער, שטעדט, דערפער אָדער פארמס נישט געזעהן. איבער די ברייטע וועגען זיינען קיין אָטאָמאָבילען נישט געלאָפען ; אין דער לופטען זיינען קיין עראָפּלאַנען ניט געפלויגען, און איבערהויפט האָט מען דאָ קיין איין לעבעדיגען נפש ניט געזעהן, ניט קיין מענש און ניט קיין חיה. נאָר פויגלען זיינען געפלויגען אין דער לופטען, אי איינציגווייז, אי אין סטאַיעס.

האָפמאַן האָט זיך אראָפּגעלאָזען אַלץ נידעריגער און נידעריגער ; אָבער איידער די טרעפ האָבען דערגרייכט די ערד, האָבען זיי זיך אויסגעצויגען אין א בריקעל איבער דעם טייכעל. איבער דעם זעלבען בריקעל זיינען אויך געווען אויסגעלייגט די רעל-

סען, וועלכע האָבען זיך געצויגען בארג אראָפּ פון זיין לינקער זייט.
האָפמאַן איז אריבער דעם בריקעל און האָט דערגרייכט דאָס לעצטע טרעפּעל. ער האָט געמאַכט נאָך איין טראָט און זיך גע-שטעלט מיטביידע פיס אויף דער ערד, אויף דעם לאַנד פון די רויטע אידעלאַך.

8.

דאָרטען, וואו די טרעפּ האָבען זיך געענדיגט, האָט זיך אָנגעהויבען דער וועג, וועלכען האָפמאַן האָט פריהער געזעהן. אי-בער דעם וועג האָט ער זיך געלאָזט געהן.
דער וועג איז געווען א ברייטער. פון ביידע זייטען וועג האָבען זיך געהויבען הויכע בוימער. אייניגע זיינען איהם געווען באַ-קאַנט, און אַנדערע — ניט. דער וועג גופא איז געווען געפּלאַס-טערט מיט אזא ווייכען שטאָף, ווי גומי. עס איז געווען ווייך און באַקוועם צו טרעטען ווי אויף א טעפּיך, און דער טראָט האָט זיך נישט געגליטשט.
דאָ, וואו האָפמאַן איז פון אָנפאַנג געגאַנגען, איז נאָך געווען א ביסעל טונקעל, ווייל דער הימעל איז געווען פאַרשטעלט פון א דאַך מיט וואָלקענס. אָבער דאָרטען, אהינצו ווייטער מיט'ן וועג, איז שוין געווען ליכטיג, ווייל דער וואָלקען האָט זיך דאָרטען געענדיגט.
הינטער די בוימער, וואָס זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטען פעלד, און אביסעל אָפּגעטראָטען פון די בוימער, האָט זיך אָנ-געפאַנגען א פעלד, אויף וועלכען פלאַנצען זיינען געוואַקסען. אויפ'ן פעלד, צווישען די פלאַנצען, אָפּגעטראָטען ווייט איינער פון צוויי-טען, זיינען געשטאַנען סלופּעס עטוואָס העכער פון מענשליכען וואוקס; און צווישען די סלופּעס זיינען געהאַנגען דראָטען. און וואָלטען די סלופּעס מיט דראָטען געווען אויסגעצויגען אין איין ליניע, וואָלט האָפמאַן געווען זיכער, אז דאָס זיינען טעלעפאָן- און טעלעגראַף-דראָטען. אָבער דאָ זיינען די דראָטען געווען צעשפּרייט ווי א ריזיגע שיטערע נעץ איבער'ן פעלד.
האָפמאַן האָט זיך פאַרקירעוועט אויפ'ן פעלד. ער האָט גע-וואָלט נעהענטער זעהן וואָס פאַר א פלאַנצען עס וואַקסען דאָר-טען און וואָס פאַר א דראָטען דאָס זיינען. אָבער ווי נאָר ער איז

צוגעגאנגען נאָהענט, האָט ער דערפּיהלט ווי אַ מאַסע נאָדלען זיי-נען איהם באַפאַלען און האָבען איהם אָנגעהויבען שטעכען איבער אַלע טיילען פון קערפּער. איז ער אָפּגעלאָפען צוריק און ווידער אָנגעהויבען געהן איבער'ן וועג. אביסעל שפּעטער האָט ער זיך ווי-דער פאַרקירעוועט אויפ'ן פעלד, אָבער היינטיגס מאָל פאָרזיכטי-גער; און ווידער האָבען איהם נאָדלען אָנגעהויבען שטעכען, ווען ער איז צוגעגאַנגען גענוג נאָהענט. האָט ער אויפגעגעבען דעם פעלד מיט די דראָטען וואָס שיסען מיט ניט זעהבארע נאָדלען, און זיך געלאָזט געהן ווייטער איבער'ן וועג.

ער איז אָפּגעגאַנגען נאָך אַ שטיק וועג און איז אַרויס פון אונטער דעם דאַך מיט וואָלקענס. דאָ איז געווען ליכטיגער, וואַ-רימער און עפּעס ווי פרייער און גרוימער. די לופט איז געווען דורכזיכטיג און בלוי און פול מיט פרישקייט און אַראָמאַט. עס האָט זיך געאָטעמט אַזוי לייכט, און יעדער אָטעם האָט איהם אָנ-געפילט מיט פרישקייט, מיט ענערגיע און פריידיגקייט. כאָטש ער איז געווען זעהר מיד, הונגעריג און ניט אויסגעשלאָפען, האָט זיך איהם דאָך געוואָלט אַזוי געהן און אָטעמען, אָטעמען און געהן און ניט טראַכטען וועגען דאָס שפּעטערדיגע.

און אַזוי געהענדיג איז ער דערגאַנגען ביז'ן טורעם, וועלכען ער האָט פריהער געזעהן. דער טורעם איז געווען אַ מאָדנער, ניט קיין געוועהנליכער און האָט געהאַט אַזאַ פאַנטאַסטישען אויסזעהן. ער האָט אויסגעזעהן גיכער אַן אילוסטראַציע צו אַ צויבער-מעשה'-לע, ווי אַ ווירקליכקייט. אונטען איז דאָס געווען אַן אַכט-קאַנ-טיגער מויער געבויט פון אַ גרינליכען מין ציגעל, ניט ברייטער ווי איין גרויסער צימער און פינף שטאָק די הויך; און אויבען האָט זיך געהויבען אַ טורעם פון שטאָל און גלאָז. ניט קיין גלעזערנע שויבען, נאָר ריזיגע, דיקע און האַלב קיילעכדיגע שטיקער גלאָז, עהנליך צו די שייבעלאַך פון „סוירטש לאַיטס", נאָר גרויסע, אַזעל-כע ריזיגע. און גאַנץ אויבען האָט זיך עס פאַרענדיגט מיט עפּעס אַ מאָדנעם קופּאָל.

אַרום דעם טורעם איז קיינער ניט געווען. האָפּמאַן האָט אָנ-געקלאַפּט אין טיר, אָבער קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופען. און כאָטש ער איז געווען זיכער, אַז די טיר איז געשלאָסען, דאָך האָט ער אָנגעריהרט דאָס הענטעל. אָבער די טיר איז ניט געווען גע-שלאָסען.

גרייט יעדע סעקונדע צו ציהען זיך צוריק אָדער ענטשולדיגען זיך, האָט האָפמאַן פאַרזיכטיג געעפענט די טיר און איז אַריינ־געגאַנגען אין אַ גרויסען אכט־קאַנטיגען צימער מיט שמאָלע הויכע פענסטער. קיינער איז דאָרטען ניט געווען. אין צימער איז געשטאַנען אַ שרייב־טיש, עטליכע שטולען, עטליכע אַפּאַראַטען, אַ ביכער שראַנק און אַנדערע קלייניגקייטען. אויף צוויי פון די ווענט זיינען געהאַנגען לאַנגע שפּיגלען אין טיפע שוואַרצע ראַמען. די שפּיגלען זיינען אָבער געווען מאַטאָווע, אַזוי, אַז מען האָט זיך אין זיי ניט געזעהן. ביי איין וואַנט זיינען געווען טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט אַרויף אויפ'ן העכערען שטאָק.

האָפמאַן האָט זיך געשטעלט אין מיטען צימער, האָט אָנגע־הויבען הוסטען און אונטערקלאַפּען מיט די פיס אין דיל; אָבער קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופען.

פאַרזיכטיג האָט ער אָנגעהויבען געהן מיט די טרעפּ אַרויף. און ווען ער איז אַריין אין דעם אויבערשטען צימער, האָט ער זיך דערזעהן אַרומגערינגעלט מיט פאַרשידענע אַפּאַראַטען און מאַשינען. ערגעץ האָבען שוואַך און מיסטעריעז געלויכטען קליינע עלעקטרישע לעמפּלאַך: ערגעץ האָבען זיך רעדלאַך געדרעהט אונטער גלאָז, און ערגעץ זיינען געפלויגען קליינע עלעקטרישע פונקען.

אויף האָפמאַנ'ען האָט עס אָנגעוואָרפען אַ שרעק; האָט ער זיך צוריק אַראָפּגעלאָזען אין אונטערשטען צימער. דאָ האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ שטול און געוואַרט. ער איז אָפּגעזעסען אַ צעהן־פופצעהן מינוט: און ווען קיינער האָט זיך ניט באַוויזען, האָט ער פאַרלאָרען די געדולד און איז צוריק אַרויס אין דרויסען: אפשר וועט ער דאָך עמיצען דערזעהן.

אין דרויסען איז ער געשטאַנען עטליכע מינוט און זיך אַרומ־געקוקט אין אַלע זייטען. אויפהויבענדיג זיין בליק אין דער הויך האָט ער זעהר ווייט און זעהר הויך דערזעהען פליהענדיג אַ מאָדנעם פויגעל. דער פויגעל איז געפלויגען ניט מיט די פליגלען צע־שפּרייט פוןביידע זייטען, נאָר איין פליגעל פאָראויס, און דער צווייטער פון הינטען. עס האָט גיכער אויסגעזעהן ווי אַ שיפעל זאָל זיך טראָגען אין דער לופטען. קיין עראָפּלאַן האָט עס ניט גע־קענט זיין, ווייל דאָס, וואָס עס איז דאָרטען געפלויגען, איז גע־ווען אַ שמאָלע זאַך און אַ לאַנגע, און אַן עראָפּלאַן איז אַ ברייטע

זאך. דערצו האָט מען ניט געהערט דעם גערויש פון די טרייב-שרויפען.

און ווען דער דאָזיגער מיסטעריעזער „פויגעל" איז צוגעקומען א ביסעל נעהענטער, האָט זיך האָפמאַן איבערצייגט, אז דאָס איז טאַקע א פליהענדע שיפעל. א גאַנץ געוועהנליך שיפעל, ווי אויף'ן וואַסער, נאָר עס טראָגט זיך אין דער לופטען ווי דורך א כישוף.

און דאָס שיפעל האָט זיך אראָפּגעלאָזען אַלץ נידעריגער און צוגעקומען אַליי נעהענטער; און איידער האָפמאַן איז געקומען צו זיך פון ערשטוינונג, האָט זיך דאָס שיפעל אראָפּגעלאָזען אויף דער ערד ניט ווייט פון איהם. פון שיפעל איז ארויסגעשפרונגען א מאַן און זיך געלאָזט געהן גלייך צו האָפמאַנ'ען.

געווען איז דער מאַן עטוואָס העכער פון מיטעלען וואוקס און פון א יאָהר דרייסיג. ער האָט אויסגעזעהן צו זיין א יונגערמאַן פול מיט לעבען און ענערגיע. דער טראָט איז געווען א לייכטער און א זיכערער, און געגאַנגען איז ער מיט א הויך פאַרריסענעם קאָפּ. דער ענטבלויזטער קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט קורצע געקרייזעלטע רויטע האָר ווי פייער, און אויף דער אויבערשטער ליפ — א פּאָר קורצע רויטע וואָנצלאַך. דאָס איבעריגע איז געווען גע-גאָלט. געטראָגען האָט ער אויף זיך א לייכט העמדעל מיט א ברייטען פאַרלייגטען קאָלנער און מיט קורצע ארבעל, און א פּאָר קורצע הויזען, וואָס זיינען געהאַנגען אויף א פּאָר שלייקעס און קוים דערגרייכט די קני. אויף די פיס — א פּאָר קורצע שיך, און צווישען די הויזען און די שיך זיינען די פיס געווען נאַקעט.

צוגעהענדיג נאָהענט צו האָפמאַנ'ען האָט דער מאַן אויסגע-שטרעקט זיין רעכטע האַנט און אויסגערופען:

—שלום עליכם!

דערזעהענדיג א לעבעדיגען מענשען און דערהערענדיג א אי-דיש וואָרט, האָט זיך האָפמאַן שטאַרק דערפרעהט. האָט אָנגעכאַפּט דעם מאַנ'ס האַנט מיט זיינעביידע הענט און זיי אָנגעהויבען שאָק-לען און טרייסלען:

— עליכם שלום! עליכם שלום!

דער מאַן האָט זיך געלאָזט טרייסלען די האַנט, האָט געקוקט אויף האָפמאַנ'ען און גערולדיג געוואַרט.

— ווער זענט איהר? — האָט דער מאַן געפרעגט, ווען האָפמאַן האָט אָפּגעלאָזען זיין האַנט.

— ווער זאָל איך זיין? א איד ווי אַלע אידען, — האָט האָפ-
מאַן פרעהליך געענטפערט.

— איר קומט פון מייוועער?

— „מייוועער"? — האָט האָפמאַן פון אָנפאַנג ניט פאַרשטאַנען.

— איך מיין: איהר קומט פון יענער זייט? — האָט דער מאַן ערקלערט, אָנצייגענדיג מיט'ן קאָפּ אויף דעם באַרג פון וואַנען האָפמאַן איז געקומען.

— אָה — איהר מיינט: „מעבר"? פון יענער זייט? זיכער, זיכער קום איך פון מעבר, — האָט זיך האָפמאַן דערפרעהט וואָס ער האָט ענדליך פאַרשטאַנען.

— ווי איז אייער נאָמען?

— סעם האָפמאַן.

— סעם האָפמאַן? „סעם" מוז זיין אייער אייגענער נאָמען, און „האָפמאַן" איז הפנים אייער פאַמיליען נאָמען?

— יאָ, יאָ, — האָט האָפמאַן באַשטעטיגט.

— סעם . . . סעם האָפמאַן . . . איהר מוזט אודאי זיין פון אַמעריקע? „סעם" קלינגט אַמעריקאַניש.

— יאָ, איך בין פון אַמעריקע.

— און איך האָב געמיינט, אַז איהר זענט פון אייראָפּא. און וואָס איז אייער אמת'ער . . . אייער אידישער נאָמען?

— שמואל.

— און אייער פאָטער'ס נאָמען?

— יצחק.

— אויף אונזער שטייגער איז אייער נאָמען שמואל בן יצחק, — האָט דער אומבאַקאַנטער איהם ערקלעהרט מיט א פריינדליכען שמייכעל.

— און ווי איז אייער נאָמען? — האָט האָפמאַן געוואָלט ווי-סען.

— אברהם בן יונה, אָבער אין קורצען רופט מען מיך אברם.

— מיר איז זעהר אנגענעהם אייך צו קענען, — האָט האָפמאַן דערויף געענטפערט און איהם ווידער געטרייסעלט די האַנט.

— איך זעהט אים צו זיין מיעד פון וועג — האָט אברם באַמערקט. — קומט אריין אינעווייניג. וועלען מיר זיך דערוויל צוזעצען. מען וועט באַלד קומען נאָך אייך און מען וועט אייך אָוועקפיהרען אין שטאָדט.

זיי זיינען אריין אין דעם צימער, וואו האָפמאַן האָט זיך פריהער ארומגעדרעהט, און זיך געזעצט.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך: וואָס איז דאָס פאר א טורעם?

— האָט האָפמאַן געוואָלט וויסען.

— א ראדיאָ סטאַנציע.

— אָה, איך פארשטעה, — האָט האָפמאַן געמיינט, אז ער האָט פארשטאַנען. — צו פארשפרייטען מוזיק און רעדעס אין דער לופטען?

— ניין, ניט פאר מוזיק און רעדעס, נאָר צו פארשפרייטען עלעקטרישע ענערגיע אין דער לופטען, — האָט אברהם ערקלעהרט.

— עלעקטרישע ענערגיע? אין דער לופטען? איך פארשטעה ניט. צו וואָס דאַרף מען דאָס?

— צו באַטרייבען אונזערע אויטאָמאָבילען און לופט-שיפען.

— איך הויב ניט אָן צו פארשטעהן, — האָט האָפמאַן געפינטעלט מיט די אויגען.

— איך קאָן עס אייך ערקלעהרען — האָט אברהם געענטפערט.

— אייערע אויטאָמאָבילען לויפען דערפאר, ווייל די גאַזאָלין מאָטאָרען טרייבען זיי. און כדי דער גאַזאָלין מאָטאָר זאָל קענען אַרבייטען, פיהרט יעדער אויטאָמאָביל מיט זיך גאַזאָלין, וואָס דינט אַלץ ברען-מאַטעריאַל פאר די מאָטאָרען. אונזערע אויטאָמאָבילען לויפען מיט עלעקטרישע מאָטאָרען; און די עלעקטריציטעט פאר די מאָטאָרען ווערט געצויגען פון דער לופטען. אָט דער טורעם איז איינע פון די סטאַנציעס וואָס פארשפרייטען עלעקטריציטעט אין דער לופטען. מיט דער צייט וועלען אַזעלכע זאַכען ביי אייך אויך זיין. אַן אָנפאַנג האָט איהר דאָך שוין געמאַכט. איהר האָט דאָך שוין ראדיאָ. און ראדיאָ איז א פאַל ווען עלעקטרישע ענערגיע ווערט פארשפרייט אין דער לופטען. דערווייל איז עס ביי אייך נאָר אין א שוואַכער מאָס; נאָר פאר מוזיק און רעדעס. און מיט דער צייט וועט עס זיין אין א שטאַרקערער מאָס, און דאַן וועלען אייערע אויטאָמאָבילען אויך לויפען מיט דער קראַפט פון עלעקטריציטעט, וואָס וועט געצויגען ווערען פון דער לופטען.

אברהם האָט גערעדט, און האָפמאַן איז געזעסען אַנטקעגען איהם מיט אָפענע מויל און אויגען און מיט ערשטוינונג זיך איינגעהערט.

— און דאָס זעלבע, זאָגט איהר, איז מיט אייערע עראָפּלאַנען?

אייערע עראָפּלאַנען ציהען אויך עלעקטריציטעט פון דער לופטען?

— אייגענטליך האָבען מיר ניט קיין עראָפּלאַנען אין אייער זין פון וואָרט, — האָט אברם געענטפערט. — מיר האָבען לופט-שי־פען. נו, יאָ. זיי ציהען אויך זייער קראַפט פון דער לופטען.

— אַט דאָס, מיט וואָס איהר זענט געקומען צופליהען איז אַ לופט-שיף אזא? — האָט האַפּמאַן געפרעגט.

— יאָ, אַ לופט-שיף, נאָר אַ קליינע. די קלענסטע וואָס עס איז דאָ ביי אונז.

— זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך, ווי אַזוי האַלט זיך עס אין דער לופטען? איך שטעה און קוק, און איך זעה: מיטען דרינען פליהט זיך מיר אין דער לופטען אַ שיפעל. ווי אַזוי קען זיך אַ גאַנץ געוועהנליך שיפעל האַלטען אין דער לופטען? איך הויב עס ניט אָן צו פאַרשטעהן.

— און אייגענטליך דאַרף עס אייך אויך ניט זיין שווער צו פאַרשטעהן, ווייל אַן אָנפאַנג צו אַזעלכע זאַכען איז ביי אייך שוין אויך געמאַכט געוואָרען — האָט אברם געענטפערט. — דאָס שיפעל הויבט זיך אין דער הויך און האַלט זיך אין דער לופטען מיט דער קראַפט פון אנטי-גראַוויטאַציע מאַגנעטען.

— מיט אנטי — וואָס?

— אנטי-גראַוויטאַציע מאַגנעטען, — האָט אברם ווידערהאָלט.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— איהר ווייסט דאָך וואָס גראַוויטאַציע איז. דאָס איז די צוציהונגס-קראַפט, דער מאַגנעטיזם פון דער ערד.

— איך רעכען, אַז איך ווייס, — האָט האַפּמאַן געענטפערט מיט אַ באַליידיגטען טאָן. איהם האָט אָנגעהויבען פאַרדריסען וואָס אַט דאָס רויט אידעל הויבט איהם אָן האַלטען פאַר אַזאַ עם הארץ. וואָס ווייסט אפילו ניט וואָס גראַוויטאַציע איז, נאָר דערפאַר וואָס ער, האַפּמאַן, קומט פון אַ לאַנד, וואו עס זיינען נאָך ניטאָ קיין פליהענדע שיפלאַך.

— און איהר ווייסט דאָך, אַז אַ מאַגנעט איז אַ זאַך, וואָס ציהט צו שטיקער מעטאַלען — האָט אברם פאָרטגעזעצט. — און אַזוי ווי עס זיינען פאַראַן מאַגנעטען, וואָס ציהען צו מעטאַלען, זיינען אויך פאַראַן מאַגנעטען וואָס שטויסען אָפּ מעטאַלען. אַזעלכע מאַג־נעטען זיינען ביי אייך פאַראַן. האָט איהר דען קיינמאָל ניט געזען?

— יאָ, איך האָב געזעהן אַזעלכע מאַגנעטען.

— האָבען מיר אין אונזערע שיפלאַך אַריינגעזעצט אַזעלכע מאַגנעטען, וואָס אָנשטאָט דעם, אַז זיי זאָלען זיך צוציהען צו דער ערד, שטויסען זיי זיך אָפּ פון דער ערד. און דאָס איז אַלעס.

— קענט איהר מיר עס ציינען?

— מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען, קומט אַרויס, וועל איך אייך עס ציינען.

זיי זיינען ביידע אַרויס אין דרויסען און זיינען צוגעגאַנגען צו דעם לופט-שיפעל. אויסגעזעהן האָט עס ווי אַ גאַנץ געוועהנ־ליך מאָטאָר-שיפעל מיט אַ דעכעל פון אויבען. אונטען, וואו ביי אַן אויטאָמאָביל געפינען זיך געוועהנליך די פיר רעדער, זיינען ביי אָט דער שיפעל געווען פיר גרויסע עלעקטרא-מאַגנעטען.

— איהר זעהט? — האָט אברהם אָנגעציינט אויף עפּעס אַ מאַשינקע אינעווייניג אין שיפעל — דאָס איז דער אַפּאַראַט וואָס ציט די עלעקטריציטעט פון דער לופטען און פאַרוואַנדעלט עס אין אַן עלעקטרישען שטראָם וואָס געהט אַריין אין אָט די מאַגנעטען. ווען מען גיט אַ דרעה אָט דאָס הענטעל, הויבט אָן די עלעקטריצי־טעט אַריינשטראָמען אין די מאַגנעטען און זיי שטויסען זיך אָפּ פון דער ערד און הויבען אויף דאָס שיפעל. ווייל מען, אַז דאָס שיפעל זאָל זיך הויבען העכער — לאָזט מען פליסען מעהר עלעקט־ריציטעט; און ווייל מען עס זאָל זיך אַראָפּלאָזען — לאָזט מען פליסען ווייניגער עלעקטריציטעט. אַ טייל פון דער עלעקטריציטעט שטראָמט נאָך אַריין אין אָט דעם מאָטאָר וואָס דרעהט דעם טרייב־שרויף, און דאָס באַוועגט דאָס שיפעל פאָראויס, און דאָס איז אַלעס.

האָפמאַן האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעהערט צו די אַלע ער־קלעהרונגען און זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען. פּלוצים האָט ער זיך געווענדעט צו אברהמ'ען:

— ערלויבט מיר אייך צו פרעגען: וואָס איז אייגענטליך אייער פּאָזיציע דאָ? איך מיין אין באַציהונג צו אָט דעם טורעם.

— איך בין דער אינספּעקטאָר פון די טורעמס. די מאַשינעס אין די טורעמס אַרבייטען אויטאָמאַטיש; אָבער איין מאָל אַ וואָך דאַרף מען צופאָהרען אַ קוק טאָן וואָס דאָ טוט זיך. דאָס איז טו־רעם נומער 18. איך בין אייגענטליך געווען אויפ'ן וועג צום טו־

רעם נומער 15; האָט מען מיר געלאָזט וויסען, אז איהר זענט דאָ, בין איך געקומען זעהן.

— ווער האָט אייך געלאָזט וויסען? — האָט האָפמאַן ניט פאַרשטאַנען.

— פון דער צענטראַל סטאַנציע.

— און וואו געפינט זיך די צענטראַל סטאַנציע.

— אין רישאַנאווע; אונזער הויפּט שטאָט.

— ווייט פון דאַנען?

— אַ צוויי הונדערט מייל.

— פון וואַנען האָבען זיי געוואוסט אז איך בין דאָ?

— מען האָט אייך דאָרטען געזעהן דורך טעלעוויזיע. איהר זענט ארומגעגאַנגען איבער'ן צימער, און דאָרטען הענגען אַזעלכע מאַטאָווע שפּיגלען. די שפּיגלען האָבען אראָפּגענומען אייער גע-שטאַלט און עס אריבערגעשיקט דורך טעלעוויזיע אין דער צענטראַ-לער סטאַנציע; האָט מען אייך דאָרטען געזעהן. איך בין דאַן געווען אין דער לופטען ווייט פון דאַנען; אָבער אויפ'ן וועג האָב איך געקראָגען אַ ראַדיאָפאָן, אז עפּעס אַ פרעמדער מאַן דרעהט זיך ארום אין דער סטאַנציע נומער 18, בין איך צוגעפּאָהרען אַ קוק טאָן וואָס דאָ טוט זיך . . . אָבער איך זעה, אז איהר זענט זעהר מיד. מען וועט באַלד קומען נאָך אייך, מען האָט מיר געלאָזט וויסען, אז מען איז שוין ארויסגעפלויגען.

פון די אַלע ערקלעהרונגען האָט זיך ביי האָפמאַנ'ען געטו-מעלט אין קאָפּ. איהם האָט זיך אָנגעהויבען דאַכטען, אז ער איז אריינגעפאַלען אין אַ כשוף לאַנד, און ווער ווייסט וואָס נאָך פאַר אַ וואונדער עס וואַרטען אויף איהם, און פּלוצים האָט ער זיך דער-מאָנט:

— יאָ, איך האָב אייך געוואָלט פרעגען: וואָס איז דאָס אַזוינס? איך בין פריהער פאַרגאַנגען אין פעלד און געוואָלט זעהן וואָס עס וואַקסט דאָרטען, האָט מיר אָנגעהויבען שטעכען ווי מיט נאָדלען.

— דאָס איז די עלעקטריציטעט וואָס פליסט דורך די דראָטען, — האָט אברהם געענטפערט. — דורך די דראָטען פליסט אַן עלעקט-רישער שטראָם פון גרויסער אנשטרענגונג און פון גרויסער אָפּט-קייט. דאָס העלפט די פלאַנצען צו וואַקסען גיכער און זאַפטיגער

און עס גיט אַ פּיל גרעסערע גערעטעניש ווי געוועהנליך. ווען איהר וואָלט געלעגען אויף דער ערד, וואָלט אייך ניט געשאַדט. אָבער איהר זענט דאָך געשטאַנען, זענט איהר געווען נאָהענטער צו די דראָטען, ווי די ערד, איז די עלעקטריציטעט אייך באַפאַלען.

— איז דאָס פאַר די פלאַנצען? אָבי איך האָב געמיינט . . .

— וואָס האָט איהר געמיינט?

— איך האָב געמיינט, אַז דאָס האָבען די אייגענטימער פון די פעלדער זיך באַוואָרענט געגען גנבים.

אברהם האָט אַ שמייכעל געטאָן, אָבער באַלד געענטפערט גאַנץ ערנסט:

— ביי אונז זיינען ניטאָ קיין פּריוואַטע לאַנד-אייגענטימער. דאָס גאַנצע לאַנד און אַלץ, וואָס עס וואַקסט אויף איהר, באַלאַנגט צו דער רעגירונג. און קיין גנבים זיינען ביי אונז אויך ניטאָ.

— אַזוי? . . . — האָט האָפמאַן אויסגעצויגען.

נאָך אַ זאַך האָט זיך האָפמאַן דערמאָנט, און זיך מישב געווען צי ער זאָל עס פרעגען ביי אברהמ'ען, אָדער ניט. ער האָט איהם געוואָלט פרעגען צי וויים ער ניט עפּעס וועגען דער געהיימער קראַפט, וואָס האָט „אוועקגעלייגט" זיין באַגלייטער און דערנאָך איהם געבראַכט אַן עמער וואַסער, ווען ער האָט געהאַלטען אין אויסגעהן פון דאָרשט. אָבער אין דעם מאָמענט האָט אברהם אויפגעהויבען דעם קאָפּ אין דער הויך און אַ זאָג געטאָן:

— אָט קומען זיי.

האָפמאַן האָט אויך אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אין דער זעלבער ריכטונג און דערזעהען הויך אין דער לופטען פונקט אַזאַ לופט-שיפעל ווי די, לעבען וועלכער זיי זיינען געשטאַנען, נאָר אַ פּיל גרעסערע. דאָס שיפעל האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אַלץ נידריגער און נידעריגער און ענדליך זיך אַראָפּגעלאָזען אויף דער ערד ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו האָפמאַן מיט אברהמ'ען זיינען געשטאַנען.

פון שיפעל זיינען אַרויסגעשפּרונגען צוויי יונגעלייט, ביידע מיט פלאַם רויטע האָר, נאָר איינער אַ פעטליכער מיט אַ גלאַט ראַזירטען פּנים, און דער צווייטער אַ מאַגערער מיט אַ קליין שפּיציג בערדעל. זייערע קליידער זיינען געווען אומגעפעהר די זעלבע, ווי ביי אברהמ'ען, מיט אַ קליינעם אונטערשיד אין דער שאַטירונג פון קאָליר.

ביידע מענער זיינען צוגעגאַנגען, און יעדער פון זיי האָט דער־לאַנגט האַפּמאַנ׳ען אַ האַנט און אָפּגעגעבען „שלום עליכם״. און אברהם האָט דערביי פאַרגעשטעלט: דעם מאַן מיט׳ן גלאַט־ראַזיר־טען פּנים האָט ער אָנגערופען „פּנחס בן יוסף״, און דעם מאַן מיט׳ן בערדעל האָט ער אָנגערופען: „שלום בר יצחק״

עטליכע מינוט זיינען די פיר מענער געשטאַנען אין אַ קריי־זעל און געפיהרט אַן אַלגעמיינעם ניט וויכטיגען געשפּרעך, וועל־כען עס פיהרען געוועהנליך צווישען זיך מענשען, וואָס האָבען זיך נאָר וואָס באַקענט און זיי האָבען ניט קיין וויכטיגע זאַכען וועגען וואָס צו רעדען. אָבער ענדליך האָט אברהם באַמערקט:

— ר׳ שמואל איז זעהר מיעד פון וועג . . .

— אויב אַזוי — קומט, — האָט שלום בר יצחק געזאָגט, און אָנגעצייגט האַפּמאַנ׳ען אויפ׳ן לופט־שיפעל.

האַפּמאַן האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט אברהמ׳ען, האָט איהם באַדאַנקט, און דערנאָך איז ער אריין אין שיפעל און זיך געזעצט אויפ׳ן פּלאַץ, וואָס מען האָט איהם אָנגעצייגט. די איבעריגע צוויי זיינען אויך אריין און זיך געזעצט. פּנחס האָט אַ דריק געטאָן אַ הענטעל. האַפּמאַן האָט גאָרניט געפיהלט; ער האָט אָבער באַ־מערקט, אַז אברהם, וועלכער איז געשטאַנען אָן אַ זייט און אויף וועמען ער האָט דאַן גראַד געקוקט, איז פּלוצים פאַרשוואונדען, און באַלד נאָך דעם האָט אָנגעהויבען זינקען דער טורעם. און דאַן האָט האַפּמאַן פאַרשטאַנען, אַז זיי הויבען זיך אין דער הויך. דער־נאָך האָט פּנחס אַ דריק געטאָן אַ צווייטע הענטעל, און דער טרייב־שרויף, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַן עלעקטרישער פעכער, האָט זיך אָנגעהויבען דרעהען מיט אַ שטילען גערויש, און דאָס שיפעל האָט זיך אויסגעדרעהט אין דער לופטען און אָנגעהויבען זיך טראָ־גען ערגעץ אין אַ באַשטימטער ריכטונג.

עס איז שוין דאַן געווען פאַרנאַכט, און די זון איז שוין גע־ווען גאַנץ נידעריג אויף דער מערב־זייט פון הימעל.

## 9.

ווען די לופט־שיף, אין וועלכער האַפּמאַן איז מיט זיינע צוויי באַגלייטער געפלויגען, האָט זיך אויפגעהויבען גענוג הויך און

איז אָפּגעפלויגען אַ צעהן־פופצעהן מינוט, האָט זיך די פּאַנאָראַמע געביטען. האָפּמאַן האָט אונטער זיך דערזעהן ניט איינע, נאָר עטליכע וועגען, וואָס האָבען זיך געצווייגען אין גלייכע ליניעס און האָבען איינע די צווייטע איבערגעהאַקט. אויף די וועגען זיינען געלאָפען אויטאָמאָבילען, און פון דער הויך האָבען זיי ניט אויסגעזעהן צו זיין אַנדערש ווי די, וועלכע האָפּמאַן האָט געזעהן אין זיין אייגענעם לאַנד. און אין דער לופטען האָבען זיך באַוויזען לופט־שיפען, אי קלענערע, אי גרעסערע. איין לופט־ שיף, וואָס איז פאַרבייגעפלויגען גאָר נאָהענט, איז געווען זעהר גרויס.

די לופט־שיפען האָבען אפילו פון דערווייטענס אויסגעזעהן גאַנץ אַנדערש ווי די עראָפּלאַנען און דיריזשאַבלעס, וועלכע האָפּמאַן איז געוואוינט געוואָרען צו זעהן. זיי האָבען אַלע אויסגעזעהן ווי איינפאַכע שיפען; און אפילו יענע ריזינע לופט־שיף, וואָס איז פאַרבייגעפלויגען אַזוי נאָהענט פאַרביי איהם, האָט אויך אויסגעזעהן ווי אַ גאַנץ געוועהנליכע יאַכטע.

ווען מען איז אָפּגעפלויגען נאָך אַ שטיק וועג האָט האָפּמאַן דערזעהן הינטער זיך אַ גרויסען וואַלד, און אפשר אַ פּאַרק, ווייל דאָ און דאָרטען האָבען זיך איבער דעם פּאַרק געצווייגען ליניעס, און דאָס זיינען קענטיג געווען די וועגען און אַלעען פון דעם פּאַרק. און באַלד נאָך דעם פּאַרק האָבען זיך געהויבען אַ גרופּע פון הויכע און גרויסע געביידעס. זעקס געביידעס אַזעלכע האָט דאָ האָפּמאַן אָנגעצעהלט. אויף וויפיל ער האָט זיך געקענט משער זיין פון דער הויך האָט יעדע געביידע פאַרנומען אַ שטיק לאַנד פון אַ צעהן שטאָטישע בלאָק אין דער לענג און אין דער ברייט, און אַ 70-60 שטאָק די הויך. די געביידעס זיינען געווען געבויט ווי פּיראַמידען: אונטען אַ סך ברייטער ווי אויבען. צווישען די באַזונדערע געביידעס האָבען זיך געצווייגען לאַנגע בריקען, וואָס האָבען זיי פאַראייניגט צווישען זיך אויף פאַרשידענע שטופען פון הויכקייט.

צווישען דעם פּאַרק און די געביידעס, און אַרום די געביידעס זיינען אַרומגעפאָהרען אויטאָמאָבילען און עס זיינען אַרומגעגאַנגען מענשען, וועלכע האָבען פון דער הויך אויסגעזעהן ניט מעהר ווי פּינטעלאַך.

די זון האָט שוין אָנגעהויבען פאַרגעהן אין מערב זייט, ווען דאָס שיפעל אין וועלכען האָפּמאַן איז געפלויגען, האָט זיך אַראָפּ-

געלאָזען אויפ'ן דאַך פון איינער פון די געביידעס. צוויי מענער זיינען פון ערגעץ ארויסגעקומען, האָבען אָפּגעגעבען האָפּמאַנ'ען „שלום עליכם" און איהם נייגעריג באַטראַכט. דערנאָך האָבען זיי דאָס שיפעל אריינגעשטופּט אין אַן עלעווייטער צימערל און דאָס שיפעל איז איינגעזונקען אין דער טיפעניש פון דער ריזיגער געביידע.

איינער פון האָפּמאַנ'ס באַגלייטער, דער מאַן מיט'ן גלאַטען פּנים, וועלכען מען האָט איהם פאָרגעשטעלט אַלס „פּנחס בן יונה", האָט זיך מיט האָפּמאַנ'ען אָפּגעזעגנט און איז ערגעץ אוועקגעגאַנגען. ווען האָפּמאַן האָט זיך אַ מאָמענט שפּעטער ארומגעקוקט, האָט ער איהם שוין ניט געזעהן; ער איז פאַרשוואונדען ווי פון אונטער די הענט. און דער צווייטער באַגלייטער זיינער, וואָס מיט'ן שפּיציג בערדעל און וועלכען מען האָט איהם פאָרגעשטעלט אַלס „שלום בר יצחק", האָט געזאָגט צו האָפּמאַנ'ען:

— זייט אַזוי גוט, קומט מיט מיר.

און זיי זיינען אוועקגעגאַנגען.

זיי זיינען אָפּגעגאַנגען עטליכע צעהנדליג טריט און זיינען אריין אין אַ קליין צימערל, וואָס האָט זיך ארויסגעצייגט צו זיין אַן עלעווייטאָר. דער עלעווייטאָר האָט זיך אראָפּגעלאָזען עטליכע צעהנדליג שטאָק און זיך אָפּגעשטעלט. שלום האָט געעפענט דאָס טירעל, אוןביידע זיינען ארויסגעגאַנגען און האָבען אָנגעהויבען געהן איבער אַ לאַנגען קאָרידאָר.

דער קאָרידאָר איז געווען אַ הויכער און אַ ברייטער מיט אַ האַלב-קיילעכדיגען סופיט. די ווענט זיינען געווען פון אַ העלברוינעם קאָליר און דעקאָרירט מיט איינפאַכע שניצערייען, אָבער זעהר אַנגענעהם פאַר'ן אויג. און אין די ווענט זיינען געווען טירען מיט נומערן, ווי אין אַ האָטעל.

דאָ איז געווען לופטיג און ליכטיג, ליכטיגער און לופטיגער ווי אין דרויסען. די ליכט, וואָס איז געווען אַזוי אַנגענעהם פאַר די אויגען און דערמאָנט אַן זון-ליכט, איז געקומען פון פאַרבאָרגענע לאָמפּען אונטער דעם סופיט.

אין קאָרידאָר האָבען זיך זיי באַגעגענט מענער, פרויען און קינדער, אַלע מיט בלויזע קעפּ און מיט רויטע האָר פון פאַרשידענע שאַטירונגען, פון רויט ווי פייער ביז בלאָנד. און די האָר

זיינען געווען אי גלאַטע, אי געקרייזעלטע; אי קורצע, געשאָרענע ביז'ן הויט פון קאָפּ, אי לאַנגע. איינינע פרויען האָבען געטראָגען לאַנגע צעפּ, אי אַראָפּגעהאַנגען, אי פאַרדרעהט אַרום קאָפּ. די פרויען האָבען געטראָגען קורצע קליידלאַך, עטוואָס לענגער איבער די קני, און לייכטע העמדלאַך, מיט ברייט־פאַרלייגטע קאָלנערס און מיט אָפענע העלזער. די קאָלירען פון די קליידער און איינצעלהייטען פון שניט זיינען געווען פאַרשידען ביי פאַרשידענע מענער און פרויען.

און יעדער איינער, ווער עס איז איהם פאַרבייגעגאַנגען, האָט האָפּמאַנ'ען באַגריסט מיט אַ לייכטען נויג פון קאָפּ און מיט אַ פריינדליכען שמייכעל; און צו דערזעלבער צייט האָט יעדער איינער נייגעריג באַטראַכט זיינע אויסלענדישע, קויטיגע און אַ היבש ביסעל צוריסענע קליידער, זיין שטאַרק באַוואַקסענעם פּנים, זיינע שוואַרצע האָר און זיין הוט אויפ'ן קאָפּ.

האָפּמאַן מיט שלומ'ען זיינען דערגאַנגען ביז'ן סוף קאָרידאָר און זיך פאַרקירעוועט רעכטס. דאָרטען זיינען זיי אָפּגעגאַנגען נאָך אַ שטיק וועג און זיינען צוגעגאַנגען צו אַ טיר. שלום האָט געעפענט די טיר, דורכגעלאָזען האָפּמאַנ'ען, און דערנאָך פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

געווען איז דאָס ניט קיין גרויסער פאָדער־צימער. דאָ איז געשטאַנען אַ טישעל, אַ פּאָר שטולען, אַ ברייטע, טיפע און ווייכע קרעסלע. אויף די ווענט איז געהאַנגען אַ שפּיגעל און אַ פּאָר בילדער.

שלום האָט געעפענט אַ צווייטע טיר און אַריינגעפיהרט אַהין האָפּמאַנ'ען. דער צימער איז געווען אַ גרויסער. אַ ברייטער און אַ הויכער. קיין פענסטער זיינען דאָ ניט געווען, דאָך איז דאָ געווען לופטיג און ליכטיג, און די לופט איז דאָ געווען אַזאַ פרישע און געשמאַקע ווי אין אַ פּאַרק. אין איין ווינקעל פון צימער איז געשטאַנען אַ גרויסע פאַרבעטע בעט. דאָ איז געווען אַ טיש, עטליכע שטולען, אַ קרעסלע, אַ שראַנקעל מיט עטליכע ביכער און אַנדערע קליינינקייטען. אויף די ווענט זיינען געהאַנגען אַ פּאָר בילדער. טירען זיינען דאָ געווען צוויי; די, דורך וועלכער זיי זיינען אַריינגעקומען, און איינע — אָן אַ זייט.

— דאָס וועט זיין אייער צימער, — האָט שלום געזאָגט. —

דאָ האָט איהר אַ בעט, אַ טיש, שטולען און אַלע אַנדערע זאַכען. און דאָ האָט איהר אַ וואַש-צימער — האָט שלום ווייטער געזאָגט און געעפנט די זייטיגע טיר. — איהר וועט זיך ארומוואַשען, ארומרייניגען זיך, וועט מען אייך ברענגען עסען, און דערנאָך וועט איהר זיך לייגען שלאָפען, און מאָרגען אין דער פריה וועל איך קומען נאָך אייך.

שלום האָט איהם אריינגעפיהרט אין באָד-צימער און אָנגע-צייגט אויף די קראַנען, אויף פרישע וועש, אויף אַן אַנצוג נייע קליידער.

— איהר זעהט אָט דאָס טירעלע? — האָט איהם שלום אָנגע-צייגט אויף אַ קליין טירעל אין ווינקעל פון באָד-צימער. — אהער וועט איהר אריינלייגען אַלע אייערע זאַכען וואָס איהר וועט אויס-טאָן פון זיך. אָט דאָ האָט איהר אַ ראַזיר-מעסער און איהר קענט זיך ארומגאָלען, אויב איהר ווילט. דאָ איז אַ פלאַש מיט אַ פלי-סיגקייט. איך וואָלט אייך געראַטען אויסוואַשען אייערע האָר אין אָט דער פליסיגקייט, וועלען זיי ווערען רויט. ווען איהר וועט דערנאָך אָנטאָן אונזערע קליידער, וועט איהר אויסזעהן ווי איינער פון אונזע-רע און מען וועט אויף אייך ניט קוקען אַזוי נייגעריג, ווען איהר וועט געהן אין גאַס. נו, דאַכט זיך, אַז אַלץ איז באַזאָרגט, איצטער מעג איך געהן. מאָרגען אינדערפריה וועל איך קומען נאָך אייך.

האָפמאַן איז געשטאַנען אין מיטען צימער און זיך ארומגע-קוקט אין אַלע זייטען. ער האָט געקוקט אויף די ווענט, אויפ'ן סופיט און אויף די ווייבע ליכט, וואָס איז געקומען פון ערגעץ הינ-טער די קאַרניזען. ער האָט געזוכט דאָס קנעפעל, אָדער הענטעל, וואָס קאָנטראָלירט די ליכט, און ניט געקענט געפינען.

— און ווי אַזוי וועל איך אויסלעשען די ליכט, ווען איך וועל זיך לייגען שלאָפען? — האָט ער געפרעגט.

— אָה, גאָר פשוט: זאָגט: „יהי חושך“, וועט זיך די ליכט אויסלעשען, — האָט שלום געענטפערט מיט אַ גאַנץ ערנסטען טאָן.

האָפמאַן האָט אויף איהם אַ שאַרפען קוק געטאָן: צי מאַכט ער פון איהם ניט חוזק? און פלוצים, ווי ער זאָל איהם ווע‌לען כאַ-פען ביי אַ ליגען שוין דאָ אויפ'ן אָרט, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— „יהי חושך!“

עס איז אָבער פינסטער ניט געוואָרען.

האָפמאַן האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף שלומ'ען און מיט פאַרוואורף.

שלום האָט פאַרשטאַנען דעם בליק און אַ שמייכעל געטאָן.

— מען דאַרף עס פריהער מאָדולירען, — האָט ער אַ זאָג געטאָן. ער איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, האָט פאַררוקט די האַנט הינטער אַ בילד און אָנגעהויבען דאָרטען דרעהען עפּעס אַ הענטעל.

— זייט אַזוי גוט, זאָגט עפּעס.

— וואָס זאָל איך זאָגען? — האָט האָפמאַן ניט פאַרשטאַנען.

— זאָגט אייער נאָמען.

— שמואל, — האָט האָפמאַן אַ זאָג געטאָן.

— נאָך אַמאָל, זייט אַזוי גוט, — האָט שלום אַ זאָג געטאָן דרעהענדיג דאָס הענטעל הינטער'ן בילד און איינהערענדיג זיך צו עפּעס.

— שמואל, — האָט האָפמאַן אַ צווייטען מאָל אַ זאָג געטאָן.

— נאָך איין מאָל, זייט אַזוי גוט.

— שמואל, — האָט האָפמאַן אַ זאָג געטאָן צום דריטען מאָל.

— נו, איצטער וועט שוין זיין גוט, — האָט שלום געזאָגט און איז אָפּגעגאַנגען פון דער וואַנט. — אַנו, זאָגט איצטער: „יהי חושך“.

— „יהי חושך“, — האָט האָפמאַן אַ זאָג געטאָן, און מיט אַמאָל איז געוואָרען אַזוי פינסטער, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען קען די פינסטערניש אָנטאַפּען.

אַ פּאָר סעקונדען איז מען געשטאַנען אין דער פינסטער, און דערנאָך האָט האָפמאַן אַ זאָג געטאָן:

— און ווי אַזוי מאַכט מען צוריק ליכטיג?

— זאָגט: „יהי אור“, וועט ווערען ליכטיג, — האָט געענטפערט שלומ'ס קול אין דער פינסטער.

האָפמאַן האָט אַ זאָג געטאָן:

— „יהי אור!“

און מיט אַמאָל איז געוואָרען אַזוי ליכטיג, ווי פריהער.

האָפמאַן איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער ווי אַן ער-נידערטער. עס איז ביי איהם אויסגעקומען ווי ער זאָל זיך געפי-

נען אין א לאנד פון אזעלכע מענשען, געגען וועלכע ער, האָפמאַן, איז נאָך גאָר א ווילדער. דאָס האָט איהם כמעט ווי באַליידיגט. איהם האָט זיך אפילו אויסגעדאכט, אז שלום קוקט אויף איהם מיט א שפּאָטישען שמייכעל.

— וואָס איז דאָס: — כשוף? — האָט האָפמאַן א פרעג געטאָן ניט אָהן א שטאָך אין זיין שטים.

— פאַרוואָס — כשוף? מיר זיינען ניט קיין כשוף-מאכער, — האָט שלום געענטפערט. — און, נאָך אַלעמען, דאַרפט איהר זיך אזוי שטארק ניט וואונדערן. אָן אָנהויב צו דעם איז דאָך שוין ביי אייך אויך געמאכט געוואָרען: און מיט דער צייט וועט עס זיך ביי אייך אויך ענטוויקלען צו דער זעלבער שטופע, ווי עס איז ביי אונז.

— וואָס פאַר אָן אָנהויב איז ביי אונז געמאכט געוואָרען? — האָט האָפמאַן ניט פאַרשטאַנען.

— האָט מען דען ביי אייך ניט אויפגעבויט א מאַשין, וואָס מען רופט ביי אייך „טעלעוואָקס“, אָדער „עלעקטרישער גולם“, וואָס מאכט פאַרשידענע עלעקטרישע קאָנטאַקטען און ברענגט אין באַוועגונג פאַרשידענע עלעקטרישע מאַשינעס נאָר דורך א באַפעהל פון קלאַנגען?

— יאָ, דעם „טעלעוואָקס“ האָב איך געזעהן, — האָט האָפּמאַן געענטפערט.

— אייער „טעלעוואָקס“ איז די ערשטע, פרימיטיווע שטופע פון דער אַנטוויקלונג, פון אָט דעם אַפּאַראַט, — האָט שלום געזאָגט.

— דאָ, אונטער אָט דעם בילד, איז פאַראַן א זעהר סענסיטיווער מיקראָפאָן וואָס כאַפּט אויף די שוואַכסטע קלאַנגען, וואָס קומען דאָ פאָר. און ווען מען רעדט אַרויס געוויסע ווערטער פון א געוויסער שטים, מאכט ער די נויטיגע קאָנטאַקטען און קען מאַכען ליכטיג און פינסטער, און אויפטאָן אַנדערע ארבייטען, וואָס מען רעדט אויס דורך ווערטער. אַלץ וואָס מען דאַרף טאָן, איז איהם פריהער מאָדולירען, אנשטעלען לויט דעם באַשטימטען קלאַנג און לויט א באַשטימטען קול.

זיי זיינען נאָך געשטאַנען א ביסעל און גערעדט, און דערנאָך האָט זיך שלום אָפּגעזעגענט און איז אַוועקגעגאַנגען.

האָפמאַן איז געבליבען אַליין און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט

ווידער דערזעהן די בעט. און עס האָט איהם מיט אמאָל א ציה געטאָן צו איהר. שוין איבער א מעת-לעת ווי ער האָט ניט געשלאָפען, און די בעט איז געווען אזא ברייטע, אזא ווייכע און געמאַניעט צו זיך. מיט וואָס פאַר א פאַרגעניגען וואָלט ער זיך איצטער אין איהר אריינגעוואָרפען! אָבער ווי אזוי קריכט מען אזא שמוציגער, אזא קויטיגער אין אזא ריינער און ווייסער בעט? און דערצו איז ער נאָך געווען הונגעריג אויך, ווייל עס איז שוין א מעת-לעת וואָס ער האָט ניט געגעסען.

איז ער אריין אין באָד-צימער, זיך אויסגעטאָן, די אַלע קליידער אריינגעוואָרפען אין קעסטעל, וואָס מען האָט איהם פריהער אָנגעצייגט, און פאַרמאַכט דאָס טירעל, און זיך דערנאָך גוט ארומגעוואַשען. דאָס גאָלען זיך האָט ער שוין איבערגעלאָזען אויף מאָרגען אינדערפריה.

ווען ער איז אין זיינע פרישע, שמעקעדיגע וועש און אין זייגע נייע קליידער ארויס צוריק אין צימער, האָט ער דאָרטען געטראָפען א געדעקטען טיש און א נייעם מאַן.

דער נייער מאַן האָט האָפּמאַנ׳ען פריהער אָפּגעגעבען „שלום עליכם״, און דערנאָך זיך פאָרגעשטעלט אלס א באַדינער פון דעם האָטעל, וואו ער שטעהט איצטער איין. דאָס האָט ער איהם דאָס עסען געבראַכט און געגרייט דעם טיש.

דער באַדינער האָט נאָך געערדט א ביסעל און איז אוועקגעגאַנגען, און האָפּמאַן האָט זיך געזעצט צום טיש. פון די אַלע שפּייזען, וואָס זיינען דאָ געווען אנגעשטעלט, האָט ער דערקענט ברויט-פּלעצלאך און פוטער; דאָס איבעריגע האָט ער ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז אזוינס און ווי אזוי עס אָנצורופען, אָבער געשמאַק איז עס געווען זעהר. א חוץ דעם איז דאָ נאָך געשטאַנען א פלאַש וואַסער און א פלאַש וויין, און האָפּמאַן האָט געטרונקען פון ביידע.

מען קען ניט זאָגען, אז מען האָט איהם געגעבען צו פיל צו עסען: ער האָט געהאַט אין זיך פלאַץ פאַר אמווענינגסטען נאָך א צוויי מאָהלצייטען אזעלכע. אָבער דער שאַרפער הונגער איז דאָך אביסעל געשטילט געוואָרען, און דערצו איז ער געווען אזוי שלעפעריג, די גלאָז וויין, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען האָט איהם נאָך מעהר שלעפעריג געמאַכט. ער איז קוים איינגעשטאַנען אויף די פיס.

ער האָט זיך קוים אויסגעטאָן, איז אַריינגעקראָכען אין בעט און זיך אנגעהויבען צודעקען. ער האָט נאָך כוח געהאַט צו זאָגען: „יהי חושך״, און אין דעם מאָמענט איז די ליכט אויסגעלאָשען געוואָרען און עס איז געוואָרען שטאַרק פינסטער. און איידער זיין קאָפּ האָט נאָך אָנגעריהרט די קישען, איז ער שוין איינגעשלאָפען ווי אַ געהרג׳עטער, און איז אַזוי אָפּגעשלאָפען פופצעהן שעה נאָכאַנאַנד.

.10

ווען האָפּמאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט איז געווען שטאַרק פינסטער. ער האָט געעפענט די אויגען און זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען וואו ער איז אויף דער וועלט. מעכאַניש האָט ער אָנגעהויבען שארען מיט דער האַנט איבער דער וואַנט און געזוכט דאָס קנעפּעל פון דער עלעקטרישער באַלייכטונג. אָבער פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט. ער האָט אַ ברייטען שמייכעל געטאָן און אַ זאָג געטאָן: „יהי אור״ און מיט אַמאָל איז געוואָרען ליכטיג.

האָפּמאַן איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און זיך דערפיהלט פריש, געזונט און מונטער און פול מיט לעבען און ענערגיע. נאָר שרעקליך הונגעריג. דערצו איז נאָך די לופט דאָ געווען אַזאַ פרישע, אַזאַ געשמאַקע, אַזאַ פאַר׳שיכור׳ענדע, און דאָס האָט נאָך מעהר געררייצט דעם אַפּעטיט.

ער איז אַריין אין באַד-צימער, האָט זיך אַרומגעגאָלט, זיך אַרומגעוואַשען און די האָר אויסגעוואַשען מיט דער פליסיגקייט, אויף וועלכער שלום האָט איהם נעכטען אָנגעצייגט, און די האָר זיינען געוואָרען רויט. און ווען ער האָט דערנאָך אָנגעטאָן אויף זיך די נייע „היגע״ קליידער און אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגעל האָט ער זיך אַליין ניט דערקענט . . .

עמיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, און עס איז אַריין דער נעכטיגער באַדינער מיט אַ ברייטען „גוט מאָרגען״.

איצטער האָט האָפּמאַן געהאַט מעהר צייט און מעהר כוח איהם צו באַטראַכטען. דאָס איז געווען אַ הויכער, דאַרער מאַן, שוין גאָר ניט קיין יונגער, מיט אַ לאַנגען דאַרען און שפּיציגען פּנים מיט אַ לאַנגען אויסגעצויגענעם האַלז און מיט אַ „קנעפּעל״ אין גאָרגעל. און ווען ער האָט גערעדט, האָט זיך דאָס

„קנעפּעל״ געדרוקט אַרויף און אַראָפּ. דער פּנים איז געווען זעהר אַ גוטמוטיגער און כּמעט שטענדיג געשמייכעלט.

— האָט איהר גוט געשלאָפען, ר׳ שמואל? — האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אין זעהר אַ העפליכען טאָן, מיט דעם אויבערשטען טייל פון קערפּער עטוואָס אנגעבויגען אין פאָראויס פון גרויס העפ־ליכקייט.

— זעהר גוט. איך דאַנק אייך. איך בין געשלאָפען ווי אַ געה־רג׳עטער, — האָט האָפמאַן פריינדליך געענטפערט, און אין זיינע געדאַנקען געזוכט אויסצומעסטען דעם סאָציאַלען שטח צווישען זיך און דעם באַדינער.

ער איז ניט געווען זיכער וועגען דעם טאָן וואָס ער האָט געדאַרפט נעהמען אין באַצוג צו אַט דעם האָטעל־דינער, צו אַט דעם „וועיטער״. נאָך אַלעמען — איז ער, האָפמאַן, דאָך דער זשור־נאַליסט און דער גאַסט פון לאַנד: און דער מאַן, וואָס שטעהט פאַר איהם איז ניט מעהר ווי אַ באַדינער, אַ לאַקעי. זאָל ער זיך שטעלען אויף אַ העכערען געזעלשאַפטליכען שטאַפּעל — קען דאָך אַמאָל זיין, אַז ער וועט איהם באַליידיגען. אַ קשיה אויף אַ מעשה אויף אָט די רויטע אידעלאָך מיט זייער כשוף־ציוויליזאַ־ציע . . . און ווידער — ער זאָל זיך שטעלען מיט איהם אויף איין ברעט און רעדען צו איהם ווי צו אַ גלייכען — קען מען איהם נאָך שפּעטער אויסלאַכען, האָט ער באַשלאָסען אַז דערווייל וועט ער זיך האַלטען צו איהם פּשוט פריינדליך ביז די שייכות וועט פון זיך אַליין קלאָהר ווערען.

און דער באַדינער איז געשטאַנען פאַר איהם, האָט גוטמוטיג געריבען אַ האַנט אָן אַ האַנט און זיין גאַנצע פיגור האָט אויס־געדריקט גרייטקייט צו דינען.

— וואָס זשע וועט איהר עסען פאַר פריהשטיק, ר׳ שמואל?

— וואָס ווייס איך פון אייערע מאכלים? וואָס איהר וועט מיר געבען — וועל איך עסען, — האָט האָפמאַן געענטפערט.

— טאָ, פאַרלאָזט זיך אויף מיר, איך וועל אייך שוין צוזאַ־מענשטעלען אַ מעניו. און ווי האָט אייך געשמעקט דער נעכטי־גער אווענטברויט?

— זעהר גוט, זעהר גוט. עס איז געווען זעהר געשמאַק, — האָט האָפמאַן געענטפערט. — נאָר, איהר ווייסט . . . אַ ביסעלע צו

ווייניג . . . אַ צו קליינע פּאַרציע האָט איהר מיר געגעבען.
— צו ווייניג ? ! — איז דער באַדינער געוואָרען איבער־ראַשט. — ווי קומט עס ? איך האָב דאָך אייך דערלאַנגט אַ דאָ־פּעלטע פּאַרציע.
— אָט דאָס איז ביי אייך אַ דאָפּעלטע פּאַרציע ? — האָט זיך האָפּמאַן געוואונדערט. — טאָ וויפיל זשע עסט מען ביי אייך אין אַלגעמיין ?
— האַלב פון דעם וואָס איך האָב אייך נעכטען דערלאַנגט. אָבער ר' שלום האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איהר קומט פון מעבר, און אַז ביי אייך זיינען גרעסערע מאָגענס און איהר דאַרפט מעהר, האָב איך אייך געבראַכט אַ דאָפּעלטע פּאַרציע. און, ווייטער — אויב דאָס איז ווייניג, איז בכל הכבוד גדול, וויפיל איהר ווילט. איך וועל אייך איצטער ברענגען צוויי מאָל אַזוי פיעל, ווי נעכ־טען.
— איך בעט אייך . . . אומגעפעהר . . .
— מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען, מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען, ר' שמואל. איך געה שוין.
— ענטשולדיגט : ווי איז אייער נאָמען ? — האָט איהם האָפּמאַן אָפּגעשטעלט.
— מיין נאָמען איז זבלון. מען רופט מיך פּשוט זבולן.
— איך דאַנק אייך, ר' זבלון.

צוויי מאָל איז זבולן געגאַנגען הין און צוריק, און יעדעס מאָל געטראָגען פולע באַגילדעטע טאַצען מיט כלים און שפּייז. פון זיי האָט האָפּמאַן דערקענט : וואַסער, קאַווע, מילך, צוקער, ברויט־פּלעצלאַך און פּוטער. די איבעריגע זיינען איהם ניט געווען באַ־קאַנט. האָט ער זיך צוגעזעצט צום טישעל, אויף וועלכען די אַלע מאכלים זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען, האָט זיך מיט זיי גרינד־ליך באַקענט, און איז מיט דער נייער באַקאַנטשאַפט געבליבען האַר־ציג צופרידען. און ווען זבלון האָט דעם צימער פאַרלאָזען צום לעצטען מאָל האָט ער מיטגענומען נאָר ליידיגע כלים. דערפאַר אָבער זיינען די אויגען זיינע געווען גרויס פון ערשטוינונג, און ווי העפליך ער האָט ניט געוואָלט זיין צום „גאַסט", האָט ער דעם אויסדרוק פון ערשטוינונג פון זיין פּנים ניט געקענט פאַרטרייבען. האָפּמאַן האָט דעם אויסדרוק באַמערקט, און ווען דער באַדי־

נער האָט איהם געפרעגט, צי ער איז צופרידען, האָט האָפּמאַן גע־ענטפערט מיט אַ פראַגע:

— איז דאָס דען טאַקע אַזוי פיל אָט דאָס, וואָס איך האָב איצטער געגעסען?

— אָה, נעמט ניט פאַראומגוט, ר׳ שמואל. נעמט ניט פאַר־אומגוט. איך בעט אייך. איך האָב גאָרניט געמיינט . . .

— ניין, ניט דאָס מיין איך, — האָט האָפּמאַן געענטפערט. — אָבער פריהער האָט איהר געזאָגט, אַז דאָס, וואָס איך האָב נעכטען געגעסען, איז געווען אַ דאָפּעלטע פּאָרציע. הייסט עס, אַז היינט האָב איך געגעסען אַ פיר־פאַכיגע פּאָרציע? הייסט עס, אַז ביי אייך עסט מען פיער מאָל וויינינגער פון דעם, וואָס איך האָב היינט געגעסען?

— אומגעפעהר, אָבער . . .

— אָך, ניט דאָס מיין איך, — האָט איהם האָפּמאַן אומגעדול־דיג איבערגעשלאָגען פאַרשטעהענדיג, אַז ער וויל זיך שוין ווי־דער פאַרענטפערען. — איך האָב נאָר געוואָלט וויסען ווי אַזוי איהר קענט זיך באַנוגענען מיט אַזוי ווייניג שפּייז?

— דאָס איז ניט ווייניג, ר׳ שמואל, דאָס איז גאָרניט ווייניג. אַ דורכשניטליכע פּאָרציע ענטהאַלט אין זיך פונקט אַזוי פיל מאַ־טעריאַלען, אַזוי פיל היץ־ענערגיע און אַזוי פיל וויטאַמינען, אין וויפיל אַ דורכשניטליכער מענשליכער קערפּער נויטיגט זיך פאַר אַ האַלבען אָדער אַ דריטעל פון אַ מעת־לעת. דאָס איז וויסענשאַפט־ליך אויסגעמאָסטען און אויסגערעכענט געוואָרען און באַשטעטיגט געוואָרען דורך פּראַקטישע ערפאַהרונגען.

— אָבער איך בין דאָך פונקט אַזאַ מענש ווי איהר, — האָט זיך האָפּמאַן אָנגעהויבען היצען. — פאַרוואָס איז מיר געווען ווײ־ניג אַ דאָפּעלטע פּאָרציע?

— נעמט ניט אָן פאַר אומגוט . . . האָט זבלון אָנגעהויבען.

— אָך, לאָזט צורוה אייער „אומגוט“. איך בעט ביי אייך אַ פּשוט׳ע ערקלעהרונג, — האָט איהם האָפּמאַן איבערגעשלאָגען.

— וועל איך אייך ערקלערען, אויב איהר וועט מיר ערלויבען. עס איז נאָר אַ פראַגע פון געוואוינהייט, אייערע מענשען עסען ניט אַזוי פיל שפּייז, און וויפיל דער קערפּער נויטיגט זיך, נאָר זיי עסען זיך אָן ביז זאַט. און דער מאָגען ווערט זאַט ערשט דאַן ,ווען

ער ווערט איבערגעשטאָפּט. און אַזוי ציהט זיך עס ביי אייך פון דודות און דורות; נאָך פון יענע צייטען, ווען דאָס עסען איז געווען דער גרעסטער פאַרגעניגען ביי מענשען. עס איז אפילו געווען אַ צייט, ווען מענשען פלעגען שטופּען אַ פינגער אין האַלז אריין, כדי אויסצוברעכען וואָס מען האָט פריהער געגעסען און כדי צו האָבען דעם פאַרגעניגען פון עסען נאָך אַמאָל. און אָט די געוואוינהייט פון איבערשטאָפּען דעם מאָגען איז אַריבער בירושה. אייערע מענשען באַפרידיגען זיך ניט ביז זיי שטאָפּען ניט איבער דעם מאָגען.

— איהר וועט מיר דאָך ניט איבעררעדען, אַז אייערע מאָגענס זיינען אַנדערע, ווי אונזערע מאָגענס, — האָט זיך האָפמאַן נאָך אַלץ געהיצט.

— ניין. אונזערע מאָגענס זיינען די זעלבע, ווי אייערע. אָבער מיר האָבען זיך פון אָט דער געוואוינהייט שוין באַפרייט. נאָך מיט דורות צוריק, ווען ביי אונז האָט זיך אָנגעהויבען דער צווייטער רענעסאַנס, און מען האָט ביי אונז אָנגעהויבען פאַרשטעהן, אַז איבערצושטאָפּען דעם מאָגען איז שעדליך, האָט זיך ביי אונז אָנגעפאַנגען אַ באַוועגונג: „עסען מיט מאָס“. מען האָט אָנגעהויבען פיהרען אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע אויף אַלע פראָנטען: אין דער געזעלשאַפט, אין די שולען, אין דער וויסענשאַפט און אין דער קונסט . . .

— אין דער קונסט? — האָט איהם האָפמאַן איבערגעשלאָגען.

— יאָ: אפילו אין דער קונסט. וואָס וואונדערט איהר זיך אַזוי?

— ווי אַזוי האָט איהר אַזאַ פּראָזאאישע זאַך, ווי דאָס עסען, געקענט אריינפלעכטען אין דער קונסט?

— ניט דירעקט, נאָר אומדירעקט. נאָך אַלעמען איז קונסט אַן אויסדרוק פון גייסט און פון שטימונג, און קיין זאַך ווירקט ניט אַזוי דירעקט אויף דער שטימונג און אויף דעם צושטאַנד פון גייסט, ווי דער צושטאַנד פון מאָגען. האָט מען אָנגעפאַנגען אַ באַוועגונג: „עסען מיט מאָס“. די וויסענשאַפט האָט באַשטימט די מאָס פון עסען, און מענשען האָבען געזוכט נאָכצופאָלגען. אורטיילענדיג פון אייניגע קאַפּיטלאַך פון אונזער קולטור-געשיכטע, איז עס פון אָנפאַנג ניט געווען אַזוי לייכט. אַ

היבש ביסעל מענשען, איבערהויפט פון עלטערען דור, האבען זיך געמוזט צו ביסלאך מקריב זיין פאר'ן אידעאל, א שטייגער ווי ביי אייך זיינען פאראן מענשען, וואס זיינען גרייט צו געהן אין תפיסה אדער זיינען גרייט אויף אנדערע אומבאקוועמליכקייטען, כדי צו פארשפרייטען א געוויסען אידעאל. אבער ביסלעכווייז האט מען זיך צו דעם צוגעוואוינט; די געוואוינהייט האט אנגעהויבען אי־בערגעהן בירושה, און איצטער עסען מיר פונקט אזוי פיל, וויפיל דער קערפער פאדערט. און מיר פיהלען ניט קיין באדערפעניש צו עסען מעהר.

— אבער איהר גיט דאך אליין צו, אז עסען איז א פארגעניגען, — האט האפמאן זיך ניט געוואלט אונטערגעבען. — פארוואס זשע זאלען זיך מענשען אפזאגען פון א פארגעניגען? זענט איהר דען געגען פארגעניגענס אין לעבען?

— פונקט פארקעהרט. די גאנצע אונזער ציוויליזאציע און אלץ וואס מיר טוען, האט אלם איהר הויפט צוועק וואס מעהר פארגע־ניגענס אין לעבען. אבער פארגעניגענס געזונטע, און ניט קיין קראנקע. דעם העכסטען פארגעניגען קריגען מענשען דורך נארקא־טישע געטראנקען; אבער קיין זאך איז ניט אזוי שעדליך ווי די נארקאטישע געטראנקען. פאר עטליכע מינוטען גן־עדן באצאהלען מענשען מיט א לעבענס־לענגליכען גיהנום.

— איך זעה דא ניט דעם פארגלייך, האט האפמאן ניט פאר־שטאנען.

— ביי אייך עסט מען הויפטזעכליך צוליב דעם פארגעניגען פון עסען, — האט זבלון ערקלעהרט. — און דער פארגעניגען פון עסען באשטעהט אין איבערשטאפען דעם מאגען. אן איבערגע־שטאפטער מאגען קען ניט פארדייען, און עס ענטוויקלען זיך פארשידענע מאגען־קראנקהייטען, אי צייטווייליגע, אי כראנישע. דאס רוב קראנקהייטען, פון וועלכע אייערע מענשען ליידען, זיינען אדער מאגען־קראנקהייטען דירעקט, אדער קראנקהייטען, וואס הא־בען זיך גענומען פון שלעכטע מאגענס. און ביי אונז איז עס ניטא. אייערע מענשען שטעהען אויף פון א מאהלצייט מידע, שווערע און פוילע; און ביי אונז נאך א מאהלצייט פיהלט מען זיך ערפרישט פון א נייעם צופלוס פון ענערגיע. און דער רעזולטאט איז, אז ביי אונז לעבט מען אי לענגער אי צופרידענער, ווי ביי אייך.

— א שטייגער, וואָס רופט איהר „לעבען לענגער"? — האָט האָפמאַן געוואָלט וויסען, — וויפיל זיינען ביי אייך די דורכשניט-ליכע יאָהרען, וואָס א מענש לעבט?

— ביי אונז זיינען פאַראַן מענשען, וואָס לעבען הונדערט און פערציג, און אפילו הונדערט און פופציג יאָהר; אָבער די דורכשניט-ליכע טעג פון לעבען ביי אונז זיינען הונדערט און צוואַנציג יאָהר; בשעת ביי אייך זיינען זיי נאָר אַרום זעכציג יאָהר.

— הונדערט און צוואַנציג יאָהר אין דורכשניט?! — האָט זיך האָפמאַן שטאַרק פאַרוואונדערט.

— וויפיל, אַן ערך, רעכענט איהר בין איך אַלט? — האָט איהם זבלון געפרעגט.

האָפמאַן האָט איהם באַטראַכט.

— איך רעכען . . . איך רעכען אַז איהר דאַרפט אַלט זיין א יאָהר . . . א יאָהר פופציג, — האָט ער געזאָגט.

— און זעכציג וואָלט איהר מיר געגעבען?

— זעכציג? — האָט האָפמאַן א טראַכט געטאָן און איהם נאָך אַמאָל אָפּגעמאָסטען מיט די אויגען, — מיט אנשטרענגונג וואָלט איך דערלאָזען, אַז איהר זענט זעכציג יאָהר אַלט.

— בין איך טאַקע דריי און נייַנציג יאָהר אַלט. זעהט איהר?

— האָט זבלון מיט נצחון אויסגערופען. — ביי אייך איז דריי און נייַנציג יאָהר א זעהר טיפע עלטער וואָס זעלטען ווער עס דערלעבט עס. און ווען איינער דערלעבט שוין אַזאַ עלטער, געפינט ער זיך שוין זייט יאָהרען אין א מושב זקנים, און מען דאַרף איהם אַלץ דערלאַנגען. און איך פיהל זיך ווי אייערער א פופציג-יאָהריגער און באַדין אַנדערע. און איך האָף נאָך צו לעבען לאַנג און נאָך לאַנג באַדינען אַנדערע. וועמען נאָך קענט איהר דאָ? שלומ'ען קענט איהר דאָך. ווי אַלט, דענקט איהר, איז ער?

— ר' שלום, וואָלט איך געזאָגט, — האָט האָפמאַן געענטפערט טראַכטענדיג, — דאַרף אַלט זיין א יאָהר . . . א יאָהר דרייסיג; העכסטענס; עטליכע און דרייסיג.

— איז ער טאַקע אַלט זיבען און פופציג יאָהר. זעהט איהר? אָט דאָס איז דער אונטערשיד צווישען אונזער מענשען און אייע-רע. נו, עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס ראַציאָנאַלע עסען איז ניט דאָס איינציגע וואָס שפּילט דאָ אַזאַ ראָלע, אָבער דאָס איז איינע

פון די וויכטיגסטע אורזאכען פון אונזער לענגערען און מעהר צו-פרידענעם לעבען.

„וואס זיינען דאס פאר א מענשען? וואס איז דאס פאר א פאלק? — האט האפמאן צו זיך געטראכט הערענדיג אויפמערקזאם צו די אלע רייד פון אט דעם האטעל-באדינער; רייד וואס זיינען פאר איהם געווען אזוי נייע...

אין דעם מאמענט האט עמיצער אנגעקלאפט אין טיר, און שלום איז אריינגעקומען. ער האט זיך באגריסט מיט ביידע אנ-ווענדע; און לויט דעם אופן, ווי ער האט זיך באגריסט מיט זבלון'ען, האט האפמאן פארשטאנען, אז א פשוט'ער „וועיטער" איז דא אויך א מענש...

און זבולן האט באלד נאך דעם פארלאזען דעם צימער מיטנעה-מענדיג מיט זיך די באגילדעטע טאצען מיט די אויסגעליידיגטע כלים.

## .11

— א מאדנער מענש, אט דער זבלון, — האט האפמאן א זאג געטאן צו שלום'ען באלד נאך דעם, ווי דער באדינער האט פאר-לאזען דעם צימער. — ער האט נאר וואס געהאלטען פאר מיר א גאנצע לעקציע וועגען דיעטעטיקס. ער זעהט אוים צו זיין א גאנץ... א גאנץ אינטעליגענטער מאן.

— יא; ר' זבלון איז ביי אונז איינער פון די באריהמטסטע מע-נער אין לאנד, — האט שלום געענטפערט.

— מיט וואס האט ער זיך געמאכט באריהמט?

— ער איז איינער פון אונזערע גרעסטע מוזיקער.

— ווער? אט דער זבלון? — האט זיך האפמאן פארוואונ-דערט.

— יא, אט דער ר' זבלון, וואס האט אייך באדינט.

— איך פארשטעה ניט. וואס זשע דארף ער זיין א לאקעי אין א האטעל?

— וואס איז דער אונטערשיד וואס א מענש טוט, כדי צו מא-כען א לעבען?

— אבער אויב ער איז אזא גרויסער מוזיקער, קען ער דאך גע-בען קאנצערטען, אדער, אמווייניגסטען, שפילען אין אן ארקעס-טער.

— אמאָל באַטייליגט ער זיך אין אַן אָרקעסטער, און אמאָל גיט ער אַן עפענטליכען קאָנצערט, אָבער זעהר זעלטען. בכלל וויל ער זיך צו קיין זאַך ניט פאַרפליכטען. ווען עס קומט צו מוזיק וויל ער זיין אינגאַנצען פריי. אָבער ווען ער גיט אמאָל אַ קאָנצערט, הערט זיך צו איהם צו דאָס גאַנצע לאַנד, דירעקט אָדער דורך ראַדיאָ.

„אַ מאָדנע פאָלק און מאָדנע מענשען" — האָט האָפמאַן ווי־דער אַ טראַכט געטאָן.

און שלום האָט זיך געווענדעט צו האָפמאַנ'ען:

— איך האָב אייך געוואָלט בעטען איהר זאָלט אַזוי גוט זיין און געהן מיט מיר.

— וואוהין געהען מיר? — האָט האָפמאַן געפרעגט.

— איך מוז אייך נעהמען אויף אַ פאַרהער.

— כדי וואָס?

— כדי צו בשטימען ווי אַזוי אייך צו באַהאַנדלען.

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, און געהענדיג האָט האָפמאַן געפרעגט זיין באַגלייטער:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, פון וואַנען נעמט זיך דאָ אַזאַ פרישע לופט? איך קוק און איך קוק, און איך זעה דאָ ניט קיין פענסטער, און די לופט איז דאָ אַזוי פריש און געשמאַק, ווי אין אַ פאַרק.

— פון ווענטילאַציע, — האָט שלום געענטפערט שפאַנענדיג ווייטער. — אונטען, אין קעלער־שטאָק, איז פאַראַן אַזאַ לאַבאָראַ־טאָריע וואָס ציהט אַרויס די גאַנצע לופט פון דער געביידע, ריי־ניגט זי דורך, גיט צו פרישען זויער־שטאָף און טרייבט עס צו־ריק פאַנאַנדער איבערין גאַנצען הויז, איבער די קאָרידאָרען און צימערען.

אין דער צייט האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט לעבען אַ טיר.

— איהר זעהט? — האָט שלום אָנגעצייגט האָפמאַנ'ען — דאָס איז אַ טיר פון אַן אַלאַווייטאָר. אויב איהר ווילט זיך אויפהויבען אָדער אַראָפּלאָזען זיך, גיט אַהיר אַ דריק אָט דאָס קנעפּעל, וועט דער אַלאַווייטאָר קומען נאָך אייך. אָבער פריהער מוזט איהר אַ קוק טאָן אויף אָט דאָס לעמפּעל. אויב דאָס לעמפּעל ברענט ניט, איז אַ סימן, אַז דער אַלאַווייטאָר איז ניט פאַרנומען, דאַן קענט איהר דריקען דאָס קנעפּעל. אין אַלאַווייטאָר זיינען פאַראַן קנעפּ־

לאך מיט נומערן. ביי וועלכען שטאָק איהר ווילט זיך אָפּשטע-לען, אזא נומער גיט איהר אַ דריק.

— פון וואַנען וועט איצטער קומען דער אלאווייטאר? — האָט האפּמאַן געפרעגט.

— פון דעם ערשטען שטאָק.

— און ווי הויך וועלען מיר זיך אויפהויבען?

— ביז דעם פינף-און-פופציגסטען שטאָק.

— וועלען מיר דארפען איבערבייטען אן אלאווייטאַר אויפ'ן וועג, אָדער דער זעלבער אלאווייטאַר וועט אונז אהין ברענגען?

— דער זעלבער אלאווייטאר.

— מוז די קייט זיין זעהר א לאַנגע, אויב דער אלאווייטאר דארף זיך הויבען פינף-און-פופציג שטאָק.

— וואָס פאר א קייט? — האָט שלום ניט פארשטאַנען.

— איך מיין די קייט וואָס הויבט ארויף און לאָזט אראָפּ דעם אלאווייטאַר.

— דער אלאווייטאַר הויבט זיך נישט מיט קייטען, — האָט שלום געענטפערט.

— מיט וואָס זשע דען?

— מיט אַנטי-גראַוויטאַציע מאַגנעטען, די זעלבע אַנטי-גראַווי-טאַציע מאַגנעטען וואָס האַלטען אויף אונזערע לופטשיפען אין דער לופטען.

און דערווייל האָט שלום א דריק געטאָן דאָס קנעפּעל, א קליין עלעקטריש לעמפּעל האָט זיך באַלד אָנגעצונדען איבער דער טיר, און אונטער דעם לעמפּעל האָבען זיך אָנגעהויבען בייטען נומע-רען וואָס האָבען געצייגט ווי אַזוי דער אלאווייטאר הויבט זיך. אין א קאַרגע מינוט ארום האָט זיך די טיר לעבען זיי געעפענט פון זיך אליין און שלום און האפּמאַן זיינען אריינגעגאַנגען אין א קליינעם אלאווייטאר. ווען זיי זיינען שוין געווען אינעווייניג, האָט שלום א דריק געטאָן דאָס קנעפּעל לעבען דעם נומער 55. די טיר האָט זיך פון זיך אליין פארמאַכט, און דער אלאווייטער האָט זיך אָנ-געהויבען הויבען ארויף. אין א מינוט ארום האָט זיך דער אלאווייטער אָפּגעשטעלט, די טיר האָט זיך געעפענט, און שלום און האַפּמאַן זיינען ארויס אין קאָרידאָר. שלום האָט א דריק גע-טאָן דאָס קנעפּעל לעבען טיר און די טיר האָט זיך פארמאַכט, און

די נומערען איבער דער טיר האָבען זיך אנגעהויבען בייטען און האָבען אנגעצייגט, אז דער אלאוויטער לאָזט זיך אראָפּ אלץ ני־דעריגער און נידעריגער.

זיי האָבען אָנגעהויבען געהן איבער'ן קאָרידאָר און זיך אָפּ־געשטעלט לעבען א טיר. שלום האָט די טיר געעפענט און זיי זיי־נען אריין פריהער אין א פאדער־צימער, און פון דאָרטען זיינען זיי אריין אין דעם הויפּט־צימער.

.12

דער צימער, אין וועלכען זיי זיינען אריינגעקומען, איז געווען א לאַנגער און א גרויסער, און אויך אָהן פענסטער, כאָטש געווען איז דאָ גאַנץ לופטיג און ליכטיג.

די ערשטע זאך, וואָס האָפּמאַן האָט דערזעהן, זיינען געווען צוויי מענער, ביידע מיט ערנסטע פּנים'ער און ניט קיין יונגע. איינער פון זיי איז געשטאַנען ביי א שווארץ ווענטעל, אויף וועל־כער עס זיינען געווען אָנגעהאַנגען פארשיידענע אינסטרומענטען, ווי זייגערס אויף א וואַנט אין א זייגער־געשעפט. דער צווייטער איז געזעסען ביי א טישעל, וואָס האָט זיך געפונען טיפער אין צימער און וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א גרויסע שרייב־מאַשין.

ביידע מענער זיינען צוגעגאַנגען צו האָפּמאַנ'ען, האָבען איהם אָפּגעגעבען „שלום", און באַלד נאָכדעם האָבען זיי זיך, מיט די־זעלבע ערנסטע, כמעט שטרענגע פּנימ'ער, אומגעקערט צוריק און האָבען צוריק פארנומען זייערע פריהערדיגע פּאָזיציעס: איינער ביי דעם ווענטעל מיט די „זייגערס", און דער צווייטער ביים טי־שעל מיט די „שליסלען", וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א שרייב־מאַ־שין.

ארומקוקענדיג זיך ווייטער, האָט האָפּמאַן דערזעהן א מאַסי־ווען הילצערנעם שטול, וואָס איז געשטאַנען כמעט אין מיטען צי־מער, נאָר נאָהענט צום אריינגאַנג. פון דעם שטול האָבען זיך געצויגען דראָטען, און איבער זיין רוקען איז געהאַנגען א מין מע־טאַלענע היטעל, פון וועלכען עס האָבען זיך אויך ערגעץ געצויגען דראָטען. דער גאַנצער שטול, מיט זיין מעטאַלענעם היטעל און מיט די דראָטען איז געווען אזוי עהנליך צו די באַרימטע „עלעקטריק

טשערס" אין אמעריקאנער געפענגניסען, אז ביי האפמאנ'ען האט פלוצים א קלאפ געטאן אין הארצען און אינסטינקטיוו האט ער זיך אפגעשטעלט.

האפמאן האט געקענט די „עלעקטרישע שטולען". אלס צייטונגס-מאן איז ער איין מאל אנוועזענד געווען ביי א הינריכטונג...

— ביטע, — האט שלום א זאג געטאן און אנגעצייגט האפמאנ'ען אויפ'ן „עלעקטרישען שטול".

אבער האפמאן האט זיך ניט געאיילט. א שרעקליכער חשד איז דורכגעלאפען דורך זיינע געדאנקען; צי ווילען זיי ניט פטור ווערען פון איהם איין מאל פאר אלע מאל, און א סוף.'.. אבער פארוואס זיינען זיי מיט איהם די גאנצע צייט געווען אזוי העפליך און פריינטליך?... ווער ווייס... אפשר איז דאס יענע איבערטריבענע „פריינטליכקייט" וואס מען צייגט אלע מאל ארויס דעם פאראורטיילטען א שעה פאר דער הינריכטונג, ווען מען שלאגט איהם פאר דעם בעסטען מאלצייט, די בעסטע וויינען און די בעסטע ציגארען, און מיט דער גרעסטער „אויפמערקזאמקייט" פיהרט מען איהם דערנאך צו דער תליה... אבער קען דען זיין — אהן א משפט, אהן גארניט?...

— ביטע, — האט שלום א צווייטען מאל א זאג געטאן און איהם ווידער אנגעצייגט אויף דעם „שרעקליכען" שטול.

האפמאן האט אויף איהם א קוק געטאן. זיין בליק און דער אויסדרוק פון זיין געזיכט זיינען געווען רוהיגע. אזוי זעהט ניט אויס א תליון א פאר מינוט פאר אן הינריכטונג.

— וואס איז דאס? — האט האפמאן א פרעג געטאן, צייגענדיג מיט די אויגען אויפ'ן שטול און די אלע מאשינעס ארום.

— פסיכאמעטרישע אינסטרומענטען, — האט שלום רוהיג געענטפערט.

— און די מענשען?

— די מעכאניקער פון די אינסטרומענטען.

און פלוצים האט זיך האפמאן ארייגעזעצט אין דעם שטול מיט אנטשלאסענקייט און מיט א באוועגונג, ווי ער זאל זאגען: „וואס וועט זיין — וועט זיין"... דער נאמען „פסיכאמעטרישע אינסטרומענטען" האט איהם א ביסעל בארוהיגט. א שטיקעל באגריף וועגען דעם האט ער דאך געהאט. און דערצו האט ער א טראכט

געטאָן, אַז אויב די מענשען ווילען איהם הינריכטען, וועט ער דאָך סאַי ווי פון זייערע הענט זיך ניט ארויסרייסען. טאָ זאָל ער זיך אין לעצטען מאָמענט ניט ארויסצייגען אַלס פייגלינג.

און ווען האָפמאַן האָט זיך אריינגעזעצט אין שטול, איז שלום צו איהם צוגעגאַנגען, האָט איהם אָנגעטאָן מעטאַלענע רינגען, ווי בראַסליעטען, אויףביידע הענט און זיי איינגעשרויפט, און אראָפּ־געלאָזען דאָס מעטאַלענע היטעל. ווי אַ קרוין, אויף זיין קאָפּ. דער־נאָך האָט ער צוגערוקט אַ שטול און זיך געזעצט אַנטקעגען.

האָפמאַנ'ן לאַגע איז איצט געווען אזא: ער איז געזעסען איינ־געשרויפען און איינגעבונדען אין אַן עלעקטרישען שטול מיט'ן פנים צו דער טיר. אַנטקעגען איהם איז געזעסען שלום. צווישען זיי, נאָר אַ ביסעל אָן אַ זייט, איז געשטאַנען אַ קליין טישעל מיט אַ געוועהנליכען ראַדיאָ־מיקראָפאָן און אַ פּאָר אַנדערע קלענערע אינסטרומענטען. פון האָפמאַנ'ס לינקער זייט האָט זיך געפונען דאָס ווענטעל מיט די אינסטרומענטען ווי זייגערס, און לעבען ווענ־טעל איז געשטאַנען דער ערשטער מעכאַניקער. דער צווייטער מע־כאַניקער איז געזעסען ביי זיין טישעל ווי אַ שרייב־מאַשין הינ־טער האָפמאַנ'ען.

ווען מען האָט זיך אוועקגעזעצט און זיך איינגעאָרדענט, האָט שלום אנגעפאַנגען:

— ווי איז אייער נאָמען?

— סעם האָפמאַן, — האָט האָפמאַן געענטפערט.

— און וואָס איז אייער אידישער נאָמען? ווי אזוי זאָל מען אייך דאָ רופען?

— שמואל בן יצחק.

— דריי — זיבען — למד — ריש — האָט דער ערשטער מעכאַ־ניקער אַ זאָג געטאָן, און דער צווייטער האָט אָנגעהויבען עפּעס אויסקלאַפּען אויף זיין שרייב־מאַשין.

האָפמאַן האָט אביסעל אויסגעדרעהט דעם קאָפּ אויף לינקס אַ קוק צו טאָן: אָבער שלום האָט איהם באַלד בארוהיגט:

— דאָס איז ניט צו אייך, דאָס איז צו יענעם מעכאַניקער. און ווי אַלט זייט איהר?

— איין און דרייסיג יאָהר, — האָט האָפמאַן געענטפערט.

— יוד — דריי — איינס — פונקט — בית, — האָט דער ערש־

טער מעכאַניקער אַ זאָג געטאָן, און דער צווייטער האָט אָנגעהויבען עפּעס אויסקלאַפּען אויף זיין מאַשין.

— פון וואַנען קומט איהר? — האָט שלום ווידער געפרעגט.

— פון אַמעריקע, — האָט האָפמאַן געענטפערט.

— בית — דריי — פּונקט — זיבען — איינס, — האָט דער ערשטער מעכאַניקער אַ זאָג געטאָן.

— וואָס איז אייער באַשעפטיגונג? — האָט שלום ווייטער געפרעגט.

— איך בין אַ צייטונגס-מאַן, — האָט האָפמאַן געענטפערט.

— פינף — פּונקט — חית — דריי. — האָט דער ערשטער מעכאַניקער אַ זאָג געטאָן.

— אָבער באַרוהיגט זיך דאָך, וואָס זייט איהר אַזוי נערוועז?

— האָט שלום פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן, קוקענדיג ניט אויף האָפמאַנ'ען, נאָר אויף אַ געוויסען אינסטרומענט אויפ'ן ווענטעל.

— איך בין דאָכט זיך גאַנץ רוהיג, — האָט האָפמאַן געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— ניין, איהר זייט ניט רוהיג. גיט נאָר אַ קוק ווי דאָס האַרץ וואַרפט זיך ביי אייך, — האָט שלום געזאָגט, אָנצייגענדיג מיט די אויגען אויף עפּעס אַן אינסטרומענט, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ זייגער.

האָפמאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף יענעם אינסטרומענט און דערזעהן ווי דער ווייזער פון יענעם „זייגער" האָט זיך האַסטיג און אומרוהיג געוואָרפען אויף רעכטס און אויף לינקס: טיק-טאַק, טיק-טאַק . . .

— איהר ווילט הערען ווי אייער האַרץ קלאַפּט? — האָט שלום אַ זאָג געטאָן און אָנגעדריקט אַ קנעפּעל אויפ'ן טישעל, וואָס איז געשטאַנען פון האָפמאַנ'ס רעכטער זייט.

און פּלוצים האָבען זיך דערהערט שווערע און אָפטע קלעפּ, ווי מען זאָל קלאַפּען מיט ריזיגע האַמערס איבער די ווענט פון צימער: טיק-טאַק, טיק-טאַק!

שלום האָט אָנגעדריקט אַ צווייטען קנעפּעל, און דאָס קלאַפּען האָט אויפגעהערט.

— דאָס האָט איהר געהערט ווי אייער אייגען האַרץ קלאַפּט, נאָר מיליאָנען מאָל פאַרגרעסערט די קלאַנגען, — האָט ער געזאָגט.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, — האָט שלום ווידער אָנגע־הויבען זיין פאַרהער, — צוליב וואָס זייט איהר אהער געקומען, צו־ליב וועלכען צוועק?

— אָ, גלאַט אַזוי זיך, — האָט האָפמאַן געענטפערט. — איך האָב געוואָלט זעהן ווי אַזוי אונזער אידעלאַך לעבען זיך אויף יע־נער זייט סמבטיון, און דערנאָך באַשרייבען עס אין אונזער צייטונג.

— איז דאָס דער איינציגער ציל, צוליב וועלכען איהר זייט אהער געקומען?

— יאָ.

— האָט איהר גאָר קיין אַנדערע צילן ניט?

— ניין — האָט האָפמאַן געענטפערט מיט אַ זיכערען טאָן.

— דריי — פינף — פונקט — צוויי; דריי — זיבען — פונקט — זעקס — האָט אַ זאָג געטאָן דער ערשטער מעכאַניקער, און דער צווייטער האָט עפּעס אָנגעהויבען אויסקלאַפּען אויף זיין שרייב־מאַשין.

— אָבער איהר זאָגט דאָך מיר ניט דעם אמת, — האָט שלום געזאָגט, ווידער קוקענדיג אויף די אינסטרומענטען אויפ׳ן ווענ־טעל.

— וואָס מיינט איהר, איך זאָג ניט דעם אמת? — האָט האָפ־מאַן געמאַכט אַ שטרענגען פּנים און אָנגענומען אַ טאָן פון אַ באַ־ליידיגטען.

— דאָס מיינט, — האָט שלום רוהיג געענטפערט, — אַז אייער מויל האָט ניט אויסגעדריקט דאָס, וואָס עס איז געווען ביי אייך אויף די געדאַנקען.

— אַ שעהנע געשיכטע! — האָט האָפמאַן אויסגערופען מיט אַ שמייכעל. די שטרענגקייט פון זיין פּנים האָט אָנגעהויבען פאַר־שווינדען, ער האָט פאַרלאָרען די געמאַכטע זיכערקייט; ער האָט זיך אָנגעהויבען שרעקען פאַר די מיסטעריעזע „זייגערס״, פון וועלכע שלום האָט די אויגען ניט אַראָפּגענומען. פונדעסטוועגען האָט ער נאָך אָנגעקליבען גענוג מוט צו זאָגען:

— וואָס־זשע, איהר ווילט מיך מאַכען פאַר אַ ליגנער? און פון וואַנען נעמט איהר דאָס, אַז איך זאָג ניט קיין אמת?

— ווייל צווישען אייערע געדאַנקען און אייערע ווערטער איז ני־

טא קיין קאָאָרדינאַציע — האָט שלום רוהיג געענטפערט, נאָך אַלץ קוקענדיג אויף די „זייגערס". — אייערע געדאַנקען זיינען דאָ אויס־געדריקט דורך פינף־און־דרייסיג מיט צוויי צעהנטלאַך, און אייע־רע ווערטער זיינען דאָ אויסגעדריקט דורך זיבען און דרייסיג מיט זעקס צעהנטלאַך. דער אונטערשייד איז צוויי מיט פיער צעהנט־לאַך. דער אונטערשייד איז ניט קיין גרויסער; אַ טייל אמת האָט איהר דאָך געזאָגט, אָבער קיין פולע קאָאָרדינאַציע איז דאָך ני־טאַ. — איהר האָט מיר ניט געזאָגט דעם פולען אמת.

אויף וויפיל דאָס מעטאַלען היטעל מיט די דראָטען האָבען איהם געלאָזען, האָט האָפמאַן אָנגעבויגען דעם קאָפּ און זיך פאַר־טראַכט.

— איז וואָס איז אייער לעצטער ענטפער? — האָט שלום אַ פרעג געטאָן.

— הערט זיך איין, וואָס איך וועל אייך זאָגען, — האָט האָפ־מאַן אָנגעהויבען, און האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. — אמת, דאָס וואָס איך האָב אייך פריהער געזאָגט איז ניט דער איינציגער ציעל צוליב וועלכען איך בין אַהער געקומען. עס איז דאָ נאָך אַ ציעל, אַ גרעסערער און אַ וויכטיגערער. אָבער איך וועל אייך איהם ניט אויסזאָגען. איך וויל אייך מעהר קיין ליגענס ניט זאָגען; איך בין דאָך אָבער אייך ניט מחויב צו זאָגען דעם גאַנצען אמת, — און טוט מיט מיר וואָס איהר ווילט.

— דריי — פינף — פונקט — צוויי; דריי — פינף — פונקט — צוויי, — האָט אַ זאָג געטאָן דער ערשטער מעכאַניקער, און דער צווייטער האָט אָנגעהויבען קלאַפּען אויף זיין מאַשינקע.

אָבער דאָ איז האָפמאַן פּלוצים געוואָרען אומגעדולדיג און אומרוהיג.

— וואָס רעדט ער דאָרטען? וואָס איז דאָס פאַר אַ „דריי — פינף — פונקט — צוויי? — וואָס מיינט ער, וואָס וויל ער?

— אַ דריי און אַ פינף און אַ פּינטעל און אַ צוויי איז פינף און דרייסיג מיט צוויי צעהנטלאַך, פונקט ווי ביי אייך — האָט שלום געענטפערט.

אָבער האָפמאַן איז געוואָרען אומרוהיג און געזוכט צו וואָס זיך צו טשעפּען.

— איז דאָך גוט, ווייסען מיר דאָך, וואָס־זשע דאַרף ער עס זאָ־

גען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל? — האָט ער קאַפּריזנע אויס־געראָפן.

— דאָס מיינט, — האָט שלום רוהיג געענטפערט, — אַז ביידע זייטען פון דעם קאָאָרדינאַטאַר צייגען די זעלבע צאָהל. דאָס מיינט, אַז איצטער איז צווישען אייערע רייד און אייערע געדאַנ־קען קיין ווידערשפּרעכען ניטאָ; און דאָס מיינט, אַז איצטער האָט איהר געזאָגט דעם אמת, ווען איהר האָט געזאָגט אַז איהר האָט נאָך אַ ציעל, אַ וויכטיגערן, אָבער איהר ווילט איהם ניט אויסזאָגען. דאָס איז אייער רעכט. קיינער וועט אייך צו דעם ניט צווינגען. אָבער אויב איהר ווילט, אַז מען זאָל ביי אונז אין לאַנד האָבען צו אייך וועלכען עס איז רעספּעקט, זאָלט איהר ניט זאָגען קיין ליגענס. פאַרגעסט ניט אַז ביי אונז איז אַ לאַנד פון קאָאָרדינאַטאָרס; מיר פאַרטראָגען ניט קיין ליגענס. אַ ליגען איז ביי אונז איינער פון די שווערסטע פאַרברעכענס. מיר נעמען אין אנבאַטראַכט דאָס לאַנד פון וואַנען איהר קומט און די שטופע פון אייער ציוויליזאַ־ציע. אָט די שטופע פון ציוויליזאַציע האָבען מיר אויך אמאָל איבערגעלעבט, מיט דורות צוריק. זיינען מיר אייך מוחל דאָס ערשטע מאָל. נאָר אויף ווייטער וואָרען איך אייך ווי אַ פריינד: זאָגט בעסער גאָרנישט, איידער עטוואָס, וואָס זאָל ניט קאָאָרדינירען מיט אייערע געדאַנקען.

— איך דאַנק אייך פאַר אייער וואָרנונג — האָט האָפמאַן גע־ענטפערט מיט אַזאַ צווײדײטיגען טאָן, וועלכען מען האָט געקענט אננעמען אי אַלס אַ שטאָך, אי אַלס אַן אויפריכטיגען דאַנק פאַר אַ פריינטליכער וואָרנונג.

שלום האָט איהם נאָך געשטעלט אַ רייה מיט פראַגען, און יע־דעם מאָל, ווען האָפמאַן האָט געענטפערט, האָט דער ערשטער מע־כאַניקער אויסגערופען געוויסע בוכשטאַבען און ציפערן, און דער צווייטער האָט עפּעס באַלד אָפּגעקלאַפּט אויף זיין טישעל.

ענדליך האָט זיך שלום אויפגעהויבען פון זיין אָרט, און דאָס האָט געמיינט אַז דער פאַרהער האָט זיך געענדיגט. ער איז צו־געגאַנגען צו האָפמאַנ'ען, האָט אָפּגעבונדען די רימענדלאַך און לויז געמאַכט די שרייפלאַך און איהם באַפרייט פון דעם עלעקטרי־שען שטול.

— נו, און וואָס געהט איהר מיט מיר איצטער טאָן ? — האָט האָפמאַן געוואָלט וויסען, און אָפּגעאָטעמט לייכטער.

— איצטער וועל איך אייך אָפּפיהרען אין געריכט, און דאָר־טען וועט מען באַשטימען, ווי אַזוי מען זאָל אייך ווייטער באַ־האַנדלען.

— ווער וועט מיך משפּט׳ן ?

— אַ מנין פון דעם סנהדרין.

— וואָס איז דאָס אַזוינס ?

— צעהן מיטגלידער פון דעם סנהדרין.

— און וואָס איז אַ סנהדרין ?

— דאָס העכסטע געריכט אין לאַנד.

— פון וויפיל מענשען באַשטעהט דער סנהדרין ?

— זיבעציג, אָבער אייך וועלען משפּט׳ן נאָר צעהן מיטגלידער פון דעם סנהדרין, אַ מנין.

— אין וואָס באַשטעהען די פונקציעס פון דעם סנהדרין ? איז עס ניט דאָס העכסטע געריכט, אָדער דער „סופרים קאָורט״, ווי אין אַמעריקע ?

— ניין, ווייט ניט דאָסזעלבע. אייער „סופרים קאָורט״ איז אַ קערפּערשאַפט וואָס האָט נאָר איין אויפגאַבע. און דאָס איז: אויס־צוטייטשען די קאָנסטיטוציע פון לאַנד און באַשטימען, צי אַ גע־וויסע האַנדלונג איז אין איינקלאַנג מיט דער קאָנסטיטוציע אָדער ניט; און די פונקציעס פון אונזער סנהדרין זיינען פיל ברייטערע. דער סנהדרין גיט אָפּט אַרויס אַן אורטייל אין איינצעלנע, באַזונ־דערע פאַלען; און אַמאָל גיט ער אַרויס אַלגעמיינע כללים. און די כללים קענען זיין אי סאַניטאַרישע, אי פּעדאַגאָגישע, אי מאָ־ראַלע, אי אַנדערע. דאָס איז שווין מעהר ענליך צו געזעצגעבונג.

— און ווער זיינען די מיטגלידער פון סנהדרין ? — איך מיין, פון וועלכען שיכט פון פאָלק ווערען זיי ערוועהלט ?

— נאָר רבנים.

— רבנים ? — האָט זיך האָפמאַן שטאַרק פאַרוואונדערט.

— יאָ, רבנים. אָבער ביי אונז איז אַ רבי דאָס זעלבע, וואָס ביי אייך אַ פּראָפעסאָר. ווען איינער גיט לעקציעס אין אוניווערזי־טעט, רופט מען איהם ניט „פּראָפעסאָר״, נאָר „רבי״, און אויב דאָס איז אַ פרוי, רופט מען זי „רבנית״.

— און די מיטגלידער פון סנהדרין ווערען, נאטירליך, ערוועהלט פון פאלק?

— ניין, ניט פון פאלק, נאר פון דעם גאנצען קאלעגיאום פון די פראפעסארען פון לאנד.

— וואס הייסט, אזוי ווייניג דעמאקראטיע איז דא ביי אייך?

— האט זיך האפמאן געוואונדערט. — איהר זאגט דאך אליין, אז דער סנהדרין איז א קערפערשאפט וואס גיט ארויס אורטיילען אין איינצעלנע פאלען, און גיט נאך ארויס כללים וועגען פארשיידענע אויפפיהרונגען, און אז דאס איז אייגענטליך א געזעצגעבונג. אין אלע ציוויליזירטע לענדער פיהרט זיך אז דאס פאלק האט א רעכט צו ערוועהלען זיינע ריכטער און געזעצגעבער. און ביי אייך ערוועהלען זיי זיך איינער דעם צווייטען; הייסט ערוועהלסטו מיך און מארגען ערוועהל איך דיך.

— ניין, מיין פריינד, — האט שלום געענטפערט, — אזא דעמאקראטיע ווי ביי אייך, האבען מיר שוין ניט. געוועזען ביי אונז אמאל א צייט ווען מיר האבען דאס אויך געהאט; און בעפאר דעם איז געוועזען א צייט ווען מען האט ביי אונז פאר דעם געקעמפט און בלוט פארגאסען. אבער דאס איז געוועזען מיט דורות צוריק. דערנאך האבען מיר זיך ארומגעזעהן, אז עס ארבייט ניט אזוי גוט. ווי עס האט זיך אונז אמאל אויסגעדוכט. האבען מיר עס אויפגעגעבען. איהר רופט אן „דעמאקראטיע" בלויז דאס רעכט צו שטימען פאר א קאנדידאט אויף א געזעלשאפטליכען אמט; אבער ווען עס קומט צו וועהלען דעם קאנדידאט, זייט איהר ניט מעהר ווי שפילצייג אין די הענט פון „פאליטישענס". די וויינגער באוואוסטזיניגע בירגער אייערע זיינען בלינדע געצייג אין די הענט פון „פאליטישענס", און די מעהר באוואוסטזיניגע זיינען הילפלאז, ניט קוקענדיג אויף דער גאנצער דעמאקראטיע אייערער. ביי אונז איז אנדערש. ביי אונז ווערט א קאנדידאט באשטימט אדער ערוועהלט אויף אן אמט הויפטזעכליך פון מענשען, וואס זיינען קאמפעטענט דאס צו טאן. א היגיענישע אדער סאניטארע פארארדנונג קענען ארויסגעבען נאר ערפאהרענע ביאלאגען און מעדיקער, און א פעדאגאגישע פארארדנונג קענען פארפאסען בלויז ערפארענע לעהרער און פעדאגאגען. פרעג איך; ווער ווייס בעסער ווער עס איז דער ערפארענסטער מעדיקער אדער פעדאגאג

— דער דורכשניטליכער בירגער, אָדע די אנערקענטע פּראָפעסאָרען פון לאַנד? און צווישען אונז און אייך איז פאראַן נאָך אַן אונטער-שיד. ביי אייך צו פארנעמען אַ געזעלשאַפטליכען אַמט איז אַ פּרי-ווילעגיע פון וועלכער דער באַאַמטער קריגט אַ סך פּערזענליכע נוצען; און ביי אונז איז עס אַ פליכט, וואָס ווערט ארויפגעצוואונ-גען אויף די קליגסטע און ערפאהרענסטע מענער און פרויען פון לאַנד . . . נו, און איצט קומט, עס איז שוין צייט.

ביידע זיינען ארויסגעגאַנגען פון צימער און אָנגעהויבען געהן איבער דער לענג פון קאָרידאָר. זיי זיינען אָפּגעגאַנגען עטליכע הונ-דערט טריט און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ טיר. שלום האָט די טיר געעפענט, און ביידע זיינען אריין אין אַ פאָדערצימער. דאָ זיי-נען ביי באַזונדערע טישען געזעסען צוויי מענער און אַ פרוי פאַר-טיפט אין פּאַפּירען. שלום האָט צוגעפיהרט האַפּמאַנ׳ען צו יע-דען פון זיי, האָט איהם פאָרגעשטעלט. און יעדער פון זיי האָט איהם אָפּגעגעבען „שלום עליכם". דערנאָך האָט שלום געעפענט אַן אינעוויינינגסטע טיר, האָט פריהער דורכגעלאָזען האַפּמאַנ׳ען, דערנאָך איז ער אליין אריין און האָט פארמאַכט הינטער זיך די טיר.

### 18.

דער צימער איז געווען אַ גרויסער און אַ פיערעקיגער. במעט אין מיטען צימער זיינען געזעסען דריי פרויען און פיר מענער — אַלע אָדער עלטערע מענשען, אָדער גאָר אַלטע לייט. געזעסען זיינען זיי אין ברייטע, ווייכע קרעסלעס, וואָס זיינען געווען אויס-געשטעלט אין אַ האַלבען קרייז, און אַלע מיט׳ן פּנים צו דער וואַנט, וואָס פון דער רעכטער זייט. אויף אָט דער וואַנט זיינען געהאַנ-גען דריי גרויסע, מאַטאָווע שפּיגלען אין טיפע, שוואַרצע ראַמען. דאָ איז אויך געווען אַ מין שוואַרצע ווענטעל, וואָס האָט זיך אי-בערגערוקט אויף רעדלאַך, און אויף אָט דעם ווענטעל זיינען גע-האַנגען אַ פּאָר טאַבעלען מיט פארשידענע ווערטער און צייכענס.

דאָ איז אויך געווען לופטיג און ליכטיג, כאָטש אַ סך טונקע-לער ווי אין די פריהערדיגע צימערען.

שלום האָט אָנגענומען האַפּמאַנ׳ען אונטער׳ן אָרעם, האָט איהם אוועקגעשטעלט אין מיטען צימער אַזוי, אַז אַלע זאָלען איהם זעהן, און פאָרגעשטעלט:

— דאָס איז שמואל בן יצחק פון אמעריקע.

האָפמאַן האָט זיך פאַרנייגט זעהר העפליך, אָבער מיט ווירדע.

דערנאָך האָט שלום אָנגענומען האָפמאַנ'ען אונטער'ן אָרעם, האָט איהם צוגעפיהרט צו יעדען פון די זיבען מענער און פרויען און איהם פאָרגעשטעלט פאַר יעדען באַזונדער און אָנגערופען יע־דען פון זיי ביי זייערע נעמען. אָבער פון די שטאַרקע און אַלץ נייע איינדרוקען, וואָס האָבען געהאַלטען אין איין שטראָמען אויף איהם, איז האָפמאַן געווען אַ ביסעל צעטומעלט און ניט געקענט אָפּשטעלען זיינע געדאַנקען און זכרון אויף באַזונדערע איינצעל־הייטען. האָט ער באַלד פאַרגעסען די נעמען פון די געלערנטע ריכ־טער פאַר וועלכע מען האָט איהם פאָרגעשטעלט. ער האָט נאָר באַמערקט, אַז ווען שלום האָט פאַר אים פאָרגעשטעלט אַ מאַן, האָט ער איהם אָנגערופען „רבי", און ווען ער האָט פאָרגעשטעלט אַ פרוי, האָ טער זי אָנגערופען „רבנית".

יעדער פון די זיבען ריכטער, צו וועלכען שלום האָט איהם צו־געפיהרט, האָט איהם דערלאַנגט אַ האַנט, אַ לייכטען נייג געטאָן מיט'ן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן: „שלום עליכם". און נאָך דעם, ווי ער האָט זיך באַגריסט מיט דעם זיבעטען ריכטער, האָט איהם שלום ווידער אָנגענומען פאַר'ן אָרעם, האָט אים אָפּגעפיהרט אָן אַ זייט, האָט איהם דערלאַנגט אַן איינפאַכען שטול און אים אַוועק־געזעצט אין אַזאַ פּאָזיציע, אַז ער איז אויסגעקומען מיט'ן פּנים צו יעדען פון די ריכטער און צו דערזעלבער צייט מיט'ן פּנים צו דער וואַנט מיט די מאַטאָווע שפּיגלען.

האָפמאַן האָט זיך געזעצט און זיך אָנגעהויבען ארומקוקען. ער האָט באַמערקט, אַז ביי דער וואַנט, וואָס הינטער די ריכטער, זיי־נען געשטאַנען עטליכע שראַנקען מיט ביכער און עס זיינען דאָר־טען געהאַנגען עטליכע בילדער און אינסטרומענטען. ער האָט זיך מיט זיינע בליקען אָפּגעשטעלט אויף דער גרויסער טאַבעלע, וואָס איז געהאַנגען אויף דאָס שוואַרץ ווענטעל, וואָס קען זיך איבער־רוקען אויף רעדלאַך, און אויף דער טאַבעלע האָט ער דערזעהן זיין נאָמען איןביידע פאָרמען: „סעם האָפמאַן", און „שמואל בן יצחק". אונטער'ן נאָמען זיינען געווען שורות מיט ציפערען, בוכשטאַבען, אַלגעבראַאישע צייכענס און ווערטער, וועלכע ער האָט ניט פאַר־שטאַנען.

ער האָט אויך ניט געקענט פאַרשטעהן, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ גרויסע מאַטאָווע שפּיגלען אין טיפע, שוואַרצע ראַמען, איז ער געזעסען און געוואַרט. ער האָט גערעכענט, אַז מען וואַרט, אַז עס זאָלען באַלד אַריינקומען די איבעריגע דריי ריכטער, ווייל שלום האָט איהם פריהער געהאַט געזאָגט, אַז משפּט'ן וועלען איהם צעהן ריכטער: אַ „מנין פון סנהדרין".

ער האָט זיך דערווייל אַרומגעקוקט און געזוכט מיט די אוי-גען נאָך דריי קרעסלעס פאַר די ריכטער, וואָס דאַרפען באַלד קו-מען, און זיך געוואונדערט וואָס מען זעהט ניט קיין איבעריגע קרעסלעס.

און שלום איז געזעסען אויף אַן איינפאַכען שטול, ניט ווייט פון איהם, אויך אין אַזאַ פּאָזיציע, אַז ער איז אויסגעקומען מיט'ן פּנים צו די זיבען ריכטער און צו דער וואַנט מיט די שפּיגלען.

פּלוצים האָט זיך איינער פון די שפּיגלען באַלויכטען פון זיך אַליין, און האָפמאַן האָט אין דעם שפּיגעל דערזעהן אַ טייל פון אַ צימער און אַן עלטערען מאַן, וואָס איז געזעסען אין אַ קרעסלע מיט'ן פּנים צו האָפמאַנ'ען און צו די זיבען ריכטער.

שלום האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבען פון זיין אָרט און אַ קוק געטאָן אויף האָפמאַנ'ען. האָפמאַן האָט דעם בליק פאַרשטאַ-נען און זיך אויך אויפגעשטעלט.

— דאָס איז שמואל בן יצחק, — האָט שלום פאָרגעשטעלט האָפמאַנ'ען פאַר'ן מאַן אין שפּיגעל.

און אַ קוק-טוענדיג אויף האָפמאַנ'ען האָט שלום אַ זאָג גע-טאָן פאָרשטעלענדיג דאָס געשטאַלט אין שפּיגעל:

— רבי שמעון ב"ר נפתלי.

רבי שמעון האָט, ניט בייטענדיג זיין פּאָזע אין קרעסלע, אַ לייכטען נייג געטאָן מיט'ן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן:

— שלום עליכם.

די ווערטער זיינען אַרויסגעקומען פון שפּיגעל אַזוי פּשוט, אַזוי קלאָר און אַזוי דייטליך, און די געשטאַלט אין דעם שפּיגעל איז גע-ווען אַזאַ נאַטירליכע, אַז ווען ניט די טיפע שוואַרצע ראַם אַרום און ווען ניט די עראַינערונג פון דעם מאַטאָווען שפּיגעל, וועלכען האָפמאַן האָט געזעהן מיט אַ מינוט פריהער, וואָלט ער געווען זי-כער, אַז אָט דער רבי שמעון איז איינער פון די, וואָס געפינען זיך דאָ אין צימער.

געקומען איז דאָס אַלץ אַזוי שנעל און אַזוי אומערוואַרטעט, אַז האָפּמאַן האָט זיך פאַרלוירען און געמאַכט אַ טריט אין דער ריכטונג צום שפּיגעל. קענטיג מיט'ן ציל צו דריקען די האַנט, ווי ער האָט פריהער געדריקט די הענט פון די איבעריגע ריכטער. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט און איז געבליבען שטעהן אַ פאַרשעמטער.

רבי שמעון האָט אַ לייכטען שמייכעל געטאָן. האָפּמאַנ'ען האָט זיך שטאַרק געוואָלט ארומקוקען זיך און זעהן צי די איבעריגע לאַכען ניט פון איהם. ער האָט אָבער ניט געוואַגט ארומצוקוקען זיך.

און שלום איז געשטאַנען לעבען איהם אַן ערנסטער ווי פריהער, און נאָר באַמערקט:

— רבי שמעון איז איצטער ביי זיך אין דערהיים, אַ דריי הונדערט-און-פופציג קילאָמעטער פון דאַנען.

נאָך דער צערעמאָניע פון דער פאָרשטעלונג האָט זיך שלום צוריק געזעצט אויף זיין שטול, און דאָס האָט געמיינט, אַז האָפּמאַן מעג זיך אויך זעצען.

אָבער ווי נאָר האָפּמאַן האָט זיך געזעצט אויף זיין פּלאַץ, האָט זיך דער צווייטער שפּיגעל באַלויכטען, און אַ נייע פּאַרשוין האָט זיך באַוויזען. שלום האָט זיך ווידער מיטאַמאָל אויפגעשטעלט און פאָרגעשטעלט האָפּמאַנ'ען. און איידער די צערעמאָניע פון דער פאָרשטעלונג האָט זיך נאָך געענדיגט, איז דער דריטער שפּיגעל באַלויכטען געוואָרען, און שלום האָט ווידער פאָרגעשטעלט האָפּמאַנ'ען.

נאָך דער דריטער צערעמאָניע פון דער פאָרשטעלונג האָט זיך שלום צוריק געזעצט אויף זיין פּלאַץ, און באַלד נאָך איהם האָט זיך אויך געזעצט האָפּמאַן. און דאַן האָט איינער פון די ריכטער אָנגעהויבען דעם פאַרהער:

— ר' שמואל בן יצחק. קענט איהר אונז ניט זאָגען צוליב וואָס איהר זענט געקומען אַהער, אין אונזער לאַנד?

— אויף דער פראַגע האָב איך שוין געענטפערט ר' שלומ'ען — האָט האָפּמאַן געענטפערט.

— מיר ווייסען אַז איהר האָט זיך אַנטזאַגט אָנצוגעבען די הויפּט אורזאַך צוליב וועלכער איהר זענט אַהער געקומען, — האָט גע-

זאָגט דערזעלבער ריכטער, וועלכער האָט אויסגעזעהן צו זיין דער פּאָרזיצענדער, — האָט איהר ביז איצט ניט געביטען אייער מיינונג? זייט איהר אפשר איצט גרייט עס צו זאָגען דעם סנהדרין?

— ניין, — האָט האָפּמאַן אַנטשלאָסען געענטפערט.

— וואָלט איהר געוואָלט זיך אומקערען היינט צוריק אין אייער לאַנד פרייוויליג?

— ניין, — האָט האָפּמאַן אַנטשלאָסען געענטפערט.

— האָט איהר געהאַט אַ זעהר שווערען וועג איידער איהר זייט געקומען אהער?

— זעהר אַ שווערען.

— אויב איהר ווילט זיך אומקערען צוריק פרייווילינ, קענען מיר אייך צושטעלען אין אַ פּונקט אין פראַנקרייך אין איין טאָג צייט אויף דעם לייכטסטען און באַקוועמסטען אופן. פון דאָרטען וועט איהר פאָהרען פריהער מיט אַ צוג, און דערנאָך מיט אַ שיף, און קומען צוריק קיין אַמעריקע אָהן וועלכע עס איז שוועריגקייטען. מיר וועלען אייך געבען אויף אַלע אייערע הוצאות. וואָלט איהר געוואָלט זיך אומקערען צוריק אויף אַזעלכע באַדינגונגען?

— ניין! — האָט האָפּמאַן אַנטשלאָסען געענטפערט.

— און וואָס וועט איהר טאָן ווען מיר וועלען אייך מיט גוואַלד אַריינזעצען אין אַ לופטשיף און אייך אַוועקפיהרען קיין אייראָפּע אָדער אַמעריקע?

אָט די פראַגע האָט געשטעלט איינער פון די ריכטער, וועמעס געשטאַלט עס האָט זיך געזעהן אין דעם מיטעלסטען פון די דריי שפּיגלען. האָפּמאַן האָט זיך שפּעטער דערוואוסט, אז דאָס איז געווען רבי אליעזר בר' עקיבא, אַ פּראָפּעסאָר פון זאָאָלאָגיע, און אַז אין יענער צייט האָט ער זיך געפונען אין זיין קאַבינעט אין דעם אוניווערזיטעט פון רישאנאווע, אַ צוויי הונדערט מייל פון דעם אָרט, וואו האָפּמאַן איז דאַן גע'משפט געוואָרען. געווען איז דאָס אַ זעהר אַלטער מאַן, פון קליינעם וואוקס מיט אַ קייל-עכדיגען, צעקנייטשטען און זעהר גוטמוטיגען פּנים. זיין דינינקער קול, ווי ביי אַ אינגעל, איז געקומען פון שפּיגעל אַזוי קלאָר און דייטליך, ווי ער זאָל זיך קערפּערליך געפינען דאָ אין צימער. אַזוי קלאָר און דייטליך איז געווען די שטים, אַז האָפּמאַן האָט זיך אַזש איבערגעשראָקען. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און געענטפערט:

— וועל איך זיך דערנאָך אומקערען צוריק, און אויב איהר וועט מיך נאָך אמאָל כאַפּען און אַפּשיקען קיין אייראָפּע אָדער קיין אמעריקע, וועל איך קומען אהער אַ דריטען מאָל. איך האָב פאַר זיך אַ באַשטימטע מיסיע, און איך מוז זי דורכפיהרען. איך בין אַן אמעריקאַנער זשורנאַליסט!

דער פאַרהער האָט געדויערט נאָך אַ מינוט צעהן. מען האָט איהם געשטעלט פאַרשידענע פראַגען. און די פראַגען האָבען איהם געשטעלט אי די, וואָס האָבען זיך דאָ געפונען קערפּערליך, אי די, וואָס זיינען דאָ געווען פאַרטראַטען דורך טעלעוויזיע. און האָפּמאַן האָט אויף די אַלע פראַגען געענטפערט מיט דערזועלבער אנטשלאָסענהייט און איינגעשפּאַרטקייט.

פּלוצים האָט זיך שלום אויפגעהויבען פון זיין אָרט און אַ קוק געטאָן אויף האָפּמאַנ'ען. דאָס האָט געמיינט, אז דער פאַרהער האָט זיך געענדיגט.

האָפּמאַן האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט, האָט זיך זעהר העפליך, מיט פול רעספּעקט און צו דערזועלבער צייט מיט ווירדע פאַרנייגט פאַר זיינע ריכטער, האָט זיך אויסגעדרעהט און איז נאָכגעגאַנגען שלומ'ען.

אין אַ ווינקעל פון צימער איז געווען אַ טירעל, דורך יענער טירעל זיינען זיי אריין אין אַ קליינעם צימערל. אַלץ וואָס דאָרטען האָט זיך געפונען, איז געווען: אַ קליין טישעל מיט צוויי שטולען, אַ פּאָר מאַטאָווע שפּיגעלאַך אויף די ווענט, אַ פּאָר אינסטרומענטען און מעהר כמעט גאָרניט.

שלום האָט געצייגט האָפּמאַנ'ען אויף איין שטול, און אַליין האָט ער זיך געזעצט אויפ'ן צווייטען.

— וואָס קומט נעקסט? — האָט האָפּמאַן אַ פרעג געטאָן, וועןביידע האָבען זיך געזעצט אויף זייערע שטולען.

— מיר וועלען דאָ וואַרטען אויפ'ן אורטייל פון דעם סנהדרין, — האָט שלום געענטפערט.

— וואָס קען זיין דער אורטייל?

— אָדער אז מען זאָל אייך באַלד צוריק ארויסשיקען פון לאַנד, אָדער אז מען זאָל אייך דאָ איבערלאָזען אויף אַן אומבאַשטימטער צייט.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס קען זיין דער מאָטיוו פאַר-

וואָס מען זאָל מיך וועלען פון דאַנען אַרויסשיקען? — האָט האָפּ־מאַן געוואָלט וויסען. — וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך אייך געטאָן, אָדער וואָס פאַר אַ שלעכטס ערוואַרטעט איהר, אַז איך זאָל אייך טאָן? מיינט איהר טאַקע, אַז דער הויפּט־ציעל פון מיין קומען אַהער — דער ציעל, וועלכען איך האָב אייך ניט געוואָלט דערצעהלען — איז אַזאַ, וואָס קען אייך, אָדער אייער לאַנד ברענגען וועלכע איז שאָדען?

— מיר ווייסען, אַז איהר טראָגט זיך ניט אַרום מיט קיין פאַרברעכערישע געדאַנקען אין אייער האַרצען און אַז איהר ווילט אונז קיין שאָדען ניט מאַכען — האָט שלום געענטפערט.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס? און מיט וואָס זייט איהר דאָס אַזוי זיכער? — האָט האָפּמאַן אַ פרעג געטאָן. אים האָט אָנגעהויבען פאַרדריסען וואָס מען האַלט איהם פאַר אַזאַ אומשולדיגען נפש'ל.

— מיר האָבען פון אייך אַ גאַנץ צופרידענשטעלענדע פּסיכאָמעטרישע טאַבעלע, — האָט שלום געענטפערט. — צוליב וואָס, דענקט איהר, האָב איך אייך פריהער אויסגעפרעגט, ווען איהר זייט געזעסען אַ געבונדענער אין יענעם שטול? אַז אייער נאָמען איז שמואל בן יצחק, אַז איהר קומט פון אַמעריקע, אַז איהר זייט איין־און דרייסיג יאָהר אַלט און די איבעריגע אַלע זאַכען האָב איך דאָך פריהער געוואוסט. צוליב וואָס דען, רעכענט איהר, האָב איך עס אייך היינט נאָכאַמאָל אויסגעפרעגט?

— פון וואַנען זאָל איך וויסען? — האָט האָפּמאַן געזאָגט. — מסתמא צוליב פאָרמע וועגען.

— ניין, ניט צוליב פאָרמע וועגען. מיר האָבען געדאַרפט האָבען ניט יענע ווערטער, וואָס איהר האָט מיט אייער מויל גערעדט, נאָר יענע פּסיכישע עמאַציעס, יענע גייסטיגע באַוועגונגען, וואָס זיינען אין אייך פאָרגעקומען בשעת איהר האָט אייערע ענטפערס געגעבען. און אָט די גייסטיגע באַוועגונגען אייערע האָבען זיך דורך די פּסיכאָמעטרישע אינסטרומענטען אויסגעדריקט אין אַ טאַבעלע מיט מאַטעמאַטישע פאָרמולעס. האָט איהר געזעהן אייער טאַבעלע אין יענעם צימער?

— יאָ, איך האָב געזעהן.

— און אָט די טאַבעלע גיט אונז אַ גאַנץ צופרידענשטעלענדען

באגריף וועגען אייער גייסטיגען צושטאנד און נייגונגען, און מיר ווייסען גאנץ גוט, אז פון דער זייט זיינט איהר פאר אונז ניט שעד-לאך.

— איז דאך אודאי גוט, — האט האפמאן געזאגט. אז איהר ווייסט אליין, אז איך בין פאר אייך ניט שעדלאך, פארוואס-זשע זאל עס מעגליך זיין, אז איהר זאלט מיך וועלען ארויסשיקען פון לאנד?

— איך וועל אייך ערקלעהרען, — האט שלום געזאגט. — ניט פאר דעם האבען מיר מורא, וואס עס ליגט ביי אייך אויפ'ן האר-צען, אדער אויף די געדאנקען אדער וואס איהר קענט אונז טאן באוואוסטזיניג; נאר פאר דעם האבען מיר מורא, וואס עס ליגט איינגעפלאנצט אין אייערע בלוטען; פאר דעם שאדען, וואס איהר קענט אונז ברענגען אומבאוואוסטזיניג. מיר האבען אויפגעבויט אונזערע א ציוויליזאציע, וואס האט אנגעהויבען ענדערען אונזע-רע קערפערס, אונזערע גייסטער, אונזער ארט דענקען און פיהלען און דעם גאנצען ארט לעבען אונזערען. מיר האבען פארטריבען פון אונזער לאנד א צאהל שעדליכע באצילען, וואס פלעגען אמאל פארשפרייטען שרעקליכע מגפות; מיר האבען אין אונזערע קער-פערס ענטוויקעלט אן אימוניטעט געגען א צאהל קראנקהייטען; מיר האבען צוגעוואוינט אונזערע מאגענס צו קלענערע דאזעס שפייז און דורך דעם פיהלען מיר בעסער און געזינטער; מיר לעבען א סך לענגער און צופרידענער ווי מיט דורות צוריק; מיר האבען אונטערדריקט אין זיך אזעלכע געפיהלען, ווי עהרגייציגקייט, גאלד-גייציגקייט, זשעדנעקייט און די שטרעבונג צו אויסערליכען גלאנץ, און מיר האבען באפרייט אונזער לעבען פון ליגנערישקייט. און פלוצים קומט א מאן פון מעבר און ברענגט מיט זיך די אלע קער-פערליכע און גייסטיגע אייגענשאפטען, געגען וועלכע מיר האבען אנגעפיהרט אזא לאנגיאהריגען און אזא אנגעשטרענגטען קאמף. איהר האט געבראכט א בלוט, וואס איז גענייגט זיך אנצושטע-קען מיט פארשידענע קראנקהייטען, און איהר האט געבראכט מיט זיך א גייסט פול מיט שעדליכע שטרעבונגען און נייגונגען; און מיט אט די אלע זאכען קענט איהר אנשטעקען די שוואכערע פון אונז. און דאן וועלען מיר מוזען אויפדאסניי אנפיהרען אן אנגעשטרענגטען קאמף כדי אפצואווישען די אלע שפורען, וואס

איהר וועט פאַרזייהען. איהר זיינט אַ יונגער מאַן. איהר קענט זיך פאַרליבען אין אַ מיידעל און חתונה האָבען און באַשאַפען אַ נייעם דור פון מענשען, וואָס וועלען אין זייערע בלוטען טראָגען די אַלע קערפּערליכע און גייסטיגע חסרונות, פון וועלכע מיר האָבען זיך באַפרייט מיט דורות צוריק. און דאַן וועלען מיר מוזען פון דאָס ניי אָנהויבען באַקעמפען אַלצדינג, פון וואָס מיר האָבען זיך באַפרייט נאָך מיט דורות צוריק.

שלום איז געזעסען ביי איין זייט טישעל פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס מיט'ן קאָפּ אָנגעשפאַרט אויף דער האַנט, וואָס האָט זיך מיט'ן עלענבויגען אָנגעשפאַרט אויפ'ן טישעל, און גערעדט. און אַנטקעגען איהם, אויף דער צווייטער זייט טישעל, פונקט אַזוי פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און פונקט אַזוי אָנגעשפאַרט מיט'ן קאָפּ אויף דער האַנט, וואָס איז געווען מיטן עלענבויגען אָנגעשפאַרט אויפ'ן טישעל, איז געזעסען האָפּמאַן און זיך איינגעהערט צו שלום'ס רייד. און די ווערטער האָבען איהם ווי מיט האַמערס געקלאַפּט אין קאָפּ אַריין.

ער האָט געפיהלט, אַז לויט זיין שטאַנדפּונקט איז שלום פולשטענדיג גערעכט, כאָטש ער, האָפּמאַן, וואָלט עס עפענטליך זיכער ניט צוגעגעבען. און ער האָט פּלוצים דערפיהלט, אַז עס איז דאָ אַ זעהר גרויס געפאַהר, אַז מען זאָל איהם באַלד אָנגעהמען אונטער'ן אָרעם, — ניט חלילה ברוטאַל ווי מען באַהאַנדעלט געוועהנליך אַרעסטאַנטען אין „געוויסע לענדער“, — נאָר זעהר העפליך און פריינדליך וועט מען איהם אָננעמען אונטער'ן אָרעם, מען וועט איהר פיהרער פיהרען איבער אָט די ברייטע, ליכטיגע און לופטיגע קאָרידאָרען, דערנאָך וועט מען איהם מיט אַן עלעווייטאָר אויפהויבען אויפ'ן דאַך פון דער געביידע, דאָרטען וועט מען איהם אַריינזעצען אין אַ לופט שיפעל, און אין צוויי-דריי טעג שפּעטער וועט ער זיין צוריק אין אַמעריקאַ.

ס'איז פוסטע זאַכען דאָס, וואָס ער האָט פריהער געסטראַשעט, אַז ער וועט קומען צוריק. דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט ביז ער איז אָנגעקומען אַהער און די אַלע אויסערגעוועהנליכע שוועריגקייטען פון וועג, זיינען געווען אויף אַ גאַנצען לעבען. איבערלעבען נאָך אַמאָל אַזאַ זאַך און דורכמאַכען די אַלע צרות און ליידען — איז ניט מעגליך. הייסט עס, אַז ער איז געווען אַ דורשטיגער ביים

סאַמע ברונעם און קיין וואַסער ניט געטרונקען. ער וועט מוזען קומען צוריק אין רעדאַקציע מיט ליידיגע הענט. און נאָך אַט די אַלע שרעקליכע ליידען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, וועט ער קו־מען צוריק אין רעדאַקציע און וועט ניט האָבען וואָס צו באַריכ־טען. און האָפמאַן האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט ווי דער הויפט רעדאַקטאָר זיינער הערט איהם אויס און מיט דעם טאָן פון אַ מענשען, וואָס ווייסט אַלצדינג אין פאָראויס, וואָס שפעטער וועט זיין, וועט ער אַ זאָג טאָן:

— ניין, ניין. און פריהער האָב איך עס דען ניט געוואוסט? אָבער אז אַ מענש האָט זיך איינגעשפאַרט . . .

אַך, ווי ער האַסט דעם הויפט רעדאַקטאָר זיינעם מיט אַט דער אויטאָריטעט זיכערקייט אין זיך! . . .

און שלום האָט ווייטער גערעדט:

— ווייסט איהר וויפיל זאָרג און אַרבייט איהר האָט אונז פאַרשאַפט פאַר דעם מעת־לעת, וואָס איהר זיינט דאָ אין לאַנד? צום ערשטען זיינט איהר געקומען אין דעם ראַדיאָ טורעם. דאָר־טען זיינט איהר אַרונגעגאַנגען און געזעסען אויף פאַרשידענע שטו־לען און אנגעריהרט די הענטלאַך אין די טירען. דערנאָך זיינט איהר געקומען אין קאָנטאַקט מיט דעם אינזשינער אברם; דערנאָך זיינט איהר געזעסען אין לופט־שיף וואָס האָט אייך געבראַכט אהער; דערנאָך זיינט איהר געקומען אין קאָנטאַקט מיט אַ גאַנצער רייה אַנדערע מענשען; דערנאָך האָט איהר פאַרנומען אַ צימער מיט אַ בעט און מיט אַסך אַנדערע זאַכען. און ווייסט איהר, אז יעדע זאַך, מיט וואָס איהר זיינט געקומען אין באַריהרונג, האָבען מיר געמוזט גרינטליך דעזינפעקצירען און סטערעליזירען, כדי צו פאַר־ניכטען יעדען שפור פון באַצילען, וואָס איהר האָט געקענט איבער־לאָזען נאָך זיך? און ווייסט איהר, אז דאָס וואַסער אין וואַנע, וואו איהר האָט זיך געבאָדען נעכטען ביינאַכט און היינט אינ־דערפריה, איז געווען ראַדיאומיזירט? און די לופט אין אייער צימער, און די פרישע וועש און קליידער און אייער בעטגעוואַנט — אַלץ איז געווען ראַדיאומיזירט און סטערעליזירט, כדי אַראָפּצו־שווענקען און אַראָפּנעמען פון אייך, פון אייערע האָר, פון אייער הויט און פון אייער אָטעם וואָס מעהר פון די שעדליכע באַצי־לען? . . .

שלום האָט זיך אָפּגעשטעלט, אין דעם קליינעם צימערל איז מיט אַמאָל געוואָרען זעהר שטיל, כמעט אַזוי שטיל, ווי אין די הרי חושך. די שטילקייט האָט גערריקט אויף האָפּמאַנ׳ס געמיט, און ער האָט זיך דערפיהלט שרעקליך הילפלאָז, נאָך ערגער ווי דאָן אין קאַמף מיט די בערג. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ווען ער וואָלט געקענט פאָראויסזעהן דעם אויסגאַנג פון דעם היינטיגען פאַרהער; ווען ער זאָל זיין זיכער, אַז מען וועט איהם פאַראורטיי-לען צוריקצושיקען, וואָלט ער נאָך אפשר געקענט עפּעס אויפטאָן. אפשר אַפּעלירען; אפשר ברענגען נייע אַרגומענטען פאַרוואָס מען דאַרף איהם פון דאַנען ניט אַרויסשיקען? . . . אפשר בעטען, שטאַרק בעטען, אָט דעם שלומ׳ען אַז ער זאָל זיך פאַר איהם אננע-מען? . . . אפשר אויפהויבען זיך און זאָגען זיי דעם „אמת“ וועגען דעם הויפּט-ציעל, צוליב וועלכען ער איז געקומען? . . . נאַטירליך, ניט דעם אמת׳ן „אמת“. דאָס טויג ניט. נאָר עפּעס אויסטראַכטען . . . עטוואָס עהנליכעס . . . אָבער — ניין. דאָס טויג אויך ניט. זיי וועלען איהם ווידער נעמען אין דעם „עלעקט-ריק טשער“ און אויסגעפינען, אַז ער זאָגט ליגען . . .

אין דעם מאָמענט האָט זיך אויף איינעם פון די שפּיגעלאָך, וואָס זיינען געהאַנגען אויף דער וואַנט, באַוויזען עפּעס אַ ליכט-סיגנאַל. שלום האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט און זיך אָפּגערופען צו האָפּמאַנ׳ען:

— זייט אַזוי גוט, וואַרט דאָ צו אַ ווייל, איך וועל באַלד צו-ריק קומען.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון צימערל.

האָפּמאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער אורטייל. האָט ער אָנגעהויבען אַרומשפּאַצירען הין און צוריק איבער דעם קליי-נעם צימער נערוועז און אומגעדולדיג. דאָס האַרץ האָט איהם שטאַרק געקלאַפּט.

עטליכע מינוט שפּעטער האָט זיך שלום אומגעקעהרט. האָפּ-מאַן האָט אויף איהם אומגעדולדיג אַ קוק געטאָן און אויף דעם אויסדרוק פון זיין פּנים געוואָלט איבערליינען דעם אורטייל. אָבער שלומ׳ס פּנים איז געווען רוהיג און געשעפטסמעסיג גלייכגילטיג און גאָרניט אויסגעדריקט.

אָבער האָפּמאַן האָט שוין ניט אויסגעהאַלטען.

— נו? — האָט ער אומגעדולדיג אַ פרעג געטאָן, און דאָס האַרץ האָט זיך אין איהם אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט.

— דער סנהדרין האָט באַשלאָסען אייך צוריק מיט געוואַלד ניט צו שיקען און געבען אייך די פרייהייט פון לאַנד. — האָט שלום געזאָגט איינפאַך און פשוט.

ביי האָפּמאַנ'ען האָט אַ שווינדעל געטאָן אין קאָפּ און ער איז שיער ניט געפאַלען. אָבער באַלד האָט זיך פון ערגעץ פון אינע-ווייניג אַ ריס געטאָן אַ שטורמישע כוואַליע און ער איז געוואָרען זעהר פרעהליך און באַגייסטערט.

— איך בין אייך זעהר, זעהר דאַנקבאַר פאַר . . . פאַר דעם אורטייל, — האָט ער באַגייסטערט גערעדט און געריבען אַ האַנט אָן אַ האַנט. — איך וועל וויסען ווי אַזוי אָפּצושעצען אַזאַ גאַסט-פריינדליכקייט. איז ווי אַזוי-זשע געהען מיר דאָס אַראַנזשירען?

— איצטער זיינט איהר אַ פרייער מענש, — האָט איהם שלום געענטפערט. — איהר קענט געהן וואוהין איהר ווילט און טאָן וואָס איהר ווילט. אַ צימער האָט איהר. אָט איז אַ ביכעל מיט מאַר-קעס. ווען איהר ווילט עסען — געהט איהר אַריין אין אַ רעסטאָ-ראַן און איהר עסט; און ווען איהר דאַרפט עפּעס האָבען — געהט איהר אַריין אין אַ קראָם און איהר קויפט, און איהר דערלאַנגט דאָס ביכעל. דער אייגענטימער פון דעם רעסטאָראַן אָדער קראָם וועט אַראָפּנעמען אַזוי פיל מאַרקעס, וויפיל מען דאַרף, און די רעגירונג וועט פאַר אַלץ באַצאָהלען. איהר זיינט איצטער אַ גאַסט פון אונזער רעגירונג. איצטער געהט צו זיך אין צימער. איהר וועט געפינען דעם וועג אַליין צו אייער צימער?

— וואָס בין איך אַ קינד?

— טאָ געהט צו זיך אין צימער, און באַלד וועט צו אייך קו-מען אַ מאַן, און ער וועט אייך אַרומפיהרען איבער אונזער לאַנד און וועט אייך צייגען און ערקלערען אַלץ וואָס מען דאַרף.

שלום מיט האָפּמאַנ'ען זיינען אַרויסגעגאַנגען. דער וועג האָט געפיהרט דורך דעם צימער, וואו דער מנין פון סנהדרין איז פריהער געזעסען און האָפּמאַנ'ען גע'משפט. איצטער איז דער צימער גע-ווען ליידיג, און די זיבען גרויסע, טיפע און ווייכע קרעסלען זיי-נען געשטאַנען ליידיגע אין אַ האַלבען קרייז.

געהענדיג האָט שלום אַ זאָג געטאָן:

— טאַמער וועט איהר מיך דאַרפֿען, זאָלט איהר מיך אָפּרופֿען אויפ׳ן טעלעפאָן. מיין טעלעפאָן נומער ווייסט איהר.

— און טאַמער וועט איהר ניט זיין ביי זיך אין צימער? — האָט האָפּמאַן געפרעגט.

— דער טעלעפאָן נומער, וואָס איך האָב אייך געגעבען, באַציהט זיך ניט צו מיין צימער, נאָר צו מיר; און וואו איך זאָל ניט זיין, וועט מיך דער טעלעפאָן דערגרייכען, — האָט האָפּמאַן געענטפערט.

שלום האָט ארויסגעפיהרט האָפּמאַנ׳ען אין קאָרידאָר און זיך מיט איהם געזעגענט. שלום האָט זיך אומגעקעהרט צוריק, און האָפּמאַן איז אוועק צו זיך אין צימער.

## 14.

האָפּמאַן איז אריינגעקומען צו זיך אין צימער, האָט אָנגעהויבען ארומשפּאַצירען אין דער לענג און אין דער ברייט און זיך פאַרטראַכט.

עס איז שוין דער צווייטער טאָג, וואָס ער איז אין דעם לאַנד פון די רויטע אידעלאַך, און ביז איצטער האָט ער נאָך ניט געמאַכט קיין איין טראָט אין דער ריכטונג פון דעם ציעל, צוליב וועלכען ער איז אַהער געקומען. די גאַנצע צייט איז ער געוועזן אַזוי פאַרנומען און אַזוי צוטומעלט, אז ער האָט קיין איין איינציגע מינוט פאַר זיך ניט געהאַט און ניט געקאָנט אפילו אַ טראַכט טאָן וועגען די פּלענער און שריט, וואָס ער דאַרף נעמען, כדי אויפצודעקען די „בערגער מיסטעריע“. און כאָטש ער איז איצטער אויך שטאַרק צורודערט צוליב דעם ים פון איינדרוקען, וואָס ער האָט פאַר דער צייט איבערגעלעבט, מוז ער זיך אָבער צווינגען צו טראַכטען וועגען דעם ציעל, צוליב וועלכען ער איז געקומען, און אָנהויבען אויסצואַרבייטען די פּראָגראַם פון טעטיגקייט.

איצטער, ווען ער איז שוין דאָ, אין דעם לאַנד פון די רויטע אידעלאַך, זעהט ער זיך ערשט ארום, וואָס פאַר אַ גוואַלדיג שווערען פּראָבלעם ער האָט פאַר זיך. די זאַך איז אַ סך, אַ סך שווערער און קאָמפּליצירטער, ווי ער האָט זיך פריהער פאָרגעשטעלט.

זאָל ער זיך נאָר פּרואווען אָפּגעבען אַ קלאָרען חשבון וועגען דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען און ברענגען די זאַך אין אַ סיסטעמאַטישער אָרדנונג, און דערנאָך באַטראַכטען און אַנאַליזירען יעדען פּונקט באַזונדער.

אַנהויבען פון אָנפאַנג. האָט זיך, הייסט עס, באַוויזען בײַ זיי א מאַן מיט'ן נאָמען ראָבערט בערגער, וואָס האָט ערפונדען „טויטען שטראַהלען", מיט וועלכע מען קען אומברענגען א גאַנצע אַרמיי אויף מיילען ווייט, דורכשיסען וועגט אין קריגס-שיפען און אַראָפּשיסען אַן עראָפּלאַן פון דער לופטען, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. גוט. זיינען איהם באַפאַלען פון אַלע זייטען אַגענטען און שפּיאָנען פון פאַרשידענע לענדער, און יעדער פון זיי האָט געוואָלט אַריינכאַפּען אַט די מעכטיגע שטראַהלען פאַר זיין לאַנד. און קיינעם פון זיי האָט זיך עס ניט איינגעגעבען. איז געקומען א מיידעל מיט רויטע האָר, א טאָכטער פון די רויטע אידעלאַך פון יענער זייט סמבטיון, און איהר נאָמען איז מרים, און אַט די מרים האָט אין זיך פאַרליבט אַט דעם בערגער'ן און איהם אַוועקגעפיהרט צו זיך אין לאַנד.

פריהער האָט די זאַך אויסגעזעהן צו זיין גאַנץ איינפאַך און פאַרשטענדליך. די ראָל פון פרויען שפּיאָנען אין מלחמה, אין דיפּלאָמאַטיע און אין פּאָליטיק, איז אַן אַלטע און אויסגעפּרובירטע און דאָס וואָס עס האָט זיך ניט איינגעגעבען די מענער שפּיאָנען פון אַנדערע לענדער, האָט זיך, גאַנץ נאַטירליך, איינגעגעבען דער פרוי שפּיאָן. איז דאָס אַלץ געווען לאָגיש און פאַרשטענדליך — פריהער; ווען ער, האָפמאַן, איז נאָך געווען אין דער היים. אָבער דאָ, אין דעם לאַנד פון די רויטע אידעלאַך גופא, זעהט עס גאָר ניט אויס צו זיין אַזוי פאַרשטענדליך און לאָגיש. עס זעהט ניט אויס, אַז די רויטע אידעלאַך דאַרפען האָבען אַט די טויטען-שטראַהלען צוליב מלחמה-צוועקען. אויף וויפיל ער, האָפמאַן, האָט באַמערקט פאַר די צוויי טעג, וואָס ער איז דאָ, זעהט עס אויס, אַז זיי האָבען ענטוויקעלט ביי זיך א סך א העכערע וויסענשאַפט און טעכניק, ווי „מעבר", און עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז אַזאַ אַפּאַראַט, וואָס קען פּראָדוצירען „טויטען שטראַהלען", איז ביי זיי שוין לאַנג ערפונדען געוואָרען.

אַלזאָ — וואַרשיינליכער פון אַלץ האָבען זיי אייגענע „טויטען שטראַהלען", און ווי עס זעהט אויס, דאַרפען זיי עס ניט פאַר מלחמה צוועקען. הייסט צו וואָס האָט אַט די מרים אין זיך פאַרליבט דעם בערגער'ן און איהם פאַרפיהרט צו זיך אַהיים? זאָל מען זאָגען, אַז דאָס איז א פּשוט'ער, איינפאַכער ראָמאַן? זיי האָבען

זיך פשוט און איינפאך פארליבט איינער אין צווייטען, אהן קיין שום מאטעריעלע אינטערעסען? אבער דא וויל מען דאך קיין מענשען פון „מעבר״ ניט האבען. זאל מען זאגען, אז זי האט איהם ארייננעשמוגעלט אהער און האלט איהם דא אלס איהר געליבטען אין א פארבארגענעם ארט?

דאס איז עפעס ניט קלאהר און פארפלאנטערט.

און ווי אזוי זוכט מען איהם דא? נאכפרעגען זיך אויף איהם עפענטליך — טאר מען ניט. ווי נאר מען וועט זיך דא דערוויסען, אז ער, האפמאן, איז געקומען צוליב בערגער׳ן, וועט מען מיינען, אז ער וויל ביי איהם אפקויפען אדער אויסנארען די „טויטען שטראהלען״, וועט מען איהם באלד און אהן צערעמאניעס אפשיקען צוריק. ניין. מען טאר אפילו ניט געבען אנצוהערען אז ער איז געקומען צוליב בערגער׳ן.

און ווייטער: — אויב די דאזיגע מרים האלט בערגער׳ן ערגעץ באהאלטען, וועט ער איהם דאך בשום אופן ניט געפינען. און אויב ער איז ניט באהאלטען — וועט אויך ניט זיין אזוי לייכט איהם צו געפינען. נאכפרעגען זיך אויף איהם דירעקט — טאר מען ניט. עס וועט זיין צו ריזיקאליש. און ווי אזוי קען מען זיך אויף איהם נאכפרעגען, אז ער ווייסט אפילו ניט זיין היגען נאמען. דארטען האט ער געהייסען ראבערט בערגער, און ווער ווייסט ווי אזוי מען רופט איהם דא. געה זוך דא איינעם א ברוך בן זרח . . .

לאנג האט האפמאן געטראכט, און ענדליך באשלאסען, אז דערווייל איז די מיה פון טראכטען אן אומזיסטע.׳ ער וועט בעסער צוווארטען א פאר טעג, וועט זיך בעסער ארומזעהן, וועט ער קענען דאן אויסארבייטען א פלאן פון טעטיגקייט.

עמיצער האט אנגעקלאפט אין טיר, און עס איז ארייננעקומען א יונגערמאן מיט א שטעקען אין האנט. אט דעם מין שטעקען האט האפמאן נאך פריהער באמערקט. געהענדיג איבער די קארידארען און באגעגענענדיג אזוי פיל מענער און פרויען, האט ער, פארבייגייהענדיג, באמערקט, אז פילע פון זיי, אי מענער, אי פרויען, טראגען מיט זיך אזעלכע שטעקעלאך מיט פארשידענע פאנטאסטישע הענטלאך. האט ער באשלאסען, אז דאס מוז דא זיין א מאדע אזא.

דער מאַן איז צוגעגאַנגען צו האָפּמאַנ׳ען, האָט איהם דערלאַנגט די האַנט, האָט איהם אָפּגעגעבען „שלום״ און זיך פאָרגעשטעלט:

— מיך האָט אהער צוגעשיקט ר׳ שלום בר׳ יצחק, איך וועל זיין אייער באַגלייטער און וועג-ווייזער און בין גרייט אייך צו דינען. מיין נאָמען איז: ברוך בן זרח.

האָפּמאַן האָט אַ ציטער געטאָן, ווי מען זאָל איהם אַ קלאַפּ טאָן מיט אַ שטעקען אין קאָפּ אַריין.

— זיינט איהר אַ היגער? — האָט זיך ביי האָפּמאַנ׳ען ניט ווילענדיג אַרויסגעריסען פון מויל.

— ניין, איך בין פון רישאַנאָווע.

— רישאַנאָווע? וואו איז דאָס? — האָט האָפּמאַן געפרעגט.

— רישאַנאָווע איז אונזער הויפּט שטאָט.

— אַה, איך פאַרשטעה. און איך האָב געמיינט, אַז איהר זיינט... אַז איהר זיינט פון מעבר, — האָט האָפּמאַן אַ זאָג געטאָן מיט אַזאַ טאָן, אַז מען זאָל עס קאָנען אויך אננעמען אַלס אַ וויץ.

ברוך האָט עס קענטיג טאַקע אָנגענומען אַלס אַ וויץ, און האָט מיט אַ שמייכעל באַמערקט:

— ניין, אין דעם זין בין איך אַ היגער.

— איהר האָט דאָ עפּעס אַ סך מעבר׳ניקעס? — האָט האָפּמאַן ווי פאַרבייגעהענדיג, מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיגקייט אַ פרעג געטאָן.

— ניט זעהר קיין סך. איהר זיינט כמעט דער איינציגער.

— „כמעט״. הייסט עס, אַז ניט אינגאַנצען דער איינציגער. וועמען-זשע האָט איהר דאָ נאָך פון מעבר?

— אויף דעם בין איך נאָך ניט גרייט אייך צו ענטפערען.

אָט דעם ענטפער ברוך׳ס האָט מען געקענט אויסטייטשען אויף צוויי אופנים: אי עס האָט געקענט הייסען, אַז ער, ברוך, ווייסט ניט צי איצטער איז דאָ אין לאַנד נאָך פאַראַן עמיצער פון מעבר; אי אַז ווייסען וויים ער; ער ווייס אָבער ניט צי האָט ער אַ רעכט וועגען דעם צו רעדען מיט אַן אנדער „מעבר׳ניק״.

און דאַן האָט האָפּמאַן דערפיהלט, אַז מעהר טאָר ער איהם קיין פראַגען אין אָט דער ריכטונג ניט שטעלען, ווייל עס קען ווערען פאַרדעכטיגט. האָט ער אנגעהויבען פיהרען אַ שמועס אין אַן אנדער ליניע.

— איך בין אייך זעהר דאנקבאר פאר אייער גרייטקייט מיר צו העלפען, — האט ער געזאגט. — פון וואס-זשע הויבען מיר אן?

— איך רעכען, אז די ערשטע זאך דארפט איהר זיך באקע-נען מיט דער געאגראפיע פון אונזער לאנד און מיט אונזערע מיט-לען פון פארקעהר.

— וועלען מיר אנהויבען מיט געאגראפיע.

ברוך האט ארויסגענומען פון קעשענע א צוזאמענגעלייגטען פאפירעל, האט עם פאנאנדערגענומען און עם אויסגעשפרייט אויפ'ן טיש. דאס איז געווען א געאגראפישע קארטע פון לאנד.

— אונזער לאנד, — האט ברוך אנגעהויבען פיהרענדיג מיט א פינגער איבער דער לאנדקארטע — איז ארום 350 מייל די לענג און ארום הונדערט און צוואנציג מייל די ברייט און פארנעמט א שטח פון ארום צוויי און פערציג טויזענט קוואדראט מייל, אומגעפעהר אזא שטח פון אייער סטייט ניו-יארק. די באפעלקערונג באשטעהט פון עטוואס מעהר ווי זעקס מיליאן נפשות. ד. ה. אומגעפעהר אזוי פיל, וויפיל אין אייער שטאט ניו יארק. דאס לאנד איז ארומגערינ-געלט פון דריי זייטען מיט בערג, און פון דער פערטער זייט מיט א וויסטעניש נאך וועלכער עס הויבט זיך אן א ים. אויף מערב זייט ציהט זיך דער סמבטיון און יענער בארג, איבער וועלכען איהר זייט אריבער. איהר זעהט? אט דאס איז די ליינע פון דעם סמבטיון, און דאס איז די ליניע פון דעם בארג, וואס ציהט זיך איבער דריי הונדערט מייל לאנג. פון צפון זייט און פון דרום זייט זיינען הויכע ניט דורכגאנגבארע בערג, און פון מזרח זייט איז אט די ברייטע און הייסע וויסטעניש, און דאן הויבט זיך אן דער ים. אט די קעסטעלאך, וואס אהיר זעהט דא, זיינען אונזערע שטעט. מיר האבען זעקסט שטעט. די הויפט-שטאט, וואס געפינט זיך אט דא, רופט זיך רישאנאווע. דא איז דער אוניווערסיטעט אונזערער, דער מוזעאום, די הויפט ביבליאטעק, די הויפט לאבאראטאריע פאר וויסענשאפטליכע פארשונגען און אנדערע וויכטיגערע אינסטיטו-ציעס. די איבעריגע שטעט זיינען; שיינאווע, שלישאווע, רעוויאי, באמישאווע און שישאווע. מיר געפינען זיך איצטער אין שלישא-ווע. א חוץ דעם האבען מיר נאך איין פאבריק שטאט, וואו אלע פאבריקען זיינען קאנצענטרירט, און א ביאלאגישע שטאט, וואו עס ווערען פראדוצירט דער מאטעריאל פאר אונזערע שפייזען. אבער

די לעצטע צוויי שטעט זיינען כמעט ווי ניט באוואוינט. דאָ גע־פינען זיך בלויז עטלאכע טויזענט פאמיליעס, און דאָס אויך צייט־ווייליג. ....

— און וואו וואוינען די אלע ארבייטער, וואָס ארבייטען אין דער פאבריק שטאָט און אין אייער ביאָלאָגישער שטאָט? — האָט האָפמאַן געפרעגט.

— אין די איבעריגע זעקס שטעט.

— און צו דער ארבייט פאָהרען זיי הין און צוריק?

— נו, זיכער פאָהרען זיי צו דער ארבייט הין און צוריק.

— אָבער אייניגע שטעט זיינען דאָך הונדערטער מיילען ווייט פון דער פאבריק שטאָט. ווי איז, אז אַ ארבייטער וואוינט אין אַ שטאָט, וואָס איז איבער צוויי הונדערט מייל ווייט פון דער פאב־ריק שטאָט? — האָט האָפמאַן געוואָלט וויסען.

— פאָהרט ער אויך הין און צוריק.

— דארף דאָך איהם אוועקגעהן אַ האלבער טאָג אויף פאָהרען.

— צו פאָהרען צוויי הונדערט מייל דארף ניט געדויערען מעהר ווי אַ האלבע שעה, און . . .

— צוויי הונדערט מייל אין אַ האלבע שעה? — האָט זיך האָפ־מאַן פארוואונדערט. — דאָס מאכט דאָך אוים פיער הונדערט מייל אַ שעה

— אונזערע אייזענבאהן-צוגען קענען לויפען איבער פינף הונ־דערט מייל אַ שעה; אָבער אונזער טעריטאָריע איז צו קליין, און מיר האָבען ניט קיין גלייכע אייזענבאהנען ליניע פון פינף הונ־דערט מייל.

— איך פארשטעה ניט: ווי אזוי קען אַן אייזענבאהן-צוג לוי־פען פינף הונדערט מייל אַ שעה? עס איז דאָך אוממעגליך.

— ווען עס וואָלט געווען אוממעגליך, וואָלטען מיר עס דאָך ניט געהאט; און אויב מיר האָבען עס, איז עס דאָך מעגליך, — האָט ברוך געענטפערט. — אָבער דאָס האָט שוין אַ שייכות צו אונזערע מיטלען פון פארקעהר, און וועגען דעם וועלען מיר רע־דען באזונדער. און וועגען דעם, וואָס ארבייטער פאָהרען צוויי הונדערט מייל צו דער ארבייט, איז דער חשבון אזא: אין דורכ־שנים נעמט עס ארום פופצעהן מינוט פון דער היים ביז דער איי־זענבאהן סטאַנציע; אַ האלבע שעה געדויערט דאָס פאָהרען, און

נאָך פופצעהן מינוט געדויערט פון דער צווייטער סטאַנציע ביז'ן פלאַץ פון פאַבריק, וואו דער אַרבייטער דאַרף אַרבייטען. אין דורכשניט געדויערט עס אַ שעה צייט פון הויז ביז דער פאַבריק, און אַ שעה צוריק. פאַרלירט אַן אַרבייטער צוויי שעה אויף פאָהרען הין און צוריק צו דער אַרבייט און פון דער אַרבייט. אין דורכשניט אַרבייט מען ביי אונז דריי שעה אַ טאָג. הייסט עס, אַז אַן אַרבייטער גיט אַוועק פינף שעה אַ טאָג אויף אַרבייט, און די איבעריגע צייט איז ער פריי.

— און מיט דריי שעה אַרבייט אַ טאָג ווערט אויפגעטאָן אַלע אַרבייטען פון אייערע אינדוסטריען?

— אָה, ניין. דאָס רוב אַרבייט אין אונזערע פאַבריקען געהט אָן פולע פיר און צוואַנציג שעה אַ טאָג; אָבער די אַרבייט גופא טוען דאָך די מאַשינעס. די אַרבייטער דאַרפען נאָר אַכטונג געבען אויף די מאַשינעס און רעגולירען זיי. און אויף דעם איז דריי שעה אַ טאָג אויף אַן אַרבייטער איבער גענוג.

— איך שטעל זיך פאָר, אַז אינדערפריה, ווען אַזוי פיל טויזענטער אַרבייטער גיבען זיך אַ שאָט אין דער ריכטונג צו דער איינציגער פאַבריק שטאָט אייערער, דאַרפען אייערע אייזענבאַהןצוגען זיין איבערגעפאַקט; וואָס מען רופט ביי אונז: „ראש שטונדען"?

— ניין, קיין „ראש שטונדען" אין אייער זין האָבען מיר ניט. ביי אונז איז אַזוי איינגעאָרדענט, אַז דער שטראָם פון אַרבייטער צו דער פאַבריק און פון דער פאַבריק איז אַ שטענדיגער און רעגעלמעסיגער. איניגע אַרבייטער שטעלען זיך צו דער אַרבייט אַכט אַ זייגער; אַנדערע שטעלען זיך צו דער אַרבייט האַלב נאָך אַכט; נאָך אַנדערע שטעלען זיך צו דער אַרבייט ניין אַ זייגער, און אַזוי פאַר אַלע פיר-און-צוואַנציג שעה פון מעת-לעת. דעריבער קומט ביי אונז ניט אויס, אַז אַ צו גרויסע צאָל אַרבייטער זאָל זיך מיט אַמאָל אַ שפּאַר טאָן צו דער אַרבייט אָדער פון דער אַרבייט.

וועלכע נאָך מיטלען פון פאַרקעהר האָט איהר?

— אויטאָמאָבילען, אמניבוסען און לופט-שיפען, — האָט ברוך געזאָגט. — אויב איהר ווילט, וועלען מיר זיך אַביסעל דורכפאָהרען, וועט איהר זעהן אונזערע מיטלען פון פאַרקעהר.

— איך וואָלט זעהר געוואָלט, — האָט האָפמאַן געענטפערט, —

איך בין אָבער הונגעריג. איך וואָלט געוואָלט פריהער עפּעס עסען.
— אויב אַזוי, טאָ קומט אין רעסטאָראַן, וועלען מיר עסען צו־זאַמען, — האָט ברוך פאָרגעשלאָגען.
— ווען עסט מען ביי אייך געוועהנליך?
— ווען מען וויל, קיין באַשטימטע צייט אויף דעם האָבען מיר נים. אונזערע רעסטאָראַנען זיינען אָפען טאָג און נאַכט.
— און אַ רעסטאָראַן איז וויים פון דאַנען?
— די דריטע טיר פון דאַנען. אייער צימער איז אַ טייל פון אַ האָטעל, און דאָרטען איז פאַראַן אַ רעסטאָראַן.
— טאָ קומט.
— קומט.
און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען.

·15

דער רעסטאָראַן, אין וועלכען ברוך מיט האָפמאַנ'ען זיינען אַריינגעקומען, איז געווען אַ לאַנגער און פאַרהעלטניסמעסיג שמאָלער צימער. בּאַ יעדער לאַנגער וואַנט זיינען געשטאַנען קליינע טישלאַך מיט זייערע שמאָלע זייטען צוגערוקט צו דער וואַנט. פון יעדער זייט טישעל זיינען געווען צו צוויי אָדער צו דריי שטולען. דער שטח צווישען יעדע צוויי שטולען איז געווען גרוים גענוג, אַז מען זאָל זיך ניט פיהלען ענג. צווישעןביידע רייהען טישלאַך איז געווען אַ ברייטער, פרייער דורכגאַנג; און אַלעיע וואָס האָט זיך געצויגען איבער דער גאַנצער לענג פון צימער. ביי דער שמאָלער וואַנט, וואָס געגנאיבער דעם אַריינגאַנג, איז געווען אַ מין אויסשטעלונג פון בלומען, וואָס האָבען זיך געצויגען אין רייהען, איין רייהע העכער פון דער צווייטער; און האָפמאַן האָט קיין טאָלק ניט געקענט דערגעהן, צי די בלומען וואַקסען דאָ, אָדער זיי זיינען פון ערגעץ געבראַכט געוואָרען.

פונקט ווי אין די אַלע אַנדערע צימערען, אין וועלכע האָפמאַן איז ביז איצטער געווען, זיינען דאָ קיין פענסטער אויך ניט געווען. עס איז אָבער דאָ געווען זעהר לופטיג, און די לופט איז נאָך געווען אָנגעפילט מיט דעם אַראָמאַט פון די בלומען. זעהר ליכטיג איז דאָ ניט געווען; עס האָט דאָ געהערשט אַ פאַנטאַסטישע, זעהר

אנגענעהמע, בארוהיגענדע האלב טונקעלקייט. פון ערגעץ, פון הינטער די בלומען, האט זיך געטראָגען אַ שטילע מוזיק, קענטיג דורך ראַדיאָ. און די מוזיק האט אזוי הארמאָנירט מיט דער גאנצער אטמאָספערע, וואָס עס האט דאָ געהערשט.

ביי אייניגע טישלאך זיינען געזעסען מענשען און האבען אָדער געגעסען, אָדער שטיל געשמועסט צווישען זיך. מען איז דאָ געזעסען אי איינציגווייז, אי צו צווייי, אי צו פיער מענשען ביי אַ טיש, און געווען זיינען דאָ אי מענער, אי פרויען, אי יונגע, אי אלטע.

ברוך מיט האפמאנ׳ען האבען זיך געזעצט ביי אַ טישעל איי־נער אנטקעגען דעם צווייטען. ברוך האט גענומען פון טיש אַ קליין שעהן געדרוקט מעניו-ביכעלע און עס אָנגעהויבען באטראכטען.

— וואָס וועט איהר עסען? — האט ער אַ פרעג געטאָן האפ־מאנ׳ען.

— איך בין בכלל ניט איבערקלייבעריש אין עסען, — האט האפ־מאן געענטפערט, — בפרט נאָך אציטער, ווען איך בין אזוי הונ־געריג, און דערצו וויים איך דאָך ניט די נעמען פון אייערע מאכלים, וועל איך עסען, וואָס מען וועט מיר געבען.

— אויב אזוי, וועל איך אליין פאר אייך באשטעלען, — האט ברוך געזאָגט און זיך פארטיפט אין ביכעל.

— אָבער . . . איהר ווייסט . . . איך בין דאָך אַ מעבר׳־ניק, — האט האפמאן אָנגעהויבען.

— אָה, דאָס וויים איך, — האט איהם ברוך ארויסגעהאָלפען.

— פאר אייך וועל איך באשטעלען אַ סאָלידערע פארציע. און טאָמער וועט עס ניט זיין גענוג, קען מען באשטעלען נאָך.

נאָך אלץ קוקענדיג אין ביכעל האט ברוך אָנגעהויבען אויסרו־פען אויפ׳ן קול די פארשידענע מאכלים. און האפמאן האט דער־וויל אָפגעקעהרט זיין פנים אַן אַ זייט און אָנגעהויבען באטראכ־טען די מענשען, וואָס זיינען געזעסען ביי די פארשידענע טישלאך, און האט באוואונדערט די קאָמבינאציע פון ליכט, בלומען און מו־זיק. קיין באדינער, וואָס זאָלען צוקומען צו די טישלאך נעמען בא־שטעלונגען און דערלאנגען די מאכלים האט ער ניט באמערקט. ער האט נאָר באמערקט, ווי צוויי מענער האבען זיך אויפגעהויבען פון אַ טישעל און זיינען ארויסגעגאנגען. און דאן איז צוגעקומען

א מאַן, האָט אַראָפּגענומען דעם פריהערדיגען טישטאַך און אויס־געשפּרייט אַן אַנדער טישטאַך, אַ פרישען. ווי אַזוי די כלים פון טיש זיינען פאַרשוואונדען, האָט האָפּמאַן ניט באַמערקט.

האָפּמאַן איז געזעסען מיט זיין פּנים אָפּגעקעהרט אַן אַ זייט און איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין באַטראַכטען, וואָס אין צימער טוט זיך, אַז ער האָט ניט באַמערקט ווי ברוך האָט זיך עפּעס גע־פאָרעט און געשאַרט אויף'ן טיש. און ווען האָפּמאַן האָט אויסגע־דרעהט זיין פּנים צוריק צום טיש, האָט ער דערזעהן אויף'ן טיש אויסגעשטעלט עטליכע פלעשער מיט וואַסער און מיט וויין, עט־ליכע גלעזער, ברויט, גאָפּעל, לעפּעל, מעסער און אַנדערע זאַכען.

— פון וואַנען האָט זיך עס גענומען? — האָט האָפּמאַן גע־פרעגט שטאַרק פאַרוואונדערט.

— פון דאַנען, — האָט ברוך געענטפערט אָנצייגענדיג אויף דער וואַנט ביי דעם טישעל.

אין דעם מאָמענט האָט זיך אַ שטיקעל וואַנט ביים טישעל אָפּ־געררוקט און עס האָט זיך באַוויזען אַ טיפע עפענונג. פון דער עפענונג האָט זיך אַרויסגערוקט אַ גאָלדענער טאַץ אויף וועלכען עס זיינען געווען אָנגעשטעלט טעלער מיט שיסלאַך מיט פאַרשיי־דענע מאכלים.

— פון וואַנען קומט עס? — האָט האָפּמאַן געפרעגט.

— פון קיך.

— זיינען דאָס די זאַכען, וואָס איהר האָט באַשטעלט?

— יאָ.

— פון וואַנען האָבען זיי אין קיך געוואוסט, וואָס איהר ווילט?

— איהר זעהט? אָט דאָ איז פאַראַן אַ פאַרמאַסקירטער מיקראָ־פאָן. איך האָב פריהער אויסגערופען די נעמען פון די מאכלים, האָט מען אין קיך געהערט, אַז פון טישעל נומער אַזאַ־און־אַזאַ פאַרלאַנגט מען אָט די מאכלים; האָבען זיי די מאכלים אויסגע־שטעלט אויף טאַצען, אַריינגערוקט אין דעם טונעל, און דער „פיה־רער" האָט די אַלע זאַכען געפיהרט און געפיהרט און זיך אָפּגע־שטעלט לעבען אונזער טישעל.

בשעת מען איז געזעסען און געגעסען, האָט זיך האָפּמאַן גע־ווענדעט צו זיין שכן:

— מעג איך אייך פרעגען ווער איהר זיינט, און וואָס איהר

זיינט? וואָס פאַר אַ פּאָזיציע איהר פאַרנעמט דאָ אין לאַנד?

— וואָס בין איך? איך בין אַן אינזשענער, — האָט ברוך גע־ענטפערט. — מיט אַ האַלב יאָהר צוריק האָב איך גראַדואירט פון אוניווערזיטעט און געקראָגען די דיפּלאָם פון אַ אינזשינער. אָבער דאָס גיט מיר נאָך ניט די מעגליכקייט צו פּראַקטיצירען מיין פאַך. איך דאַרף זיך נאָך לאַנג לערנען, איידער איך וועל קענען פאַר־נעמען אַ פאַראַנטוואָרטליכע שטעלע. אַזוי לאַנג ווי איך בין גע־גאַנגען אין אוניווערזיטעט, האָבען מיך מיינע עלטערען אויסגעהאַל־טען. איצטער מוז איך שטודירען פּריוואַט און מוז מאַכען אַ לע־בען פאַר זיך. האָב איך אָנגענומען אַ רעגירונגס שטעלע. איצ־טער בין איך אַ בעאַמטער ביי דער רעגירונג.

— און וואָס איז אייער שייכות צו שלום בן יצחק?

— „בר יצחק", — האָט איהם ברוך פאַרריכט.

— אָה, יע. איך האָב אייך טאַקע געוואָלט פרעגען: פאַר־וואָס זיינען איינינגע ביי אייך „בן", און אַנדערע זיינען „בר"? מיין פאָטער'ס נאָמען איז יצחק, און שלום'ס פאָטער איז יצחק; און איך בין „בן יצחק", און ער איז „בר יצחק". וואָס איז דער אונ־טערשיד?

— „בר" — מיינט „בן רבי". דאָס מיינט „דער זוהן פון אַ רבי", אָדער פון אַ פּראָפעסאָר. ווען דער פאָטער איז אַ פּראָפע־סאָר, רופט מען דעם זוהן „בר".

— אָה, איצטער פאַרשטעה איך. איז שלום'ס פאָטער, הייסט עס, אַ פּראָפעסאָר. און וואָס איז אייער שייכות צו איהם?

— רב שלום איז אַ סעקרעטאַר אין סנהדרין, און מיך האָט מען צוגעשטעלט אַלס אַ געהילף צו אים. וואָס ער הייסט מיר טאָן, טו איך, — האָט ברוך געענטפערט.

— אָבער איהר קלייבט זיך דאָך ניט פאַרבלייבען אַ שטענדי־גער רעגירונגס בעאַמטער?

— ניין. איך וועל אייך ערקלעהרען די לאַגע. אַלס מיין ספּע־ציאַליטעט האָב איך אויסגעקליבען צו גראָבען טונעלען אונטער דער ערד. דאָס איז בארג־אינזשינערינג. איצטער דאַרף איך דורכ־געהן די גאַנצע ליטעראַטור איבער אָט דער פראַגע, און דאָס וועט געדויערען אַ פינף יאָהר. אָבער אַ לעבען מאַכען דאַרף מען דאָך, בין איך געוואָרען אַ רעגירונגס בעאַמטער. אונזער סיסטעם פון

ארבייט איז דריי שעה א טאָג און דריי הונדערט טעג אין יאָהר. דארף איך געבען דער רעגירונג ניין הונדערט שעה ארבייט א יאָהר, און די רעגירונג צאָהלט מיר דערפאַר גענוג אויף צו מאכען א לע-בען. די איבעריגע צייט בין איך פריי און איך שטודיר. פאַר די פינף יאָהר צייט וועל איך דורכגעהן די ליטעראַטור פון מיין פאַך, און דערנאָך וועל איך זיך שטעלען ארבייטען ביי טונעלען אַלס א פשוט׳ער ארבייטער. ווען איך וועל אזוי אָפּארבייטען א פינף יאָהר צייט, וועל איך ווערען א געהילף צו אַן אינזשינער. און ווען איך וועל אָפּארבייטען אַלס א געהילף פאַר פינף יאָהר צייט, וועל איך ערשט דאַן ווערען א פולער און זעלבסטשטענדיגער אינזשינער.

— אָבער דאַן וועט איהר דאָך שוין זיין אַן אַלטער מאַן, ווען זשע וועט איהר צייט האָבען צו זיין אַן אינזשינער?

— איך בין איצטער פינף און דרייסיג יאָהר אַלט, — האָט ברוך געענטפערט. — אין פופצעהן יאָהר ארום וועל איך אַלט זיין פופ-ציג, און ערשט דאַן וועט זיך אָנפאַנגען מיין פעריאָד פון רייפען לעבען.

— זענט איהר איצטער שוין פינף און דרייסיג יאָהר אַלט און ערשט איצטער געענדיגט אוניווערזיטעט?

— איהר זעהט: ביי אונז איז די אָרדנונג אביסעל אַנדערש, ווי ביי אייך. — האָט ברוך געזאָגט. — אין אנפאַנגס שול געהט מען ביז א יאָהר אכצעהן; און פון אכצעהן ביז א יאָהר פינף און צוואַנ-ציג געהט מען אין מיטעל-שול. און דאָס איז דער מינימום פון ערציהונג און בילדונג וואָס יעדער מאַן און יעדע פרוי מוז קריגען. און ווער עס האָט גענוג פעהיגקייטען און נייגונגען, דער געהט דער-נאָך אין אוניווערזיטעט. און דער קורס אין אוניווערזיטעט גע-דויערט אין דורכשניט צעהן יאָהר. און כדי דערנאָך צו פראַקטי-צירען דאָס, וואָס מען האָט אין אוניווערזיטעט געלערנט, דארף מען ערשט נעהמען א קורס פון פראַקטישען לעבען; און אָט דער „קורס" גערויערט א צעהן-פופצעהן יאָהר.

האָפּמאַן איז געזעסען מיט׳ן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער לינקער האַנט, און מיט א פינגער פון דער רעכטער האַנט האָט ער גע-פיהרט איבער דעם באַגילדעטען טאַץ, וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן טיש און געטראַכט:

„מאָדנע מענשען און אַ מאָדנע פאָלק" . . .

און ברוך האָט אַ זאָג געטאָן:

— אויב איהר ווילט, וועלען מיר זיך אַ ביסעל דורכגעהן אָדער זיך דורכפאָהרען.

— קומט, מיר וועלען זיך אביסעל דורכגעהן, — האָט האָפמאַן געענטפערט קוקענדיג אויפ'ן באַגילדעטען טאַץ. — איך האָב געוואָלט עפּעס פרעגען: פאַרוואָס דערלאַנגט מען ביי אייך די עסענס אויף באַגילדעטע טאַצען? די ערשטע צוויי מאָהלצייטען האָט מען מיר געבראַכט אין צימער און אויך אויף באַגילדעטע טאַצען. און בכלל האָב איך דאָ געזעהן אַ סך זאַכען באַגילדעטע.

— די טאַצען זיינען ניט באַגילדעט, נאָר פון אמת'ן גאָלד, — האָט ברוך געענטפערט. — און די אַלע זאַכען, וואָס איהר האָט געזעהן זיינען אויך ניט באַגילדעט, נאָר פון אמת'ן מאַסיווען גאָלד.

— אפילו די הענטלאַך פון טירען? די לעפעל, די הענטלאַך פון מעסערס און גאָפּלען — אַלץ פון ריינעם גאָלד?

— יאָ, פון ריינעם גאָלד.

— וואו זשע נעמט איהר אזוי פיל גאָלד? האָט איהר דען דאָ אזוי פיעל רייכע גאָלד מינען?

— ניין, קיין גאָלד-מינען האָבען מיר ניט, דאָס גאַנצע גאָלד, וואָס איהר זעהט ביי אונז, איז געמאַכט אין די לאַבאָראַטאָריעס.

— איהר מאַכט אייער אייגענעם גאָלד?

— יאָ, מיר מאַכען אונזער אייגענעם גאָלד.

— פון וואָס? פון ציבעלעס?

— ניין, ניט פון ציבעלעס, נאָר פון בליי.

— איך הויב ניט אָן צו פאַרשטעהן. ווי אזוי קען מען עס מאַכען גאָלד פון בליי אָדער פון וועלכער עס איז אנדער זאַך? גאָלד איז דאָך אַ בעמישער עלעמענט.

— און אַז אַ בעמישער עלעמענט איז וואָס? דערלאָזט מען דען ביי אייך ניט, אַז איין בעמישער עלעמענט קען זיך פאַרוואַנדלען אין אַ צווייטען? און וואָס וואונדערט איהר זיך אזוי? האָט מען דען ביי אייך ניט געמאַכט אַ פאַרזוך צו פאַרוואַנדלען קוועקזילבער אין גאָלד? פּראָפ. מיעטע אין דייטשלאַנד האָט דאָך געמאַכט עטליכע גאַנץ אינטערעסאַנטע עקספּערימענטען אויף דעם געביט נאָך אין 1924.

— האָט ער אָבער קיין גאָלד פֿון קוועקזילבער דאָך ניט גע־קראָגן, — האָט האָפֿמאַן געענטפֿערט.

— דאָס איז נאָך אַ גרויסע פֿראַגע. מיר, דאַ, גלויבן, אַז שפּורן פֿון גאָלד האָט ער דאָך געקראָגן. יעדנפֿאַלס איז ער מיט זײַנע עקספּערימענטן געגאַנגען איבער דעם ריכטיקן וועג, און פֿריִער אָדער שפּעטער וועט מען ביי אייך אויך מאַכן גאָלד פֿון ביליקערע מעטאַלן.

— אויב אַזוי, אויב איר מאַכט אייער אייגענעם גאָלד, איז דאָך גאָלד ביי אייך אַ ביליקע זאַך.

— אַ גאַנץ ביליקע זאַך, — האָט ברוך געענטפֿערט. — און אומעטום, וואו מיר ווילן האָבן אַ גרעסערע ריינקייט; וואו מיר ווילן אַ מעטאַל, וואָס זשאַווערט ניט, באַנוצן מיר גאָלד. דאָס גאַנצע טרינק־וואַסער אונזערע געהט אָדער דורך גאָלדענע רערן, אָדער דורך אייזערנע רערן וואָס זיינען אינווייניג באַדעקט מיט אַ דיקן שיכט גאָלד. און איצטער קומט. עס איז שוין ניט פֿריִה.

האָט ברוך פֿאַרענדיגט און זיך ניט אויפֿגעהויבן פֿון אָרט.

— קומט, — האָט האָפֿמאַן געזאָגט און זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט.

— וויפֿיעל קומט אייך? — האָט ברוך אַ פֿרעג געטאָן.

— וואָס מיינט איהר, וויפֿיעל מיר קומט? איהר זענט מיר גאָרניט שולדיג — האָט זיך האָפֿמאַן פֿאַרוואונדערט.

— ענטשולדיגט, דאָס רעד איך ניט צו אייך, נאָר צו דער קיך, — האָט ברוך געענטפֿערט מיט אַ שמייכעל.

— הערט מען דאָרטן, וואָס איהר רעדט דאָ?

— יאָ.

— האָבן זיי די גאַנצע צייט געהערט, וואָס מיר האָבן דאָ גערעדט?

— אָה, ניין. ווען איך האָב זיי געפֿרעגט וויפֿיעל עס קומט, האָב איך אַנגעדריקט אָט דעם קנעפּעל, בין איך מיט דער קיך געוואָרן טעלעפֿאָניש פֿאַרבונדען.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דאָס טירעל אין וואַנט ביים טישעל ווידער פֿאַנאַנדערגערוקט, און פֿון דער עפֿענונג האָט זיך אַרויס־גערוקט אַ קליין גאָלדען טעצעל מיט אַ צעטעל. ברוך האָט פֿריִהער אַ קוק געטאָן אויפֿ'ן חשבון פֿון צעטעל, דערנאָך האָט ער אויפֿ'ן

זעלבען טעצעל ארויפגעלייגט עפעס א פאפירעל, וואס האט אויס־
געזעהן ניט גרעסער, ווי א פאסטמארקע; האט דאס טעצעל מיט׳ן
חשבון און מיט׳ן געלט צוריק אריינגערוקט אין עפענונג אין וואנט.
דאס טירעל האט זיך פאררוקט, און דאס טעצעל איז פארשוואונדען.

— און איצטער קומט, — האט ברוך געזאגט און זיך אויפ־
געהויבען פון ארט.

— נו, און איך? איך דארף דאך אויך באצאהלען.

— היינטיגס מאל האב איך פאר אייך אויך באצאהלט, —
האט ברוך געזאגט. — אהיר זענט געווען מיין גאסט.

זיי האבען פארלאזען דעם רעסטאראן און זיינען ארויס אין
קארידאר.

16

— וואוהין געהען מיר איצטער? — האט האפמאן געפרעגט,
ווען זיי זיינען ארויס אין קארידאר.

— אויב איהר ווילט וועלען מיר זיך דורכפאהרען קיין רישא־
נאווע, וועט איהר זעהן אונזערע אייזענבאהנען, — האט ברוך
פארגעשלאגען.

— וויפיעל קאסט א בילעט צו פאהרען קיין רישאנאווע?

— עס קאסט גארניט — האט ברוך געענטפערט. — אלע מיט־
לען פון פארקעהר באלאנגען צו דער רעגירונג און זיינען פריי פאר
דער באפעלקערונג.

— וואו זשע נעהמט די רעגירונג אזוי פיעל געלט אויסצוהאל־
טען אזא קאמפליצירטען סיסטעם פון פארקעהר?

— פאר די וואוינונגען וואס יעדער פון אונז האלט אויף, צאה־
לען מיר געננג דירה־געלט, אז עס זאל דעקען אלע רעגירונגס־אויס־
גאבען, ווי שולען, האספיטאלען, מוזעאומס, מיטלען פון פארקעהר
און די אלע אנדערע זאכען.

— און וואו איז די נאהענטסטע סטאנציע?

— אין יעדען הויז איז פאראן אן אייזענבאהן סטאנציע.

זיי זיינען צוגעגאנגען צו אן עלעווייטאר טיר און ברוך האט
א דריק געטאן דאס קנעפעל; און ווען אן עלעווייטאר איז אנגע־
קומען, האבען זיי זיך אראפגעלאזען אונטען און זיינען ארויס אין
א קארידאר. אבער דא איז געווען אנדערש. מענשען זיינען ארומ־

געגאַנגען מיט פּעקלאַך אין די הענט. ערגעץ אונטען און פון דער־ווייטענס האָבען זיך געזעהן פּלאַטפאָרמעס מיט מענשען. צווישען די פּלאַטפאָרמעס האָבען געגלאַנצט שטאָלענע רעלסען, און דאָ און דאָרטען האָט מען געזעהן לאַנגע וואַגאָנעס. עס האָט געשמעקט מיט וואקזאל.

ברוך מיט האָפמאַנ'ען זיינען געגאַנגען איבער אַ לאַנגען ברי־קעל, און אונטער'ן בריקעל האָבען זיך געצויגען די פּלאַטפאָרמעס מיט שטאָלענע רעלסען צווישען זיי. פון בריקעל האָבען זיך אראָפּ־געלאָזען טרעפּ אויף יעדער פּלאַטפאָרמע, און ביים אָנפאַנג פון די טרעפּ זיינען געווען שילדען, וואָס האָבען אנגעוויזען וואוהין אַ צוג געהט פון אָט דער פּלאַטפאָרמע. און דאָרטען, וואו ביים אָנ־פאַנג פון די טרעפּ איז געווען אַ שילד מיט'ן וואָרט „רישאנאווע“, האָבען זיי זיך אראָפּגעלאָזען און זיך געשטעלט ווארטען אויף אַ צוג.

האָפמאַן איז צוגעגאַנגען צום סאַמע ברעג פון פּלאַטפאָרם און אַ קוק געטאָן אויף רעכטס און אויף לינקס. און געזעהן האָט ער ווי די רעלסען ציהען זיך אַוועק אויף עטליכע הונדערט פוס, און פלוצים ווערען זיי פארשטעלט פון אַ גרויסען שטאָלענעם קיילעכ־דיגען טויער, ווי די טיר פון אַ קאַסע אין אַ באַנק. אזוי איז גע־ווען אויף דער רעכטער זייט און אזוי איז געווען אויף דער לינ־קער זייט.

— וואָס זיינען דאָס פאַר אַ טויערן? — האָט האָפמאַן גע־פרעגט ביי ברוך'ן.

— דאָס איז דער אנפאַנג פון טונעל.

— אָה, דער צוג לויפט דורך אַ טונעל?

— נו, זיכער, — האָט ברוך געענטפערט. — אין פרייער לופט וואָלט אַ צוג ניט געקענט ענטוויקלען אַ שנעלקייט פון אַ פינף הונדערט מייל אַ שעה. די לופט וואָלט ניט געלאָזען.

— און אין טונעל?

— פון דעם טונעל איז די לופט ארויסגעצויגען געוואָרען, — האָט ברוך געענטפערט. — דער צוג לויפט דורך אַ ליידיגקייט. דערפאַר זיינען דאָ די טויערן. זיי לאָזען ניט אריין קיין לופט אין טונעל.

— אָבער ווען דער צוג דאַרף אריינגעהן, אָדער ארויסגעהן, מוז מען דאָך דעם טויער עפענען, קען דאָך אריין די לופט, — האָט האָפ־

מאַן באַמערקט.

— דער צוג גערט פריהער אריין אין אַ פּאַדערציםער, — האָט ברוך ערקלערט. — פריהער עפּענט מען דעם ערשטען טויער, און ווען דער צוג געהט אריין אין דעם פּאַדערצימער, פאַרמאַכט זיך דער ערשטער טויער און עס עפּענט זיך דער צווייטער טויער. אַ ביסעל לופט קומט דאָך אריין, אָבער פּאָמפּען ארבייטען שטענ-דיג און ציהען ארויס די לופט.

— פון וויפיעל וואַגאָנעס באַשטעהט אַ צוג?

— פון איין וואַגאָן.

— איך וואָלט געוועז אַ בעלן צו זעהן די רעדע, וואָס קענען פיהרען אַ וואַגאָן מיט דער שנעלקייט פון פינף הונדערט מייל אַ שעה.

— די וואַגאָנעס האָבען ניט קיין רעדער, — האָט ברוך געענט-פערט. — זיי גליטשען זיך מיט גליטשערס איבער די רעלסען.

— און מיט וואָס פאר אַ קראַפט באַוועגט זיך אַזאַ וואַגאָן? מיט עלעקטריציטעט, פאַרשטעהט זיך?

— ניין, ניט מיט עלעקטריציטעט, נאָר מיט מאַגנעטיזם, — האָט ברוך געענטפערט. — איבער דער גאַנצער לענג פון טונעל זיי-נען אָנגעשטעלט גרויסע עלעקטרא-מאַגנעטישע רינגען, און דער וואַגאָן לויפט דורך אָט די רינגען. פריהער ציהען דעם וואַגאָן די ערשטע דריי רינגען. ווען דער וואַגאָן קומט צום ערשטען רינג-מאַגנעט, פאַרלירט ער זיין מאַגנעטיזם, און דער פערטער רינג ווערט מאַגנעטיזירט. ציהען איהם צו זיך ווידער דריי רינגען. ווען דער וואַגאָן קומט צו צום צווייטען רינג, פאַרלירט ער זיין מאַגנעטיזם, און דער פינפטער רינג ווערט מאַגנעטיזירט, און אַזוי איבער דעם גאַנצען וועג האַלטען איהם אין ציהען צו זיך דריי מאַגנעטישע רינ-גען, און דער וואַגאָן פליהט פאָראויס.

— אָבער ווען אַזאַ שווערער וואַגאָן רייבט זיך מיט זיינע גלי-טשערס איבער די רעלסען מיט אַזאַ גרויסער שנעלקייט, מוזען זיך דאָך די גליטשערס אָנגליהען פון רייבונג? — האָט האָפמאַן ניט פאַרשטאַנען.

— ערשטענס, זיינען די וואַגאָנעס ניט אַזוי שווער, ווי עס דאַכט זיך, ווייל זיי זיינען אויך באַזאָרגט מיט שוואַכע אַנטי-גראַוויטאַ-ציע מאַגנעטען, וואָס מאַכען זיי באַדייטענד לייכטער. און, צוויי-

טענס, איז אין פֿאַרענט פֿון יעדען גליטשער פֿאַראַן אַן איינריכ-טונג, דורך וועלכען אַ דינער שטראַם וואַסער גיסט זיך אויף די רעלסען, אַזוי, אַז צווישען די גליטשערס און די רעלסען איז שטענ-דיג פֿאַראַן אַ זעהר דינער שיכט פֿון וואַסער, און דאַס העלפֿט די גליטשערס צו גליטשען זיך. אַנדערש וואָלטען זיי זיך אַן די שטאַ-לענע רעלסען גאַרניט געקענט גליטשען.

אין דעם מאָמענט איז לעבען האָפּמאַנ'ען פּלוצים אויסגעוואַק-סען אַ וואַגאָן. אַנגעקומען איז דער וואַגאָן אַזוי שטיל און אַזוי אומערוואַרטעט, אַז האָפּמאַן האָט זיך איבערגעשראָקען.

געווען איז דער וואַגאָן אַ לאַנגער און אַ מאַסיווער מיט האַלב קײַלעכדיגע ווענט און מיט האַלב קײַלעכדיגע פֿענסטער. דורך די פֿענסטער האָט מען געזעהן די פּאַסאַזשירען. די טירען פֿון דעם וואַגאָן האָבען זיך געעפֿענט, און די פּאַסאַזשירען האָבען אָנ-געהויבען אַרויסגעהן; און ווען דער לעצטער פּאַסאַזשיר איז אַרויסגעגאַנגען, האָבען אַנדערע פּאַסאַזשירען אָנגעהויבען אַרײַנגעהן.

ברוך מיט האָפּמאַנ'ען זײַנען אויך אַרײַן אינעווייניג און האָ-בען פֿאַרנומען צוויי פּלעצער איינער לעבען צווייטען אין דער פֿאָ-דערשטער רייה לעבען בײַדעל פֿון מאַשיניסט, וואָס האָט קאָנ-טראָלירט דעם וואַגאָן. די פּלעצער זײַנען געווען ווייכע, טיפֿע און באַקוועמע.

— און ווי איז ווען עס זײַנען פֿאַראַן מעהר פּאַסאַזשירען ווי פּלעצער? — האָט האָפּמאַן געפֿרעגט.

— וועלען זיי וואַרטען אויף דעם נעקסטען וואַגאָן. קיין אי-בעריגע פּאַסאַזשירען וועלען אַהער ניט אַרײַנגעהן.

האָפּמאַן האָט געזעהן ווי דער מאַשיניסט איז דורכגעגאַנגען דורך דעם וואַגאָן, האָט אַרויסגעקוקט דורך דער טיר און דערנאָך האָט ער אַ דרעה געטאָן אַ הענטעל, און די טירען פֿון וואַגאָן האָ-בען זיך פֿאַרמאַכט. דערנאָך איז דער מאַשיניסט אַרײַן אין זײַן בײַדעל און אָנגעהויבען דרעהען הענטלאַך. און דאַן האָט האָפּמאַן באַמערקט, ווי די פּלאַטפֿאָרמע מיט די מענשען, וואָס האָבען זיך אויף דער פּלאַטפֿאָרמע געפֿונען, האָבען זיך אָנגעהויבען רוקען אויף צוריק, און האָפּמאַן האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מען פֿאָהרט שוין. דורכ'ן פֿאָדערשטען פֿענסטער האָט האָפּמאַן געזעהן ווי פֿריהער האָט זיך געעפֿענט איין טויער, און דערנאָך אַ צווייטער.

אין וואגאָן איז געווען שטיל און רוהיג. עס האָט ניט גע־וואָרפען, ניט געטרייסעלט און מען האָט ניט געהערט קיין קרייצע־רייען אָדער בריאַזג פון מעטאַלען. מענשען זיינען געזעסען אויף זייערע ערטער און אָדער געלייענט צייטונגען, אָדער שטיל גע־שמועסט צווישען זיך. און ווען די קליינינקע לעמפּעלאַך אין טו־נעל וואָלטען ניט פאַרבייגעפינקעלט אזוי שנעל פאַרביי די פענ־סטער, וואָלט האָפמאַן געווען זיכער, אז מען שטעהט אויף אַן אָרט. אַ מינוט צעהן איז מען אַזוי געזעסען. פלוצים האָט ברוך אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו האָפמאַנ׳ען, האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם און געפרעגט:

— ווי שנעל, רעכענט איהר, באַוועגען מיר זיך איצטער?

— איך האָב ניט דעם קלענסטען באַגריף, — האָט האָפמאַן געענטפערט אַרומקוקענדיג זיך אין אַלע זייטען ווי ער זאָל זו־כען עטוואָס דורך וואָס ער זאָל קענען באַשטימען די שנעלקייט פון זייער באַוועגונג.

— איהר ווילט עפּעס זעהן? — האָט ברוך געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

— איך וויל אַלצדינג זעהן.

— ווי אַזוי רופט מען ביי אייך אַן אינסטרומענט, וואָס צייגט די שנעלקייט פון באַוועגונג פון אויטאָמאָבילען אָדער עראָפּלאַנען?

— איהר מיינט: „ספּידאָמעטער"?

— זאָל זיין „ספּידאָמעטער". אָבער איהר ווייסט דאָך וואָס דאָס איז אַזוינס? טאָ קומט אַהער.

ברוך האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט, צוגעפיהרט האָפ־מאַנ׳ען צום ביידעל פון מאַשיניסט און איהם אָנגעצייגט אויף אַן אינסטרומענט, וואָס האָט זיך געזעהן דורכ׳ן פענסטערל.

— איהר זעהט אָט יענעם אינסטרומענט, וואָס פון דער רעכ־טער זייט אין ווינקעל?

— יאָ איך זעה.

— דאָס איז אַ „ספּידאָמעטער", — האָט ברוך געזאָגט. — וואָס זעהט איהר דאָרטען?

— זיבען הונדערט און פופציג, — האָט האָפמאַן געענטפערט און ניט פאַרשטאַנען צו וואָס ברוך צילט.

— דאָס מיינט, אז דער וואַגאָן טראָגט זיך איצטער מיט דער

שנעלקייט פון זיבען הונדערט און פופציג קילאָמעטער אַ שעה, אָדער ארום פיער הונדערט און זעכציג מייל אַ שעה אויף אייער רעכע-נונג.

אין וואַגאָן איז געווען שטיל און רוהיג. קיין טרייסלונגען און קיין קריצערייען. איז האָפמאַן געשטאַנען, געקוקט דורכ'ן פענ-סטערל אויף יענעם אינסטרומענט איןביידעל פון מאַשיניסט און — ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך אַרום איהם . . .

אַ צעהן מינוט שפּעטער איז מען אנגעקומען אויף דער צוויי-טער סטאַנציע. דורכ'ן פענסטער האָט האָפמאַן געזעהן אַ פּלאַט-פאָרם מיט מענשען און מיט אַ שילד : „רישאַנאָווע".

די טירען האָבען זיך געעפענט. אַלע פּאַסאַזשירען זיינען ארויס-געגאַנגען פון וואַגאָן. ברוך מיט האָפמאַנ'ען זיינען אויך ארויס אויף דער פּלאַטפאָרם, האָבען זיך מיט די טרעפּ אויפגעהויבען אויף אַ בריקעל, וואָס האָט זיך געצויגען איבער אַלע פּלאַטפאָרמעס; זיינען פאַרגאַנגען ערגעץ אָן אַ זייט, האָבען גענומען אַן עלעווי-טאָר, האָבען זיך אויפגעהויבען עטליכע שטאָק הויך און זיינען ארויס אין גאַס.

.17

ווען ברוך מיט האָפמאַנ'ען זיינען ארויס אין גאַס, איז אין דרויסען שוין געווען נאַכט, אָבער פון די גרויסע באַלויכטענע פענס-טער פון די קראָמען, און פון די פילע אָפענע און פאַרבאָרגענע לאָמ-פען, וואָס זיינען אראָפּגעהאַנגען פון די ווענט און פון די הויכע הענגענדע בריקען, וואָס האָבען צווישען זיך פאַראייניגט די באַ-זונדערע געביידעס, איז דאָ געווען ליכטיג ווי בייטאָג, און די ליכט איז געווען אַ ווייכע, ניט קיין בלענדענדע.

די גאַס איז געווען זעהר אַ ברייטע, דירעקט ביי די ווענט פון די הייזער זיינען געווען ברייטע טראָטואַרען געדעקט מיט עפּעס אַ ווייכען שטאָף ווי גומי. איבער די טראָטואַרען איז געווען אַזוי וויידך און אנגענעהם צו געהן, ווי איבער אַ ווייכען טעפּיך, און אין מיטען גאַס איז געווען אַ ברייטער וועג פאַר אָטאָמאָבילען און אָמ-ניבוסען.

זיי האָבען ארומגעשפּאַצירט איבער דער גאַס, געשמועסט צוויי-שען זיך און זיך אָפּגעשטעלט ביי די גרויסע פענסטער פון די קראָ-

מען און געקוקט אויף די סחורות, וואָס זיינען דאָרטען געווען אויס־געשטעלט אין אַן אַרטיסטישער אָרדנונג. דערנאָך זיינען זיי צו־ריק אַריין אין דער געביידע, האָבען גענומען אַ צוג און זיינען אוועקגעפאָהרען צוריק קיין שלישאווע. דאָרטען זיינען זיי ווידער אַרויס אין גאַס און ווידער שפּאַצירט פאַרביי די העל־באַלויכטענע פענסטער פון קראָמען.

— וואָלט איהר געווען אַ בעלן זיך דורכצופאָהרען אין פּאַרק?

— האָט ברוך פּלוצים פאָרגעשלאָגען.

— אַזוי שפּעט? — האָט זיך האָפּמאַן פאַרוואונדערט.

— ביי אונז איז קיינמאָל ניט שפּעט, — האָט ברוך געענטפערט.

— באַוועגונג און טעטיגקייט געהט ביי אונז אַן אַלע פיער־און־צוואַנציג שעה פון מעת־לעת. און איצט איז ערשט אָנהויב אָוונד. אויב איהר זיינט ניט מיד און איהר ווילט ניט שלאָפען, וואָלטען מיר זיך דורכגעפאָהרען.

— מיט פאַרגעניגען, — האָט זיך האָפּמאַן אָנגעכאַפּט. — דערווייל וועל איך זיך אויסלערנען צו פאָהרען מיט אייערע אמני־בוסען, — האָט ער צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל.

זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט ביים ברעג טראָטואַר, צוגעוואַרט אַ פּאָר מינוט, און ווען אַן אמניבוס, וואָס איז געגאַנגען צום פּאַרק, איז פאַרבייגעפאָהרען, האָט איהם ברוך מיט אַ מאַך פון דער האַנט אָפּגעשטעלט. ברוך מיט האָפּמאַנען זיינען אַריין אינווע־ניג און מען איז געפאָהרען ווייטער.

דער ריזיגער, מאַסיווער צוויי־שטאָקיגער אָמניבוס האָט זיך ניט געוואָרפען, ניט געטרייסעלט, נאָר לייכט און אַנגענעם זיך גע־וויגט אויף זיינע אָנגעבלאָזענע גומענע שינעס ווי קישענס, און די עטליכע צעהנדליג פּאַסאַזשירען, וואָס האָבען זיך אין איהם גע־פונען, האָבען זיך לייכט געוויגט אין זייערע טיפע, ווייכע פּלעצער.

פריהער איז מען פאַרבייגעפאָרען פאַרביי צוויי רייהען געביי־דעס, מיט זייערע העל־באַלויכטענע טירען און פענסטער פון קראָ־מען צום גאַס; און דערנאָך איז מען אַרויסגעפאָהרען אין פעלד. דער ברייטער וועג אין פעלד איז געווען כמעט אַזוי ליכטיג, ווי אין דער שטאָט; אָבער באַלד נאָכ׳ן ליכטיגען פעלד, אויף רעכטס און אויף לינקס, איז געווען שוואַרץ און פינסטער.

ענדליך איז מען צוגעפאָהרען צום פּאַרק. אַ טייל פּאַסאַזשי־

רען זיינען דאָ אַראָפּ, און די איבעריגע זיינען מיט דעם אָמניבוס אוועקגעפאָהרען ווייטער, טיפער אין פּאַרק אַריין.

דער פּאַרק איז געווען אַ גאַנץ געוועהנליכער, ווי אַלע גרויס-שטאָטישע פּאַרקען: בוימער גרויסע און בוימער קלענערע, און צווישען זיי געפּלאַסטערטע וועגען און שמאָלע אַלעען, מיט בענק פון ביידע זייטען. דאָ און דאָרטען זיינען געווען ברייטע גרינע לאָנקעס צום שפּילען, אַ פּאָר דערוואַקסענע, אַ פּאָר קינדער; און דאָ און דאָרטען זיינען געווען בייטען מיט בלומען. מענער און פרויען, יונגע און מיטליעהריגע, האָבען אַרומגעשפּאַצירט, אָדער זיינען געזעסען אויף די בענק, — אַלץ אַזוי ווי אין אַלע גרויס-שטאָטישע פּאַרקען אין דער וועלט. און דאָך איז דאָ געווען עפּעס אַנדערש ווי אין אַלע אַנדערע פּאַרקען וואו האָפמאַן איז אַמאָל געווען, כאָטש ער וואָלט ניט געקענט אָנצייגען אין וואָס אָט די אַנדערשקייט דריקט זיך אויס. די לופט, די אַטמאָספערע, די שטימונג איז דאָ געווען אַן אַנדערע. די סילועטען פון די בוי-מער, די קליידער פון די שפּאַצירענדע, זייער גאַנג, זייער אויפ-פיהרונג און די קאָמבינאַציעס פון דער קינסטליכער ליכט — אַלץ איז דאָ געווען אַנדערש.

ברוך מיט האָפמאַנען האָבען אַרומגעשפּאַצירט איבער'ן פּאַרק ביז זיי זיינען געקומען צו אַן אָפענעם פּלאַץ, און דאָרטען האָט האָפמאַן דערזעהן אַזאַ בילד:

אין צענטער פון זעהר אַ ברייטער לאָנקע איז געווען אַ גרוי-סער קייילעכדיגער בייט פול מיט בלומען פון פאַרשידענע פאָרמען, קאָלירען און שאַטירונגען, אויסגעשטעלט אין אַן אַרטיסטישער אָרד-נונג. אין די בייטען מיט בלומען זיינען, אויף הויכע, דינע, אַר-טיסטיש-אויסגעאַרבייטע סלופּעס, געשטאַנען אַ צאָהל לאַמטערנעס. די לאַמטערנעס גופא זיינען געווען פון פאַרשידענע פאַנטאַסטישע פאָרמען, און די שייבלעך אין זיי זיינען געווען אי גרעסערע, אי קלענער; אין איינינגע פון זיי זיינען די שייבלאַך געווען אַזוי גרויס, ווי אַ ניין-צעהן אינטשעס לאַנג. דורך אָט די שייבלאַך מיט זייערע געשליפענע קאַנטען האָט זיך געגאָסען אַ רעגען פון קאָלירטע שטראַהלען, וואָס זיינען ווי אַ שעמערירענדער רעגענבויגען גע-פאַלען אויף די קאָלירטע בלומען. איינינגע לאַמטערנעס האָבען זיך נאָך געדרעהט אַרום זיך און געשאַפען אַ פאַנטאַסטישען שפּיל פון קאָלירען און פאַרבען.

האפמאן איז געשטאנען לעבען ברוכ'ן, האט ווי א פארצויבער־טער געקוקט אויף דעם קאלעידאסקאפ פון פארבען און געשמייכעלט.

— איהר ווייסט? אט די שייבלאך אין די לאמטערנעס זעהען אויס פונקט ווי זיי זאלען זיין געמאכט פון דימענטען, — האט ער זיך ענדליך אפגערופען צו ברוכ'ן.

— די שייבלאך זיינען טאקע געמאכט פון דימענטען, — האט ברוך רוהיג געענטפערט.

האפמאן האט אויסגעדרעהט דעם קאפ און א קוק געטאן אויף ברוכ'ן.

— וואס מיינט איהר: פון דימענטען? ווי אזוי קען מען עס מאכען שייבלאך פון דימענטען? און וואו נעמט איהר אזעלכע ריזיגע דימענטען?

— מען מאכט זיי אין אונזערע לאבאראטאריעס.

— הייסט עס, אז דאס זיינען ניט קיין נאטירליכע דימענטען? דאס זיינען א מין קינסטליכע דימענטען?

— קינסטליכע, אין דעם זין, וואס זיי ווערען געמאכט אין לאבאראטאריעס, — האט ברוך געענטפערט. — אבער די דימענ־טען גופא זיינען עכטע, פון ריינעם וואסער.

האפמאן האט געשוויגען.

— איצטער בלייבט, אז איהר זאלט זאגען, אז ביי אונז האט מען שוין אויך געמאכט קינסטליכע דימענטען אין לאבאראטאריעס, האט האפמאן א זאג געטאן.

— נו, זיכער האט מען ביי אייך אויך געמאכט דימענטען אין לאבאראטאריעס, — האט ברוך געענטפערט. — דער ערשטער וואס האט ביי אייך געמאכט קינסטליכע דימענטען אין א לאבאראטאריע, איז געווען פראפעסאר הענרי מואסאן אין פאריז, אין יאהר 1893. זיינע דימענטען זיינען געווען זעהר קליינינקע און פאר פראקטישע צוועקען האבען זיי ניט געטויגט, אבער דימענטען זיינען דאס גע־ווען עכטע . . . — ענטשולדיגט פאר א מינוט . . .

ברוך איז פלוצים אפגעגאנגען א פאר טריט אן א זייט און האט אנגעהויבען אפשרויפען דאס קעפעל פון שטעקען, וועלכען ער האט די גאנצע צייט געטראגען מיט זיך. האפמאן האט בא־מערקט, אז דאס קעפעל איז געווען פארבונדען מיט'ן שטעקען דורך א דינעם זיידענעם פאדים. ברוך האט דאס קעפעל פון שטעקען

צוגעלייגט צום אויער, און דעם אָנהויב פון שטעקען, וואו ער האָט דאָס קעפּעל אָפּגעשרויפט, האָט ער צוגעלייגט צום מויל און אָנגעהויבען רעדען:

— יאָ, דאָס איז ברוך . . . אין שלישאווע פּארק . . . איך שפּאציר דאָ ארום מיט דעם גאסט פון אמעריקע . . . דו ווייסט . . נאָך וואָס דארפסטו מיך ? . . גוט, איך וועל זעהן . . . אזוי גיך, ווי איך וועל קענען . . . ארום א שעה . . . א גוטען . . .

און האָט צוריק פארדרעהט דאָס קעפּעל אין שטעקען אריין.

— וואָס אזי דאָס ? א טעלעפאָן אזא ? — האָט האָפמאן געפרעגט.

— יאָ, א גאַנץ געוועהנליכער טעלעפאָן.

— מאָלט אייך, אז דער טעלעפאָן איז ניט אזא געוועהנליכער. ביי אונז זיינען אזעלכע ניטאָ.

— איז ניט אזעלכע, אָבער טעלעפאָנען זיינען דאָך ביי אייך פאראן. וועט איהר זיך אמווייניגסטען ניט וואונדערען וואָס איך שטעה אין שלישאווע פּארק און רעד מיט מיין מוטער אין רישאנאווע.

— דאָס מוז הפּנים ארבייטען דורך ראַדיאָ ? — האָט האָפמאן געפרעגט, קוקענדיג אויף דעם שטעקען.

— יאָ, דורך ראַדיאָ.

— ווי אזוי זשע האָט איהר געוואוסט, אז מען רופט אייך ? אז מען וויל צו אייך רעדען ?

— איך האַלט דאָס קעפּעל פון שטעקען אין האַנט; און ווען מען רופט מיך, הויבט עס אָן קיצלען אין האַנט.

— אָבער בשעת אייער מוטער האָט צו אייך גערעדט, האָבען דאָך א סך אנדערע טעלעפאָנען געקענט אויפנעמען די קלאַנגען.

— ניין. ווען מיין מוטער האָט מיך געוואָלט אָפּרופען, האָט זי אָנגעשטעלט איהר טעלעפאָן אויף מיין נומער און אויף דער „כוואַליע-לענג“, אויף וועלכען מיין שטעקען-טעלעפאָן איז אנגעשטעלט. אַלע אנדערע טעלעפאָנען זיינען אנגעשטעלט אויף אנדערע „כוואַליע-לענג“. עס איז ווי ביי אייך. ווען איהר ווילט הערען א רעדע אָדער מוזיק דורך ראַדיאָ, שטעלט איהר אָן אייער מאַשין אויף דער „ראַדיאָ-לענג“ פון יענער סטאַנציע, וועלכע איהר ווילט הערען. און ווען איהר ווילט הערען אַן אנדער סטאַנציע —

גיט איהר אַ דרעה אַ הענטעל און איהר שטעלט אַן אייער מאַשין אויף דער „כוואַליע-לענג“ פון דער צווייטער סטאַנציע.

— און ווען איהר ווילט עמיצען אָפּרופען?

— איהר זעהט אַט די רינגעלאך? — האָט ברוך אנגעצייגט אויף געוויסע רינגעלאך אויף זיין שטעקען, וועלכע האַפמאַן האָט געהאַט אָנגענומען אַלס אָרנאַמענטען. — דרעה איך די רינגעלאך אַזוי לאַנג, ביז איך שטעל זיי אַן אויפ'ן נומער פון יענעם טעלע-פאָן, מיט וועלכען איך וויל זיך פאַרבינדען, און איך רעד. און דערנאָך גיב איך אַ דרעה אָט דאָס רינגעל, און מיין טעלעפאָן איז ווידער אָנגעשטעלט אויף מיין אייגענער „כוואַליע-לענג“.

— זעהר אַ טשיקאַווע זאַך, — האָט האַפמאַן געזאָגט, קוקענ-דיג אויף דעם שטעקען. — איך וואָלט געווען אַ בעלן אויסצופּרובי-רען אייער שטעקען.

— איהר ווילט עמיצען אָפּרופען? מיט'ן גרעסטען פאַרגעני-גען, — האָט ברוך געענטפערט, — מיט וועמען ווילט איהר רעדען?

— איך ווייס אַליין ניט, — האָט האַפמאַן געענטפערט.

— וועמען קענט איהר?

— כמעט קיינעם נים. חוץ סיידען ר' שלום'ען.

— זיין נומער ווייסט איהר דאָך, טאָ רופט איהם אָפּ, — האָט ברוך געזאָגט און איהם דערלאַנגט דעם שטעקען.

האַפמאַן האָט גענומען דעם שטעקען אין איין האַנט, און מיט די פינגער פון דער צווייטער האַנט האָט ער אָנגעהויבען דרעהען די רינגעלאך, ווי ברוך האָט איהם אנגעצייגט, ביז ער האָט אָנ-געשטעלט אויף שלום'ס נומער. דערנאָך האָט ער אָפּגעשרויפט דאָס קעפּעל און צוגעלייגט צום אויער, און דעם אָנהויב פון שטעקען צו-געלייגט צום מויל. אין דעם מאָמענט האָט ער דערפיהלט אַ לייכ-טען קיצעל אין האַנט.

— שלום בר' יצחק'ס טעלעפאָן, ווער רעדט?

דאָס זיינען געווען די ווערטער, וואָס האַפמאַן האָט דערהערט פונ'ם קעפּעל פון שטעקען. דער קול איז געווען שוואַך, אָבער די ווערטער קלאָר און דייטליך.

— דאָס בין איך, האַפמאַן, — האָט האַפמאַן געענטפערט אריינ-רעדענדיג אין שטעקען אַריין. — וואָס מאַכט איהר, ר' שלום?

— איך בין נישטאָ אין דערהיים, איך וועל זיין צוריק מאָר-

גען אכט דרייסיג, — האָט געענטפערט דאָס קול אין קעפּעל פון שטעקען.

— וואָס הייסט, איהר זענט ניטאָ אין דערהיים? — האָט זיך האָפּמאַן געוואונדערט, — אָט רעדט איהר דאָך צו מיר?

— איך בין נישטאָ אין דערהיים. איך וועל זיין צוריק מאָרגען אכט דרייסיג, — האָט דאָס קעפּעל פונ'ם שטעקען ווידערהאָלט דעם פריהערדיגען ענטפער.

— איך פאַרשטעה אייך ניט, ר' שלום, — האָט האָפּמאַן אריינ־גערעדט אין שטעקען אריין מיט אַן ערנסט-באַליידיגטען טאָן, — וואָס איז דאָס: איהר מאַכט חוזק פון מיר?

— איך בין נישטאָ אין דערהיים. איך וועל זיין צוריק מאָר־גען אכט דרייסיג, — האָט דאָס קעפּעל פון שטעקען נאָך אַמאָל ווידערהאָלט דיזעלבע פראַזע.

האָפּמאַן איז שוין גרייט געווען אויסצודריקען זיין פּראָטעסט אויף אַ שאַרפערען אופן, ווען ברוך האָט זיך פּלוצים צעלאַכט.

— וואַרט אויס, וואַרט אויס אַ ווייל, — האָט ער אָנגעהויבען מאַכען צו האָפּמאַנ'ען מיט די הענט. — זאָגט איהם, אַז דאָס איז נאָר אַ פּראָבע, און אַז עס איז ניט נויטיג, אַז ער זאָל אייך רופען צוריק.

אָבער דאָס האָט שוין האָפּמאַנ'ען אינגאַנצען צעטומעלט.

— וואָס מיינט עס? — האָט ער אַ פרעג געטאָן קוקענדיג שטרענג אויף ברוכ'ן און אַראָפּגעלאָזען דעם שטעקען און זיין קע־פּעל פון מויל און פון אויער. — וואָס באַדייט דאָס?

אָבער ברוך האָט נאָך אַלץ געלאַכט.

— איך וועל אייך באַלד ערקלערען וואָס דאָס מיינט, — האָט ער געזאָגט אויסשטרעקענדיג זיינע הענט נאָכ'ן שטעקען און נאָכ'ן קעפּעל, וואָס איז פון דעם שטעקען נאָכגעהאַנגען אויף אַ זיידענעם פאָדעם. — זייט אַזוי גוט, גיט מיר דעם שטעקען.

ברוך האָט צוגעלייגט דעם שטעקען צום מויל און דאָס קעפּעל צום אויער און האָט אָנגעהויבען אריינרעדען:

— ר' שלום, דאָס רעדט ברוך בן זרח. דער געשפּרעך איז אַ פּראָבע. איך בין מיט ר' שמואל'ן אין פּאַרק, און ער האָט גע־וואָלט פּאַרזוכען דעם טעם פון רעדען צו אייך אויף אונזער'ן אַ טעלעפאָן. דאָס אַלץ. עס איז ניט נויטיג אַז איהר זאָלט איהם רופען צוריק.

— הכלל, וואָס באַדייט די גאַנצע געשיכטע? — האָט האָפ־מאַן אומגעדולדיג אַ פרעג געטאָן, ווען ברוך האָט אָנגעהויבען איינשרייבען דאָס קעפּעל אין דעם שטעקען.

— ווען איהר האָט אָנגעהויבען רעדען אויפ'ן טעלעפאָן, האָט מען אייך געענטפערט: „איך בין אין דערהיים נישטאָ"? — האָט ברוך געענטפערט מיט אַ פראַגע.

— יאָ, — האָט האָפמאַן געענטפערט.

— דאָס האָט איהר גערעדט ניט מיט ר' שלומ'ען, נאָר מיט אַ פאָנאָגראַף.

— וואָס מיינט עס?

— יעדער טעלעפאָן האָט ביי אונז אַ פאָנאָגראַפישע איינריכ־טונג, — האָט ברוך ערקלערט, — ווען מ'געהט אַוועק פון דער היים, זאָגט מען אריין אין דעם פאָנאָגראַף: „איך בין אין דערהיים נישטאָ און וועל זיין צוריק דעמאָלט און דעמאָלט". אָדער „רופט מיך אָפּ אַהין און אַהין". און ווען עמיצער רופט אָפּ, הערט ער ווי דער פאָנאָגראַף גיט אָט דעם ענטפער, אין דערזעלבער צייט פרעגט דער טעלעפאָן: „ווער רעדט"? און יענער גיט אָן זיין נאָמען. און ווען מען קומט צוריק, זאָגט דער פאָנאָגראַף, ווער עס האָט אָפּגערופען.

— אַבי איך האָב געמיינט . . . — האָט האָפמאַן אַ זאָג גע־טאָן אַ ביסעל פאַרשעמט.

— איך שטעל זיך פאָר, אַז איהר האָט זיך געדאַרפט פיהלען באַליידיגט, — האָט איהם ברוך גענומען באַרוהיגען, — אָבער איהר מוזט מיר איצט ענטשולדיגען. מיין מוטער רופט מיך. זי דאַרף מיר האָבען און איך מוז געהן אַהיים. ווילט איהר זיך אומ־קערען צוריק מיט מיר?

— אויב איהר דענקט, אַז איך וועל קענען געפינען אַליין דעם וועג צוריק, וואָלט איך בעסער געוואָלט נאָך פאַרבלייבען דאָ אַ שטיקעל צייט.

— דעם וועג צוריק צו געפינען איז זעהר גרינג, — האָט ברוך געענטפערט, — וואו איהר זאָלט ניט זיין אין פּאַרק, וועט איהר געפינען שילדען, וואָס וועלען אייך אָנצייגען די ריכטונג צום גרויסען וועג. און ווען איהר קומט צום גרויסען וועג נעמט איהר אַן אָמניבוס און איהר פאָהרט צוריק אין שטאָדט אריין, און דאָרט

וועט איהר דאָך שוין וויסען ווי אַזוי זיך אָריענטירען.

— אָה, זיכער, זיכער.

מאָרגען פריה וועל איך ווידער קומען צו אייך, — האָט ברוך געזאָגט, — און וועל אייך ציינען נאָך זאַכען.

— איך וועל אייך זאָגען, ר׳ ברוך, — האָט האָפמאַן געזאָגט, — איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר פאַר אייער פריינדליכקייט און פאַר אַלץ, וואָס איהר האָט פאַר מיר היינט געטאָן. אָבער איצט, ווען איך ווייס ווי אַזוי מען געהט ביי אייך און ווי מען פאָהרט ביי אייך, זעה איך ניט די נויטיגקייט צו וואָס איהר זאָלט זיך באַמיהען. איך רעכען, אַז איך וועל קענען אַליין געפינען מיין וועג. און טאָמער וועל איך זיין אין אַ פאַרלעגענהייט, וועל איך אייך אָפרופען און מיר וועלען זיך דורכשמועסען.

זיי האָבען זיך געזעגענט. האָפמאַן האָט ווידער שטאַרק געדאַנקט ברוכ׳ן פאַר זיין פריינדליכקייט, און ברוך האָט אַוועקגעשפּאַנט צום ברייטען וועג, כדי דאָרט צו נעמען דעם אָמניבוס און פאָהרען אַהיים.

18.

האָפמאַן איז געווען זעהר צופרידען, ווען ער איז געבליבען אַליין. די איינדרוקען פון טאָג זענען געווען צו־שאַרף פאַר איהם, און איהם האָט זיך געוואָלט פאַנאַנדערקלייבען זיך אין זיי, אַרומקוקען זיך און אָנהויבען טראַכטען וועגען פּלענער פאַר דער צוקונפט. און נאָך אַ זאַך: אַרום איהם האָט געשוועבט אַן אַטמאָספערע, וואָס האָט געוועקט ניט־קלאָרע עראינערונגען; אָבער דער מאַן, ברוך, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען מיט איהם און איהם געהאַלטען געשפּאַנט, האָט אָט די עראינערונגען ווי פאַרהאַלטען, ניט געלאָזט זיי אָנצונעמען די באַשטימטע פאָרמען, און געפיהלט האָט ער, אַז די עראינערונגען דאַרפען זיין זיסע; ער האָט אָבער פאַר זיין קיין צייט ניט געהאַט, און אין דער טיפעניש פון זיין נשמה האָט האָפמאַן געוואונשען, אַז ברוך זאָל איהם אָפּלאָזען און ניט שטערען זיינע געפיהלען. און איצט, ווען ער איז געבליבען אַליין, האָט ער זיך פאַרטיפט אין זיך.

דער פּאַרק, די ביימער און די אַלעען האָבען איהם דערמאָנט אָן אַן אַנדער פּאַרק און אַנדערע אַלעען, וואו ער פּלעגט אַרומשפּאַ-

צירען געארעמט מיט לאה'ען ביז שפעט אין דער נאכט; און א בענקשאפט האט איהם ארומגעכאפט. אך, ווי גליקליך ער וואלט איצט געווען, ווען ער וואלט געהאט לאה'ן לעבען זיך! ער וואלט זי גענומען אונטער'ן ארעם און וואלט מיט איהר אזוי ארומגעשפאצירט לאנג, לאנג אין דער נאכט אריין. זיי וואלטען אזוי ארומגעשפאצירט געארעמט, צוגעדריקט א זייט צו א זייט און וואלטען גערעדט און גערעדט . . .

האפמאן האט זיך דערפיהלט זעהר איינזאם און ער האט געבענקט. וואס טוט איצט לאה? טראכט זי ווענען איהם? אפשר... אפשר שפאצירט זי דארט איצט ארום מיט אן אנדערען? קען דאס זיין? . . . ניין, ניין! לאה איז ניט אזא. ער האט זיך דערמאנט איהר פנים. ער זעהט זי איצט ,ווי זי זאל שטעהן פאר זיינע אויגען. דער פנים איהרער איז אזא אפענער, אזא קלארער, אזא באשטימטער. אזא פנים קען ניט זיין פאלש . . . פאלש? אבער זי איז דאך צו איהם מיט קיין זאך ניט פארפליכטעט. זי האט דאך אהים גארניט פארשפראכען, גארניט צוגעזאגט . . . יא, אבער ווען ער האט זי געקושט ביים שיידען זיך, האט זי ניט ארויסגעצייגט קיין אומצופרידענקייט . . .

פריהער האט איהם געהאט אנגעיאגט א מיידעל. אן איינזאם מיידעל. זי איז געגאנגען איינע אליין. זי איז פארבייגעגאנגען פארביי איהם און איז אוועק ווייטער. איהר פנים האט ער ניט געזעהן, אבער איהר פיגור, איר גאנג, האבען איהם אזוי דערמאנט אן לאה'ן; ער האט דערנאך געזעהן נאך מיידלאך, אי איינזאמע, אי צוזאמען מיט עמיצען, און אין יעדער פון זיי האט ער געזעהן לאה'ן . . .

און האפמאן האט געטראכט:

„אך, ווען עס פאסירט א נס. אט ווי ער געהט אזוי איינער אליין איבער דער אלעע, זאל איהם פלוצים לאה קומען אנטקעגען. אך, ווי גוט עס וואלט געווען, ווי גליקליך ער וואלט געווען!

דער נס האט אבער ניט פאסירט, און לאה איז ניט געקומען.

לאנג האט נאך האפמאן יענעם אווענט ארומגעשפאצירט איבער'ן פארק איינער אליין און געבענקט. ענדליך האט ער זיך פארקירעוועט אויף דעם גרויסען וועג, גענומען דעם אמניבוס און איז געקומען אין שטאדט אריין.

אָהן שווערינקייטען האָט ער געפונען דעם וועג צו זיין וואוינונג. ער איז אריין אין דעם פאָדער-צימער. אָט איז דאָס טישעל; אי-בער׳ן טישעל אַ שפּיגעל. דאָרט הענגען אַ פּאָר בילדער. אָט זענען די צוויי שטולען לעבען טישעל און אנטקעגען, ביי דער צווייטער זייט שטעהט די טיפע ווייכע קרעסלע. אַלץ ווי פריהער געווען, ווען ער האָט דעם צימער פאַרלאָזען. ער האָט געעפנט די טיר אין הויפּט צימער אריין, און אַ געדיכטע שוואַרצע פינסטערניש איז איהם געקומען אנטקעגען.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפ׳ן שוועל און אַ טראַכט געטאָן. אָבער פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט און מיט אַ שמייכעל אויסגע-רופען הויך אויפ׳ן קול: „יהי אור!“

און מיט אַמאָל איז געוואָרען ליכטיג.

האָפּמאַן האָט זיך אויסגעטאָן און זיך געלייגט שלאָפען און נישט פאַרגעסען צו זאָגען „יהי חושך“ איידער ער האָט זיך איינ-געדעקט מיט דער קאָלדרע . . .

---

ווען האָפּמאַן איז אויף מאָרגען פריה אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך דערפיהלט מערקווירדיג רוהיג. ער האָט דערפיהלט, אַז אַלע שווערינקייטען זענען שוין פאַראיבער און אַז איצט וועט מען איהם לאָזען צורוה און קיינער וועט איהם נים קומען באַלעסטיגען. ווען ער וויל — שטעהט ער אויף; ווען ער וויל — וועט ער עסען; ווען ער וויל, וועט ער טרינקען און וואוהין ער וויל, — וועט ער געהן. ער האָט זיך נים וואָס צו איילען. איצט קען ער זיך ארומקוקען רוהיג און געלאַסען.

און ווי ער זאָל וועלען זיך אַליין דערווייזען, אַז ער קען יע-דע זאַך ארומקוקען רוהיג, געלאַסען און נים געאיילט, האָט ער אָנגעהויבען ארומקוקען זיין אייגענעם צימער. אויף דער וואַנט לעבען טיר האָט ער דערזעהן עפּעס אַזעלכע אינסטרומענטען האַלב איינגעמויערט אין וואַנט. וואָס די אינסטרומענטען זיינען און אויף וואָס זיי טויגען, האָט ער נים געוואוסט; האָט ער באַשלאָסען, אַז ער וועט ביי אַ געלעגענהייט עמיצען פרעגען וועגען דעם.

דערנאָך איז ער אריין אין באָד-צימער. דאָ האָט ער אויך באַטראַכט אַלע איינצעלהייטען. ער האָט אויך אריינגעקוקט אין אַלמערל מיט פרישע וועש און קליידער. ער האָט גענומען אַ שטיק

פרישע וועש צוזוגרייטען אויף נאָכ'ן באָדען זיך און דערוויל עס באַטראַכט פון אַלע זייטען און אין אַלע ווינקעלעך. ביסלעכווייז האָט ער אנגעהויבען באַמערקען, אַז די אונטערהעמד, וואָס ער האַלט איצט אין האַנט, איז עפּעס אַנדערש פון די אונטערהעמדער, צו וועלכע ער איז געווען געוואוינט פון שטענדיג. פון אנהויב איז דער איינדרוק געווען אַן אַלגעמיינער. עס האָט זיך געפיהלט אַנדערש צווישען די פינגער ביים אַנטאַפּען. אָבער פּלוצים האָט ער זיך אַרומגעזעהן, אַז די העמד האָט ניט קיין זוימען. עס איז ערגעץ ניט געניים.

האָפּמאַן האָט אָנגעהויבען גענויער באַטראַכטען די העמד. אפשר זענען די צוגעשניטענע טיילען צוזאַמענגעקלעפּט צווישען זיך, צע-מענטירט? ער האָט אָבער ערגעץ ניט געפונען קיין סמנים, אַז עס זאָל זיין געקלעפּט..

מאָדנע. ווי אויסגעגאָסען פון איין שטיק.

און נאָך אַ זאַך האָט ער באַמערקט. די סחורה פון דער העמד איז ניט געווען געוועבט. אַזוי ווי פּאַפּיר. האָפּמאַן האָט אָנגענו-מען אַ ברעג און אנגעהויבען קראַצען מיט אַ נאָגעל. ער האָט גע-וואָלט אָפּטיילען באַזונדערע פעדימלאַך. אָבער וואָס ער האָט אָפּגעקראַצט, זיינען געווען ניט קיין פעדימלאַך נאָר איינצעלנע קליינינקע הערעלאַך. ווי ביי די ברעגען פון אַ שטיקעל פּאַפּיר. עס איז אבער געווען אַזוי שטאַרק, ווי באַוועל, און ווייך און אנ-גענעהם אין האַנט, ווי זייד.

מאָדנע.

האָפּמאַן האָט זיך אָבער צו גאָר ניט געקענט דערטראַכטען און באַשלאָסען, אַז וועגען דעם וועט ער זיך נאָכפרעגען ביי ברוכ'ן, ווען ער וועט איהם זעהן.

ניט געאיילט האָט ער זיך אַרומגעוואַשען, זיך אַרומגעגאָלט, זיך אָנגעטאָן און איז אַריין אין דעם דערבייאיגען רעסטאָראַן, די דריטע טיר פון זיין צימער. ער האָט שוין געוואוסט וואָס און ווי אַזוי מען דאַרף דאָ טאָן. ער האָט זיך געזעצט ביי אַ טישעל, ביי וועלכען קיינער איז ניט געזעסען, האָט גענומען אין האַנט דאָס מעניו-ביכעלע און עס באַטראַכט. דאָס רוב נעמען פון מאכלים זיינען געווען אומבאַקאַנטע, אָבער די נעמען פון די זאַכען, וועל-כע ער האָט איצטער געוואָלט האָבען, האָט ער געוואוסט. ברוך

האָט עס איהם נעכטען אויסגעלערענט. האָט ער אַ דריק געטאָן אַ קנעפּעל אין וואַנט לעבען טיש און אָנגעהויבען אויסרופען די מאכלים וואָס ער האָט געוואָלט האָבען. ער איז געזעסען ביים טי־שעל, אַריינגעקוקט אין מעניו־ביכעל און שטיל אויסגערופען די מאכלים, ווי ער זאָל רעדען צום טיש. אין אַ צוויי מינוט שפּע־טער האָט זיך אַ שטיק וואַנט לעבען טישעל אָפּגערוקט אָן אַ זייט, און פון דער עפענונג האָט זיך אַרויסגערוקט אַ גאָלדענער טאַץ מיט אַלץ וואָס ער האָט באַשטעלט. און ווען ער האָט אָפּגעגעסען, האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי דער וואַנט וויפיעל עס קומט, און ווען דער חשבון האָט זיך פון וואַנט אַרויסגערוקט אויף אַ גאָלדענער טע־לערל, האָט ער פון זיין ביכעלע אַרויסגעריסען אַזוי פיל מאַרקעס, וויפיעל מען דאַרף, האָט עס אַריינגעלייגט אין דעם טעלערל מיט'ן חשבון, עס אַריינגערוקט אין דער עפענונג אין וואַנט און פאַררוקט דאָס טירעל.

דערנאָך האָט ער פאַרלאָזען דעם רעסטאָראַן און איז אַוועק צו זיך אין צימער.

ער האָט געדאַרפט באַטראַכטען וואָס צו טאָן ווייטער און אויס־צואַרבייטען די פּלענער פאַר ווייטערער טעטיגקייט. ער האָט זיך אָבער צו קיין פּראַקטישען פּלאַן ניט געקאָנט דערטראַכטען. האָט ער ענדליך באַשלאָסען, אַז ער וועט אַרויס „אין דער וועלט", וועט קומען אין קאָנטאַקט מיט מענשען, וועט פאַרפיהרען פאַרשידענע זייטיגע געשפּרעכען, וועט שטעלען פאַרשידענע „נאַרישע" פראַ־געס — וואָס איהם וועט עס זיין פאַרצייהליך, ווייל ער איז אַ „מעברניק" — און וועט אפשר אויף אַזאַ אופן זיך אָנשטויסען אָן שפּורען פון בערגער'ן אָדער דאָס מיידעל וואָס האָט איהם אהער פאַרפיהרט.

און ווען ער איז געקומען צו אַזאַ באַשלוס, איז ער אַרויס פון זיין צימער און זיך אָנגעהויבען אַרומדרעהען איבער די קאָרי־דאָרען. ער האָט גענומען אַן עלעוויייטאָר און זיך אויפגעהויבען אין דער הויך, און דערנאָך גענומען אַ צווייטען עלעוויייטאָר און זיך אַראָפּגעלאָזען נידעריגער. דערנאָך האָט ער זיך פאַרקירעוועט צו אַ בריקעל און איז אַרויס אין אַ צווייטער הויז, און זיך דאָרטען אָנגעהויבען אַרומדרעהען איבער די קאָרידאָרען. דערנאָך איז ער אַריין אין דער דריטער און פערטער הויז און דאָרטען ווידער

ארומגעשפּאַצירט איבער די קאָרידאָרען אָהן אַ ציעל. און אין די קאָרידאָרען זיינען געווען טירען און טירען. אַ סך פון די טירען האָט האָפמאַן געקענט. ער האָט געוואוסט וועלכע טיר איז פון אַ פּריוואַטער וואוינונג, וועלכע טיר איז פון אַ רעגירונגס-אָפּטיילונג, וועלכע טיר איז פון אַן אַלגעמיינעם עלעוויטאַר און וועלכע טיר פיהרט צו דער אייזענבאַהן-סטאַנציע טיף אונטער דער ערד. און נאָך טירען האָט ער געקענט. ער האָט באַגעגענט טירען ניט קיין באַקאַנטע, האָט ער אויף זיי געקוקט מיט נייגעריגקייט און באַשלאָסען נאָכפּרעגען זיך װעגען זיי ביי אַ געלעגענהייט.

און אַרומדרעהענדיג זיך אַזוי איבער די לאַנגע קאָרידאָרען אָהן אַ ציעל און אָהן אַ צוועק, האָט ער ערגיץ דערזעהן איין טיר גאָר אַ מאָדנע. די אויבערשטע העלפט פון טיר איז געווען אַ גלעזערנע און מען האָט געקאַנט זעהן וואָס אינעווייניג טוט זיך. איז ער צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן. טשעפּען טאָר מען ניט, אָבער קוקען מעג מען דאָך.

דורך דער שויב פון טיר האָט ער געזעהן אַ קליין צימערל, ניט גרעסער ווי אַן אַלקערל, אין מיטען צימער האָט פון דיל אַרויסגעשטעקט אַ רעהר וואָס איז געווען אומגעפעהר אַזוי הויך, אַז עס זאָל דערגרייכען ביז'ן ברוסט פון אַ דורכשניטליכען מענשען. אין אין איין וואַנט איז געווען איינגעמויערט עפּעס אַ מין מאָדנער לאָמפּ, פון וועלכען אין צימערל איז געווען ליכטיג. אין דער צווייטער וואַנט אַנטקעגען דער ערשטער, איז אויך געווען איינגעמויערט עפּעס אַ מין לאָמפּ. אין צווייטען לאָמפּ האָט אויך עפּעס געשיינט, אָבער ניט גענוג, אַז עס זאָל מאַכען ליכטיג. מעהר איז דאָ גאָרנישט געווען אין צימערל.

וואָלטען אין דעם צימערל זיך געפונען עפּעס געהיימניספולע אַפּאַראַטען און אינסטרומענטען, וואָלט האָפמאַן ניט געוואַגט עפענען די טיר און אריינגעהן אינעווייניג, ווייל ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער וועט דאָ עפּעס קאַליע מאַכען. אָבער אין אָט דעם צימערל איז דאָך גאָרנישט געווען; בלויז די צוויי לאָמפּען אין די צוויי ווענט און אַ פּשוט'ע רעהר וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון דיל. טאָ וואָס קאָן ער דאָ קאַליע מאַכען און וועמען קאָן עס שאַדען, אַז ער וועט אריינגעהן אינעווייניג? האָט ער געעפנט די טיר און איז אריין אינעווייניג.

אָבער אינווייניג איז טאַקע מעהר גאַרנישט געווען ווי די צוויי לאָמפּען אין די ווענט און די רעהר וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון דיל. האָט ער זיך דאָ אַ פּאָר מאָל אויסגעדרעהט אין אַט דעם צימערל, האָט נעהענטער באַטראַכט יעדען פון די לאָמפּען אין די ווענט, האָט באַטראַכט די מעטאַלענע רעהר און אפילו אַריינגעקוקט אין דער רעהר און האָט דאָרטען, אגב, גאַרנישט גע־זעהן. דערנאָך האָט ער פאַרריסען דעם קאָפּ און באַטראַכט די ווענט און דעם סופיט אָבער דאָ איז אויך גאַרנישט געווען וואָס צו זעהן.

האָט ער פאַרבראַכט אין דעם צימערל עטליכע מינוט, ווי אַ מענש וואָס האָט סאַי־ווי ניט וואָס צו טאָן, און זיך שוין געקלי־בען אַרויסצוגעהן, ווען אין שויב פון טיר האָבען זיך באַוויזען צוויי פּנים'ער. די מענשען צו וועמען די פּנים'ער האָבען באַלאַנגט, האָ־בען האַסטיג געעפענט די טיר און פאַרוואונדערט אָנגעקוקט האָפּ־מאַנ'ען. און באַלד איז הינטער זייערע רוקענס אויסגעוואַקסען אַ דריטע קאָפּ און באַלד נאָכדעם אַ פערטע קאָפּ.

לויט דער האַסטיגקייט מיט וועלכער אַט די פיער מענער זיי־נען דאָ ערשינען און לויט דעם אופן ווי זיי האָבען אויף איהם געקוקט, האָט האָפּמאַן פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ אָנגעמאַכט אַ צרה.

— ווער זייט איהר? — וואָס טוט איהר דאָ? — האָט דער ערשטער פון די מענער געפרעגט האָפּמאַנ'ען.

— אַט אַזוי זיך. איך האָב געוואָלט זעהן וואָס דאָ טוט זיך — האָט האָפּמאַן געענטפערט און געוואָלט די זאַך פאַרגלעטען מיט אַ שמייכעל.

— איהר האָט דאָך אָבער פאַרגאַסען אַ סקלאַד מיט סחורהן

— האָט דער זעלבער מאַן אויסגערופען. — קומט גיכער אַרויס!

— דאָס זייט איהר ר' שמואל פון אַמעריקע? — האָט אַ צווייטער פון די מענער איהם אַ פרעג געטאָן און איהם באַטראַכט מיט נייגעריגקייט, ווען אַלע זיינען אַרויס אין קאָרידאָר.

— יאָ, — האָט האָפּמאַן געענטפערט און זיך געפיהלט שול־דיג פאַר עפּעס אַ „טראָבעל" וואָס ער האָט דאָ אָנגעמאַכט.

— איהר האָט ניט געדאַרפט אַריינגעהן אין אַ טיר, וועגען וועלכער איהר זייט ניט איינגאַנצען זיכער — האָט דער ערשטער

מאַן מיט פאַרוואורף איהם געזאָגט. — איהר האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסען שאָדען!

האָפּמאַן האָט זיך איבערגעשראָקען.

— אָ, ענטשולדיגט! — האָט ער געזאָגט. — איך האָב דאָך אָבער ניט געוואוסט. איך וויל אייך פאַרזיכערען, אַז איך האָב קיין זאַך מיט די הענט ניט אָנגעריהרט.

— דאָ דאַרף מען ניט אָנריהרען — האָט דער ערשטער מאַן געזאָגט. — דער שאָטען פון אייער קערפּער איז גענוג צו פאַרפּלייצען אַ שטאָדט מיט וואַסער.

— איך וועל אייך ערקלערען — האָט זיך אָנגערופען דער צווייטער מאַן, וועלכער האָט אויסגעזעהן צו זיין וויינינגער אויפגעקרעגט און מעהר פריינדליך. — דאָס איז אַ פייער-אַפּאַראַט. אונטען, אין קעלער פון הויז, זיינען פאַראַן סקלאַדען מיט פאַרשידענע סחורות. ווען דאָרטען זאָל אויסברעכען אַ פייער, וועט דאָס ערשטע ביסעל רויך באַלד אריין אין אָט דעם צימערל דורך אָט דער רעהר. איהר זעהט דאָס לעמפּעל אין וואַנט פון דער לינקער זייט? דאָס איז אַ פאָטאָ-עלעקטרישע צעל. אַזוי לאַנג ווי דער לאָמפּ אין דער צווייטער זייט ברענט און וואַרפט ליכט אויף אָט דעם צעל, וועט זי האַלטען אַלע וואַסער-קראַנען געשלאָסען. אָבער ווען אַ פייער אין סקלאַד זאָל אויסברעכען, און דאָס ערשטע ביסעל רויך זאָל אנהויבען אַרויסקומען דורך אָט דער רעהר, וועט עס וואַרפען אַ שאָטען אויף דער פאָטאָ-עלעקטרישער צעל. דער עלעקטרישער שטראָם וועט זיך באַלד ענדערען, קראַנען אונטען וועלען זיך עפענען און וועלען פאַרגיסען די ברענענדע סחורה מיט וואַסער און פאַרלעשען דעם פייער. ווען איהר זיינט אַהער אריינגעקומען, האָט איר מיט אייער קערפּער פאַרשטעלט די ליכט פון לאָמפּ; אויף דער צעל איז געפאַלען אַ שאָטען, קראַנען אין קעלער האָבען זיך געעפנט, פאַרגאָסען דעם סקלאַד מיט וואַסער און קאַליע געמאַכט אַ סך סחורה.

פיער פּאָר אויגען האָבען נייגעריג און טיילווייז מיט פאַרוואורף געקוקט אויף האָפּמאַנ׳ען בשעת מען האָט איהם אָט די ערקלערונג געגעבען. און האָפּמאַן איז פאַר זיי געשטאַנען אַ פאַרשעהמטער און האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען.

— עס טוט מיר זעהר, זעהר לייד, — האָט ער געזאָגט. — איך וועל מוזען זיין פאָרזיכטיגער אויף ווייטער.

האָפמאַן האָט זיך געפיהלט זעהר ניט באַקוועם, האָט ער זיך אויסגעדרעהט פון זיי און איז אוועקגעגאַנגען איבער דער לענג פון קאָרידאָר. ער איז געגאַנגען שנעלער ווי געוועהנליך. איהם האָט זיך געוואָלט אַנטלויפען פון דעם אָרט וואו ער האָט אָנ-געמאכט אַ צרה און וואו מען האָט אויף איהם געקוקט אַזוי מאָד-נע. איהם האָט זיך שטארק געוואָלט אומקוקען זיך אויף אַ רגע צוריק און זעהן וואָס די פיער מענשען טוען דאָרטען. ער האָט אָבער ניט געוואגט. ער האָט נאָר געפיהלט ווי פיער פּאָר אויגען שטעכען איהם אין רוקען.

ווי נאָר ער איז דורכגעגאַנגען צום ווינקעל פון קאָרידאָר האָט ער זיך פאַרקירעוועט אָן אַ זייט און באַשלאָסען צו נעהמען דעם ערשטען, בעסטען עלעוויטאר און אַראָפּלאָזען זיך אין גאַס.

דער „ערשטער בעסטער" עלעוויטאר האָט אויף דער טיר געהאַט אַ קליינעם רויטען מגן-דוד'ל. האָפמאַן האָט צו דעם אָבער קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשאָנקען. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַנטלויפען פון אָט דעם קאָרידאָר. האָט ער אָנגעדריקט דאָס קנעפּעל און אָנגעהויבען וואַרטען אויף דעם עלעוויטאר.

לויט דעם נומער איבער דער טיר האָט עס אויסגעזעהן, אַז דער עלעוויטאר איז אויבען. ער האָט געזעהן ווי די נומערען האָ-בען זיך אָנגעהויבען בייטען, און קענטיג, אַז דער עלעוויטאר האָט זיך אַראָפּגעלאָזען נידעריגער צום שטאָק וואו האָפמאַן איז גע-שטאַנען און געוואַרט. אָבער אָט האָט זיך דער נומער אָפּגעשטעלט. דערנאָך זיך געהויבען, דערנאָך זיך אָפּגעשטעלט און דערנאָך זיך ווידער געהויבען. און האָפמאַן איז געשטאַנען און געוואַרט אויף דעם עלעוויטאר.

פּלוצים זיינען פון הינטער דעם ווינקעל פון קאָרידאָר ארויסגע-לאָפען די פריהערדיגע פיער מענער, און לויפענדיג צו האָפמאַנ'ען האָט איינער פון זיי געשריען:

— וואָס טוט איהר? וואָס טוט איהר? וואַרט! וואַרט!

פאַר די צוויי טעג וואָס האָפמאַן איז דאָ געווען אין לאַנד, האָט ער ניט געזעהן, אַז אימיצער זאָל דאָ לויפען, זאָל זיך דאָ איילען אָדער זאָל זיין אויפגערעגט. און דאָ האָט ער געזעהן ווי פיער מענ-

שען מיט אמאָל זיינען געווען גאַנץ קענטיג אויפגערעגט שוין דאָס צווייטע מאָל און זיינען געלאָפען צו איהם מיט אַלע כחות.

האָפמאַן האָט זיך איבערגעשראָקען און איז אַזש געוואָרען בלאַס. אין דער זעלבער צייט אָבער האָט איהם אַ מאָדנער גע־פיהל פון שטאָלץ אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. מילא פריהער האָט ער געעפנט אַן אומבאַקאַנטע טיר, איז עס געווען זיין שולד. אָבער איצטער האָט ער דאָך געדרוקט דאָס קנעפּעל פון אַן עלעוויי־טאַר־טיר. אָט האָט ער דאָך אַלע סימנים און אפילו די נומערען וואָס בייטען זיך ווען דער עלעוויי־טאַר הויבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ. און אויב ער האָט דאָך געדריקט אַ קנעפּעל פון אַ ניט־ריכ־טיגער טיר, איז עס שוין ניט זיין שולד. האָט מען איהם געזאָלט פריהער אָנצייגען דעם אונטערשיד פון איין עלעוויי־טאַר און אַ צווייטען.

און דער ערשטער מאַן וואָס איז צוגעלאָפען צו איהם האָט אויפגערעגט געזאָגט, — ניט געשריען, נאָר געזאָגט:

— פאַרוואָס האָט איהר געדריקט אָט דאָס קנעפּעל? איהר האָט געקאָנט אָנמאַכען דעם גרעסטען אומגליק.

— אָבער דאָס איז דאָך אַן עלעוויי־טאַר — האָט האָפמאַן שטרענג געענטפערט, ווייל איהם האָט פאַרדראָסען וואָס מען „שרייט” אויף איהם. — איך האָב זיך געוואָלט אַראָפּלאָזען אונ־טען.

— זעהט איהר דען ניט, אַז דאָ איז אַ רויטער מגן־דוד? — האָט דער זעלבער מאַן מיט פאַרדראָס געענטפערט. — דאָס איז דאָך אַן אַמבולאַנס עלעוויי־טאַר פון האָספּיטאַל. איהר האָט אָנגע־מאַכט אַ צוזאַמענשטויס פון עלעוויי־טאַרס און צוויי דאָקטוירים זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען. איהר האָט שיער געטויטעט אַ פּאַ־ציענט.

— אָבער דאָס האָב איך דאָך ניט געקאָנט וויסען! — האָט זיך האָפמאַן פאַרענטפערט. — מיר האָט עס קיינער ניט אָנגעצייגט.

אין דעם מאָמענט איז איינער פון די פיער מענער, וועלכער איז געשטאַנען גראַד פון הינטען, צוגעקומען נעהנטער און זיך אָפּ־גערופען צו האָפמאַנ׳ען:

— זייט אַזוי גוט און קומט מיט מיר.

און האָפמאַן איז מיט איהם ערגיץ אַוועק.

זיי זיינען געגאַנגען איבערין קאָרידאָר, דערנאָך פאַרקירעוועט אין אַ צווייטען קאָרידאָר אַ זייטיגען, און דערנאָך זיינען זיי אריין אין אַ דריטען קאָרידאָר און זיך אָפּגעשטעלט לעבען אַ טיר. דער מאַן האָט געעפנט די טיר און אריינגעפיהרט האָפּמאַנ׳ען אין אַ קליינעם פאָדערצימער. דאָרטען האָט דער מאַן געעפנט נאָך אַ טיר און דורכגעלאָזען האָפּמאַנ׳ען. האָפּמאַן איז אריין אין יענעם צי־מער און זיך ארומגעקוקט. דער צימער איז געווען ניט קיין גרוי־סער, אָבער אויך ניט קיין קליינער. דאָ איז געווען אַ בעטעל, אַ טישעל, אַ פּאָר שטולען, אַ קרעסלע און אַ טיר אין וואַש־צי־מער — אַלץ כמעט אזוי ווי אין האָפּמאַנ׳ס צימער, נאָר אביסעל קלענער און איינפאַכער. אָבער דאָ איז געווען עפּעס, וואָס ביי האָפּמאַנ׳ען אין צימער איז ניט געווען: דאָ זיינען געווען צוויי גרויסע פענסטער וואָס האָבען געפיהרט אין דרויסען.

האָפּמאַן האָט זיך אומגעקוקט אויף צוריק כדי צו הערען וואָס דער מאַן האָט איהם צו זאָגען, אָבער דער מאַן איז ניט געווען. ער איז קענטיג פאַרבליבען אין פאָדערצימער. האָט האָפּמאַן גע־ווארט אַ פּאָר מינוט און געוואָלט ארויסגעהן אין פאָדערצימער זעהן וואו דער מאַן איז אַהינגעקומען, אָבער די טיר פון צימער איז געווען געשלאָסען פון אויסענווייניג.

און דאַן האָט האָפּמאַן פארשטאַנען, אַז מען האָט איהם אהער פאַרנארט און ארעסטירט. און דאָס האָט איהם שרעקליך פאַר־דראָסען.

עס האָט איהם פאַרדראָסען וואָס מען האָט איהם ארעסטירט נאָכדעם ווי מען האָט איהם ערקלערט אלס גאַסט פון לאַנד און נעגעבען די פרייהייט פון לאַנד; און עס האָט איהם פאַרדראָסען דער אופן ווי אזוי מען האָט איהם אהער פאַרנארט. אויב ער איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכען און מען האָט איהם געדאַרפט ארעס־טירען, האָט מען עס דאָך געקאַנט טאָן אָפען. מען האָט דאָך איהם פשוט געקאַנט ערקלערען, אַז ער איז אונטער ארעסט פאַר אזא און אזא פאַרברעכען. צו וואָס־זשע האָט מען איהם געדאַרפט אהער פאַרנאַרען?

און ווייטער: אויב לויט זייערע געזעצען האָבען זיי איהם יאָ געדאַרפט ארעסטירען, האָבען זיי עס געדאַרפט טאָן דאָס ערשטע מאָל, ווען ער איז אריין אין אַ פרעמדער טיר. דאַן איז עס

ווירקליך געווען זיין שולד; מען טאָר ניט עפענען קיין פרעמדע טירען. אָבער דאָס צווייטע מאָל איז ׳עס דאָך ניט געווען זיין שולד. אויב עס איז דאָ אַן אונטערשייד צווישען איין עלעווייטאָר און אַ צווייטען, האָט מען עס איהם געדאַרפט פריהער זאָגען, און ניט וואַרטען ביז ער וועט אָנמאַכען אַן עקסידענט און דערנאָך איהם אַרעסטירען. און איבערהויפּט האָט איהם פאַרדראָסען וואָס מען האָט איהם אַזוי . . . אַזוי ניט דזשענטעלמעניש באַהאַנדעלט.

האָפּמאַן האָט אָנגעהויבען קלאַפּען מיט די קולאַקעס אין טיר, אָבער די קלעפּ זיינען געווען אַזעלכע טומפּע, אַז ער איז ניט געווען זיכער צי מען הערט די קלעפּ פון דער צווייטער זייט.

האָט ער אָפּגעלאָזען די טיר און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט. אונטער די פענסטער איז געווען אַ באַלקאָן אָדער טעראַסע, וואָס האָט זיך געצויגען אַרום דער גאַנצער הויז. דאָרט זיינען געוואַקסען בלומען און עס איז געווען אַ וועג פאַר פוסגעהער.

האָפּמאַן האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אויב ביי אָט די מענשען איז רעכט איהם צו אַרעסטירען אָהן אַ גענינגענדער אורזאַך און ניט ערקלערען איהם, אַז ער איז אונטער אַרעסט, האָט ער אַ פו-לע מאָראַלע רעכט צו עפענען דעם פענסטער און אַרויסגעהן אויף דער טעראַסע און פון דאָרטען אַראָפּלאָזען זיך אויף דער גאַס. און ווי נאָר ער וועט אַרוים אויף דער פרייהייט, וועט ער באַלד רופען שלומ׳ען און וועט ביי איהם פרעגען וואָס איז דאָס פאַר אַן אָרדנונג ביי זיי . . .

האָפּמאַן האָט ארומגעקוקט דעם פענסטער, אָבער דער פענסטער איז ניט געווען אַזאַ, וואָס זאָל זיך עפענען. די ראַם איז געווען פון עפּעס אַ מעטאַל מיט צוויי גרויסע שויבען אין יעדען פענסטער. און אַזוי ווי צו עפענען אַ פענסטער האָט ער קיין וועג ניט געפו-נען, האָט ער באַשלאָסען אויסצוברעכען אַ שויב און אַרויסגעהן אין דרויסען. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי די גרויסע שויב וועט צופאַלען אויף שטיקלאַך, ווי עס וועט זיך דערהערען אַ בריאַזג און אַ קלינגערייי פון אַ צובראָכענער שויב, ווי מענשען וועלען זיך צוזאַמענלויפען אויפ׳ן טומעל און ווי עס וועט ווערען אַ גאַנצער סקאַנדאַל. אָבער איהם אַרט עס ניט. אדרבא: זאָלען זיך מענ-שען צוזאַמענלויפען און זאָלען זיי זעהן ווי אַזוי מען האָט איהם באַהאַנדעלט. איהם אַרט עס ניט! . . .

האָפּמאַן האָט אָנגענומען אַ שטול און האָט מיט די פּיסלעך פון שטול אנגעהויבען קלאַפּען אין שויב. די שויב האָט זיך אָבער ניט צעבראָכען. דאָס האָט איהם נאָך מעהר אויפגערעגט. האָט ער אָנגעכאַפּט דעם שטול פאַר'ן רוקען, האָט איהם פאַנאַנדערגע־וויגט צוויי מאָל אין אַ קרייז אַרום דעם קאָפּ, און מיט די גאַנצע כחות זיינע אַ טראַסק געטאָן מיט דעם שטול אין שויב אַריין.

עס האָט זיך דערהערט אַ טומפּער קלאַפּ און אַ לייכטער קראַך.ביידע הינטערשטע פּיסלעך פון שטול האָבען זיך אָפּגע־בראָכען, אָבער די שויב אַליין איז געבליבען גאַנץ, אפילו קיין קראַץ ניט געטאָן.

האָפּמאַן האָט זיך איבערגעשראָקען. עס האָט אויסגעזעהן צו זיין איבערנאַטירליך. האָט ער אין שרעק אָנגעהויבען אָפּטרע־טען אויף צוריק און ניט אראָפּגענומען זיינע צושראָקענע אוי־גען פון אָט דער פאַר'כשופ'טער שויב. איהם האָט זיך געדאכט, אַז די שויב וועט באַלד עפענען אַ מויל און וועט לאַכען פון איהם שטשירענדיג מיט צוויי רייהען שרעקליכע ציינער. און אפשר וועט זי איהם נאָך אַרויסשטעקען אַ צונג . . .

האָפּמאַן איז געשטאַנען אין מיטען צימער און געקוקט אויף דער שויב מיט פינטעלדיגע אויגען, ווען ער האָט פּלוצים דער־הערט ווי מען רופט איהם:

— ר' שמואל!

האָפּמאַן האָט זיך אויף דער גיך אַרומגעקוקט, אָבער קיינער איז אין צימער ניט געווען. איהם האָט זיך געדאכט ,אַז דער קול קומט פון דער טיר צו וועלכען ער איז געשטאַנען מיט'ן רוקען. און אפשר פון איבער דער טיר.

און דער קול האָט געזאָגט:

— ר' שמואל, וואָס איז מיט אייך? וואָס האָט מיט אייך פּאַסירט?

דער קול איז געקומען פון דער וואַנט איבער דער טיר.

האָפּמאַן האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, געקוקט אויף יענער וואַנט און געפרעגט:

— ווער איז דאָס? ווער רעדט?

דאָ בין איך, שלום! — האָט דער קול פון וואַנט געענט־פערט. — איהר דערקענט ניט מיין קול?

האפמאן איז געשטאנען אין מיטען צימער, געקוקט ארויף אויף דער וואנט איבער דער טיר און גערעדט:

— וואו זייט איהר?

— איך בין איצט אין רישאנאווע — האט שלומ'ס קול געענטפערט פון וואנט. — מען האט מיך נאר-וואס אפגערופען פון אייער הויז און מען האט מיר אנגעזאגט, אז איהר האט דארטען אנגעמאכט צרות. צוויי דאקטוירים זיינען צוליב אייך פארוואונדעט געווארען.

אבער פארוואס האט מען מיך ארעסטירט? ! — האט האפמאן שטרענג גע'טענה'ט צו דער וואנט און געמאכט צו איהר מיט די הענט.

ער האט זיך מישב געווען, אז צו זיין אביסעלע אין כעס און אונטערבייזערען זיך, וועט ניט שאדען.

— מען האט אייך ניט ארעסטירט — האט דער קול פון וואנט געענטפערט. — מען האט אייך נאר איזאלירט אויף א וויילע, כדי איהר זאלט ניט אנמאכען נאך צרות. איך האב צוגעשטעלט צו אייך ר' ברוכ'ן כדי ער זאל אייך ארומפיהרען, האט איהר איהם ניט געדארפט אוועקשיקען פון זיך. איהר ווייסט נאך ניט ווי אזוי אויפצופיהרען זיך ביי אונז.

— איז וואס-זשע וועט איצט זיין? ווי לאנג וועט מען מיך האלטען פארשפארט? — האט האפמאן גע'טענה'ט צו דער וואנט.

— איצטער וועט איהר מוזען אביסעל אונטערווארטען. ר' ברוך איז אויפ'ן וועג קיין שלישאווע. ער וועט באלד קומען צו אייך, וועט אייך באפרייען און אייך ארומפיהרען — האט שלומ'ס קול געענטפערט פון דער וואנט. — איהר וועט מיר מוזען ענטשולדיגען. איך בין איצט זעהר פארנומען. מעןווארט אויף מיר. זיצט דערווייל רוהיג. ר' ברוך וועט באלד קומען נאך אייך.

האט זיך האפמאן געזעצט אויפ'ן בעטעל און אנגעהויבען ווארטען.

.19

א האלבע שעה שפעטער האט זיך די טיר געעפנעט און ברוך איז אריינגעקומען. ער האט געזאגט „גוט מארגען", געקוקט אויף האפמאנ'ען און האט הארציג געלאכט.

— דאָס האָט איך גאָט געשטראָפט דערפאַר וואָס איהר האָט ניט געוואָלט, אַז איך זאָל היינט קומען נאָך אייך — האָט ברוך געלאַכט קוקענדיג אויף האָפמאַנ'ען.

— איהר ווייסט דאָך מסתמא וואָס דאָ איז פאָרגעקומען — האָט האָפמאַן געזאָגט.

— נו, זיכער ווייס איך.

— זיינען די דאָקטוירים שטאַרק פאַרוואונדערט.

— ניין, זעהר לייכט. עס האָט אָבער געקאָנט זיין אַ קאַ-טאַסטראָפע.

—נו, אדרבא, זאָגט אַליין, איז עס מיין שולד? האָט זיך האָפ-מאַן געבעטען. — פאַרוואָס האָט מען מיר ניט געוואָרנט ווענען אַ טיר מיט אַ רויטען מגן-דוד?

— עס איז מיר פשוט ניט איינגעפאַלען. ביי אונז ווייסען עס קליינע קינדער. קאָן מען דען פאָראויסזעהן יעדע איינצעלהייט, יעדען דעטאַל? אָבער וואָס איז דאָס? — האָט ברוך געפרעגט קו-קענדיג אויף דער שטול מיט די צעבראָכענע פיסלאַך, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין מיטען צימער.

— דאָס האָב איך געוואָלט אויסברעכען די שויב און ארויס-געהן אין דרויסען — האָט האָפמאַן געענטפערט.

— האָט איהר מיט'ן שטול געוואָלט אויסברעכען די שויב?

— יאָ! — האָט האָפמאַן געענטפערט.

— נו, אזא שויב וועט איהר מיט קיין הילצערנעם שטול ניט דורכברעכען. די שויב איז פון שטאָהל.

— וואָס מיינט איהר? — האָט האָפמאַן אויסגערופען און איז צוגעלאָפען צום פענסטער און אָנגעהויבען קלאַפען מיט די פינגער אין שויב. — אָט די גלאָז איז פון שטאָל?

— דאָס איז ניט קיין גלאָז, נאָר דורכזיכטיגער שטאָל אזא — האָט ברוך געענטפערט.

— ווי אזוי קאָן שטאָל זיין דורכזיכטיג ווי גלאָז? — האָט זיך האָפמאַן געוואונדערט.

— זעהט איהר דאָך, אַז אזא זאַך איז פאַראַן.

— האָט מען ביי אונז אויך געמאַכט דורכזיכטיג שטאָל?

— איהר ווייסט עס דען ניט? — האָט ברוך איהם איבערגע-פרעגט. — אין 1927 האָט פראָפעסאָר קאַרל מיולער פון דעם פי-

זיש-טעכנישען אינסטיטוט אין בערלין באשאפען א דינע פלאטע פון שטאל דורכזיכטיג ווי גלאז.

— זיינען אלע שויבען ביי אייך פון שטאל?

— אה, ניין! שטאלענע שויבען שטעלט מען אריין בלויז דארטען וואו מען דארף, אז מען זאל ניט קאנען דורכברעכען — האט ברוך געענטפערט מיט א שמייכעל.

דאס האט האפמאנ'ען דערמאנט אז זיין לאגע און ער האט א זאג געטאן:

— אויב איך בין א פרייער מענש, וואלט איך געוואלט ארויס-געהן פון דאנען.

— וואוהין ווילען מיר געהן?

— די ערשטע זאך וואלט איך זיך געוואלט אריינכאפען אין רעסטאראן. פאר די פאר טעג וואס איך בין דא אין לאנד האב איך זיך נאך ניט אפגעוואוינט פון עסען.

— און פאר די 35 יאהר וואס איך בין דא אין לאנד, האב איך זיך אויך נאך ניט אפגעוואוינט פון עסען — האט ברוך געענטפערט מיט א שמייכעל. — איך בין גרייט צו געהן מיט אייך אין רעסטא-ראן.

ווען זיי זיינען געזעסען אין רעסטאראן ביים טישעל און געגעסען זייער מאלצייט, האט האפמאן אפגעביסען א שטיקעל ברויט און געזאגט:

— איך מוז אייך געבען דעם קרעדיט: ביי אייך איז די ברויט זעהר געשמאק! אבער זאגט מיר, איך בעט אייך, פון וואנען נעמט איהר די ברויט? פון דעם בארג וואס איך בין אריבער און ביז דעם ערשטען ראדיא-טורעם, בין איך געגאנגען צופוס, און פון דעם טורעם ביז שלישאווע בין איך געפלויגען מיט ר' שלומ'ען אין א לופט-שיף. און כ'האב ערגיץ ניט געזעהן, ניט קיין דערפער און ניט קיין פארמס. ווער-זשע פארזייהט ביי אייך די פעלדער און פון וואנען קומט אייער ברויט?

— אונזערע תבואות וואקסען ניט אויף די פעלדער, און אונ-זער ברויט קומט פון דער ביאלאגישער פאבריק, — האט ברוך גע-ענטפערט.

האפמאן האט אויפגעהערט צו קייען און געעפנט אויף ברוכ'ן א פאר פארוואונדערטע אויגען.

— איך הויב ניט אָן צו פאַרשטעהן, — האָט האָפמאַן גע-זאָגט, קוקענדיג אויף ברוכ'ן. — וואָס קומט דאָרטען פאָר, אין אייער ביאַלאָגישער פאַבריק: עס דרעהען זיך רעדער און עס פאַ-לען אַרוים לעבלאַך ברויט?

— אומגעפעהר אזוי, — האָט ברוך רוהיג געענטפערט.

— פון וואָס-זשע מאַכען זיך די לעבלאַך ברויט, פון לופט?

— ניט פון לופט, נאָר פון מעהל.

— און די מעהל ווערט פון וואָס?

— פון תבואות.

— און וואו נעמט איהר די תבואות, אויב זיי וואַקסען נישט אויף די פעלדער?

— זיי וואַקסען אין דער ביאַלאָגישער פאַבריק.

האָפמאַן האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף ברוכ'ן, און כמעט ווי מיט כעס אוועקגעלייגט דעם גאָפּעל אויפ'ן טיש.

— אסור אויב איך הויב עפּעס אָן צו פאַרשטעהן, איהר אַליין זאָגט דאָך, אַז אייער לאַנד האָט אַ באַפעלקערונג פון איבער זעקס מיליאָן נפשות, איז ווי-ניט-ווי מוזט איהר דאָך האָבען כאָטש עטליכע מיליאָן פונט ברויט אַ טאָג פאַר יעדען טאָג פון יאָהר, איז אָט די אַלע מיליאָנען פונט תבואות אַ טאָג וואַקסען ביי אייך אין קעסטעלאַך אין אייער ביאַלאָגישער פאַבריק?

— פאַרוואָס אין קעסטלעך? — די תבואה וואַקסט ניט אין קעסטלעך, — האָט ברוך געענטפערט. — דאָס בעסטע וועט זיין, ווען איהר זאָלט אַליין צופאָהרען אהין אַ קוק טאָן, און דערווייל קען איך אייך עס ערקלערען אין אַ פּאָר ווערטער. די פאַבריק באַ-שטעהט פון עטליכע געביידעס. יעדע געביידע איז אַרום פערציג שטאָק הויך און יעדער שטאָק פאַרנעמט אַ שטח פון איין העקטאַר, אָדער אַרום צוויי מיט אַ האַלב אייערע אַקערס. דער דיל פון יעדען שטאָק איז באַדעקט מיט אַ דיקער שיכט ערד, די ערד ווערט שטענ-דיג באַהאַנדעלט מיט כעמישע זאַלצען, אַזוי אַז די ערד איז זעהר פרוכטבאַר. די מאַשינעס, וואָס באַאַרבייטנען די ערד, הענגען אויף די סופיטען פון יעדען שטאָק. פריהער לאָזט זיך אַראָפּ איין מאַ-שין, וואָס געהט זיך דורך איבער'ן שטאָק עטליכע מאָל היין און צוריק, און די ערד ווערט צעאַקערט. דערנאָך לאָזט זיך אַראָפּ אַ צווייטע מאַשין, וואָס געהט זיך דורך עטליכע מאָל היין און צו-

ריק, און די ערד ווערט פארזייט. דערנאך לאזט זיך אראפ א דריטע מאשין, וואס געהט זיך דורך עטליכע מאל הין און צוריק און די ערד ווערט צוקעמט. זיבעציג טעג שפעטער ווערט די תבואה רייף. לאזט זיך אראפ א פערטע מאשין און שנייט אראפ די תבואה און טראגט זי אפ אין א דערבייאיגער געביידע. איין טאג טרי־קענט עס זיך דארטען; אויפ'ן צווייטען טאג ווערט עס געדרעשט; די זאמען געהען דערנאך אין אן אנדער אפטיילונג און ווערען צע־מאלען אין מעהל, און די מעהל געהט אין א דריטער אפטיילונג און פארוואנדעלט זיך אין ברויט, ווי אין אלע בעקערייען.

— טא וואו־זשע ליגט דא דער קונץ, איך בעט אייך? — האט האפמאן געזאגט. — אויב די תבואה וואקסט אויף געוועהנליכע ערד און אויב די ערד ווערט באארבייט מיט מאשינעס, טא צו וואס דארפט איהר האבען די פערציג שטאקיגע געביידעס? האט איהר דאך געקענט אויספיהרען צו האבען די אלע זאכען אויפ'ן פרייען פעלד אונטער דעם פרייען הימעל, באלויכטען פון דער זון און באנעצט מיט נאטירליכע רעגענס?

— אויף אייער זון, אויף אייערע רעגענס און אויף אייער נא־טירליכער ווארימקייט קענען מיר זיך זעהר ווייניג פארלאזען, — האט ברוך געענטפערט. — אייער נאטירליכער רעגען האט א טבע, אז ווען ער וויל — געהט ער, און ווען ער וויל ניט — געהט ער ניט. און דאסזעלבע איז מיט אייער זון, און דאסזעלבע מיט איי־ער ווארימקייט. האבען מיר זיך מישב געווען און מיר מאכען שבת פאר־זיך און מיר באגעהען זיך אן דער זון, אהן די רעגענס און אהן אייער ווארימקייט. אויף יעדען שטאק וואו די תבואות וואק־סען, זיינען פאראן גרויסע עלעקטרישע לאמפען, וואס גיבען גע־נוג ווארימקייט, און די אולטרא־וויאלעטע שטראהלען, וואס סטי־מולירען דעם וואוקס פון פלאנצען; און עס זיינען פאראן שפרי־צערס, וואס גיבען גענוג קינסטליכע רעגענס. האבען מיר אלצ־דינג פונקט אזוי פיל, וויפיל מיר דארפען, און פונקט אין צייט. און דער רעזולטאט איז ,אז פון יעדען שטאק נעמען מיר אראפ צו פינף מאל אזוי פיעל תבואה אין וואג יעדעס מאל באזונ־דער, ווי אייער אן אקער לאנד גיט אייך.

האפמאן האט זיך פארטראכט.

— און וואָס טוט איהר מיט אַזוי פיל שטרוי ? — האָט ער דערנאָך געפרעגט, — איהר פאַרברענט עס ?

— שטרוי פאַרברענען ? — האָט זיך ברוך פאַרוואונדערט. — גאָט איז מיט אייך ! וואָס רעדט איהר. אויב פאַרברענען די שטרוי טאָ פון וואָס וועלען מיר מאַכען אונזערע קליידער און אונזערע וועש ?

— וואָס הייסט ? אײַערע קליידער און וועש מאַכט איהר פון שטרוי ?

— נו, געוויס, די גאַנצע שטרוי געהט אַוועק אין דער כעמי-שער פאַבריק און דאָרטען פאַרוואַנדעלט זיך עס אין אַ שיטערען צעלולאָז, אומגעפעהר אַזוי ווי מען מאַכט ביי אייך קינסטליכען זייד, און פון אָט דער מאַסע גיסט מען אוים וועש און קליידער.

— גוט וואָס איהר האָט מיר דערמאָנט ! — האָט זיך האָפ-מאַן געכאַפּט, — איך האָב היינט באַמערקט, אַז די וועש וואָס איך טראָג איז ווי אויסגעגאָסען פון איין שטיק ; ניט געוועבט און ניט גענייהט.

— אָט דאָס איז עס דאָך, וואָס איך זאָג אייך : די שיטערע צעלולאָז-מאַסע ווערט געגאָסען אין פורעמס, אומגעפעהר ווי מען מאַכט ביי אייך די גומענע האַנדשוה, וואָס דאָקטוירים טוען אָן אויף די הענט ביי אָפּעראַציעס. און ווען עס קומט אַרוים פון די פו-רעמס און ווערט דערנאָך באַהאַנדעלט מיט געוויסע כעמישע שטאָ-פען, ווערט פון דעם אַ פאַרטיגע שטיק וועש אָדער אַ שטיק בגד. און איהר זעהט ווי שטאַרק און ווייך עס איז ? — האָט ברוך צו-גענעבען און אַרויסגעשלעפּט פון אונטער'ן אַרבעל זיין אויבער-העמד.

— יאָ, יאָ, דאָס האָב איך שוין באַמערקט, — האָט האָפמאַן גע-זאָגט טאַפּענדיג דעם אַרבעל מיט זיינע פינגער.

האָפמאַן האָט זיך ווידער פאַרטראַכט.

— נו, גוט, — האָט ער דערנאָך געזאָגט. — זאָל זיין אַזוי, זאָל זיין, אַז די תבואות וואַקסען ביי אייך אין דער ביאָלאָגישער פאַב-ריק אייערער, ווי איהר רופט עס, און איהר דאַרפט אויף דעם קיין פאַרמער ניט האָבען. אָבער וואָס הערט זיך וועגען פלייש ? איז דאָס פלייש, צי ניין ? — האָט האָפמאַן אַ זאָג געטאָן אָפּשניידענ-דיג מיט'ן מעסער אַ שטיק פלייש וואָס איז געלעגען אויף זיין טע-לער.

— יאָ, דאָס איז פלייש, — האָט ברוך געענטפערט.

— דאַרפט איהר דאָך האָבען פארמערס וואָס זאָלען פאַשען און פלאַדיען די קיה, שעפּסען און עופות. דאָס פלייש קען דאָך ניט וואַקסען אין אַ ביאָלאָגישער פאַבריק.

— אונזער פלייש וואַקסט אין דער זעלבער ביאָלאָגישער פאַבריק, — האָט ברוך געענטפערט מיט דער קאַלטקייט פון אַ גזלן.

— איהר ווילט מיט דעם זאָגען, אַז אייערע קיה, שעפּסען און עופות פאַשען זיך ניט אויף דעם פרייען פעלד, נאָר ווערען געפלאָדיעט אין שטייגען פון דער ביאָלאָגישער פאַבריק, ווייל ביי קינסטליכע ליכט און ווארימקייט מעהרען זיי זיך שנעלער?

— ניין, איך וויל דאָס ניט זאָגען, — האָט ברוך געענטפערט מיט זיין פריהערדיגער קאַלטקייט. — מיר האָבען ניט קיין קיה, שעפּסען אָדער עופות. בכלל האָבען מיר ניט קיין לעבעדיגע חיות צום שעכטען, אַ חוץ די, וואָס ווערען אויפגעהאַלטען אין דעם זאָאָלאָגישען גאָרטען. איך וויל נאָר זאָגען, אַז פלייש גופא, געוועהנליכע רויהע פלייש, וואַקסט ביי אונז אין דער ביאָלאָגישער פאַבריק.

אַ מינוט צייט האָט האָפמאַן געקוקט ברוכ'ן גלייך אין די אויגען אריין ווי ער זאָל וועלען כאַפּען זיין געדאַנק, און ענדליך ערקלעהרט:

— הרג'עט מיך אויב איך פארשטעה אַ וואָרט פון דעם וואָס איהר רעדט.

— און דאָך איז דאָ גאָרניטאָ וואָס צו פאַרשטעהן, — האָט ברוך געענטפערט, — ווייל נאָך אַלעמען ווערט אַזאַ פּראָבע איצטער געמאַכט ביי אייך אין אַמעריקא גופא. עס איז שוין אַ יאָהר פופצעהן, ווי דר. אַלעקסיס קארעל פון דעם ראַקאַפעלער אינסטיטוט אין ניו יאָרק האַלט אַ שטיקעל פלייש פון אַ הון אין אַ כלי מיט כעמישע שטאָפּען, און דאָס שטיקעל פלייש האַלט שטענדיג אין וואַקסען. און וואָלט מען דאָס שטיקעלע פלייש ניט געהאַלטען שטענדיג אין אָרומשניידען, וואָלט עס זיך ביז איצטער פאַנאַנדערגעוואַקסען אין צעהנדליגער טאָן פלייש. ווייסט איהר גאָרניט וועגען דעם?

— עפּעס האָב איך געהערט. — האָט זיך האָפמאַן אָנגעשטרענגט צו דערמאָהנען.

— און דאָס, וואָס עס קומט איצטער פאָר אין דער לאַבאָ-ראַטאָריע פון דעם ראקאפעלער אינסטיטוט איז בלויז אַן אָנפאַנג און אַ פּראָבע, און ביי אונז איז די ענדעקונג שוין לאַנג געמאַכט געוואָרען, און איצטער האָבען מיר אין אונזער ביאָלאָגישער פאַב-ריק ריזיגע גלעזערנע כלים אָנגעפילט מיט געוויסע כעמישע פלי-סיגקייטען. אין די פליסיגקייטען ליגען שטיקער פלייש וואָס האַל-טען שטענדיג אין וואַקסען. פון צייט צו צייט פרישט מען אָפּ די פליסיגקייט מיט נייע כעמישע זאַלצען, מיט וועלכע דאָס פלייש זאָל זיך קענען שפּייזען, און פון אויבען הענגען מעכטיגע עלעקט-רישע לאַמפּען, וואָס פאַרשפּרייטען גענוג אולטראַ-וויאָלעטע און די אַלע אַנדערע שטראַהלען, און דאָס פלייש וואַקסט און וואַקסט, און מיר האָבען גענוג פלייש צום עסען.

— איך וואָלט געוועז אַ בעלן צו זעהן אייער ביאָלאָגישע פאַב-ריק, — האָט האָפמאַן געזאָגט. — וואָלט איהר געוואָלט מיך מאָר-גען צופיהרען אהין ?

— מאָרגען וועל איך זיין פאַרנומען מיט מיינע פּערזענליכע זאַכען, — האָט ברוך געענטפערט. — אויף מיין אָרט וועט קומען צו אייך אַן אַנדער מאַן, קען ער אייך צופיהרען אהין. און איצטער וויל איך אייך בעטען אַ טובה.

— איהר בעט ביי מיר אַ טובה ? — האָט זיך האָפמאַן פאַר-וואונדערט. — אדרבה, זאָגט וואָס איך קען טאָן פאַר אייך ?

— איך דאַרף באַלד פאָהרען צו מיין שוועסטער קיין שיי-נאַווע. ביי איהר איז דאָרטען אַ פאַרזאַמלונג, און מען וועט דאַר-טען וואַרטען אויף מיר.

— איהר האָט דאָ אַ שוועסטער ? זי איז פאַרהייראַט ?

— יאָ, זי האָט אַ מאַן מיט צוויי קינדער.

— מסתמא אַ אינגעלע מיט אַ מיידעלע, — האָט האָפמאַן גע-וואָלט טרעפען.

— ניין. ביידע זיינען אינגלאַך. מיין שוועסטער האָט קיין מיידלעך ניט געוואָלט האָבען.

— וואָס הייסט: זי האָט ניט געוואָלט האָבען ? איז דען ביי איהר די ברירה ?

— נו, געוויס איז ביי איהר די ברירה. זי דאַרף דאָך זיין די מוטער.

— ווי אזוי זשע קען זי דאָס באַשטעלען?

— די פרויען האָבען שוין אַ וועג. אין אַ געוויסען פּעריאָד געהען זיי אין האָספּיטאַל און לאָזען זיך באַהאַנדלען מיט געוויסע שטראַהלען אויף אַ געוויסען אופן. ווערען זיי באַהאַנדעלט אויף איין אופן — ווערען געבוירען אינגלאַך, און ווערען זיי באַהאַנדעלט אויף אַן אנדער אופן — ווערען געבוירען מיידלעך.

— און אַלע פרויען טוען עס?

— ניין. ניט אַלע, נאָר יענע פרויען, וואָס ווילען, אַז דאָס ערוואַרטעטע קינד זאָל געבוירען ווערען פון אַ באַשטימטען געשלעכט.

— נו, און ביי אונז זיינען נאָך אַזעלכע זאַכען ניטאָ, — האָט האָפמאַן געזאָגט און זיך פאַרטראַכט.

— ניין, ביי אייך קען מען נאָך דערווייל דעם געשלעכט פון מענשען ניט קאָנטראָלירען. אָבער אַן אָנפאַנג אין אָט דער ריכטונג האָט מען שוין ביי אייך געמאַכט.

— ווי אזוי? — האָט זיך האָפמאַן פאַרוואונדערט.

— מען האָט ביי אייך געמאַכט גאַנץ אינטערעסאַנטע עקספּערימענטען צו קאָנטראָלירען דעם געשלעכט פון די אינסעקטען און אפילו פון הינער, הויפּטזעכליך מיט דער הילף פון עקס-שטראַלען, און מען האָט דערגרייכט זעהר וויכטיגע און פיל פאַרשפּרעכענדע רעזולטאַטען. די אינטערעסאַנטסטע עקספּערימענטען אויף דעם געביט האָט דורכגעפיהרט דער יונגער געלערנטער פּראָפעסאָר ה. מיולער, פון טעקסאַס . . . איז האָב איך אייך געוואָלט בעטען . . .

— יאָ, יאָ, — האָט זיך האָפמאַן געכאַפּט. — וואָס, זאָגט איהר, קען איך טאָן פאַר אייך?

— דאַרף איך, הייסט עס, באַלד אוועקפאָהרען, און איך האָב מורא איבערצולאָזען אייך אַליין, איהר זאָלט ווידער ניט אָנמאַכען קיין צרות.

— איז וואָס-זשע זאָל איך טאָן?

— האָב איך אייך געוואָלט בעטען: געהט וואוהין איהר ווילט און טוט וואָס איהר ווילט, אָבער ריהרט ניט אָן קיין זאַכען, וואָס זיינען אייך ניט באַקאַנט. זעהט איהר אַן אומבאַקאַנטע טיר — רוקט זיך אָפּ פון איהר; און זעהט איהר אַן אומבאַקאַנט קנעפּעל — אַנטלויפט פאַר אַ מייל.

האָפּמאַן האָט זיך צעלאַכט:

— גוט, גוט. איך וועל אייך פאָלגען. איך וועל קיין זאַך ניט אָנריהרען.

זיי האָבען זיך צעצאָהלט און זיינען ארויסגעגאַנגען פון דעם רעסטאָראַן. אין קאָרידאָר האָבען זיי זיך געזעגענט און זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

האָפּמאַן האָט זיך ווידער אָנגעהויבען ארומדרעהען איבער די קאָרידאָרען אָהן אַ ציעל און אָהן אַ צוועק, אָבער היינטיגס מאָל איז ער געווען אנגעשטרענגט פאָרזיכטיג. געגאַנגען איז ער ניט די-רעקט ביי דער וואַנט, נאָר אַ היבש ביסעל אָפּגערוקט פון איהר, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל חלילה ניט פאַרטשעפּען אומגערן אַ טיר אָדער אַ פאַרבאָרגען קנעפּעל מיט זיין האַנט אָדער עלען-בויגען.

און אַזוי האָט ער זיך ארומגעדרעהט איבער די הייזער, קאָרי-דאָרען און אין גאַס ביז דער אווענט האָט זיך אָנגערוקט, און דאַן האָט ער גענומען אַן אמניבוס און איז אוועקגעפאָהרען אין פּאַרק.

אויף דעם אווענט האָט ער געוואָרט מיט אומגעדולד. ער האָט געוואָלט גיכער אוועקפאָהרען אין פּאַרק, וואו אין די האַלב-טונ-קעלע אַלייען צווישען רייען מיט בוימער האָבען אויף איהם גע-וואַרט זיסע עראינערונגען. דאָ האָט ער ארומגעשפּאַצירט און געטראַכט וועגען לאַה'ן. ער האָט געוואָלט, אַז זיין מיסיע זאָל זיך שוין וואָס גיכער ענדיגען און ער זאָל שוין קענען פאָהרען צו-ריק און זעהן לאַה'ן. און ווידער האָט ער געוואונשען, אַז אַ נס זאָל געשעהן און לאה זאָל אים פּלוצים קומען אַנטקעגען, און ער זאָל קענען ארומנעהן מיט איהר געאַרעמט און רעדען און רעדען . . .

דער נס איז אָבער ניט געשעהן. איז ער אוועקגעפאָהרען אַהיים און זיך געלייגט שלאָפען.

.20

ווען האָפּמאַן איז אויפגעשטאַנען אויף מאָרגען אין דערפריה האָט ער געטראַכט וועגען דעם מאַן, וואָס דאַרף היינט צו איהם קומען אויף ברוכ'ס פּלאַץ. ער האָט זיך אנגעשטרענגט פאָרצושטע-לען זיך וואָס פאַר אַ מאַן דאָס איז און האָט אין זיינע געדאַנקען

אויסגעארבייט פארשידענע פּלענער ווי אזוי ארויסצוקריגען פון איהם וועלכע עס איז שפּורען פון בערגער'ן אדער מרים.

ער האט אויך געהאט באשלאסען, אז פון היינט אן מוז ער קומען אין נעענטערען קאנטאקט מיט מענשען און אנהויבען זוכען בערגער'ס שפּורען. עס איז קיין תכלית ניט ארומצודרעהען זיך אזוי אייביג. מען דארף אנהויבען עפּעס צו טאן.

מיט אט די געדאנקען איז ער אוועק אין רעסטאראן, מיט די געדאנקען האט ער זיין פרישטיק געגעסען און מיט אט די געדאנקען איז ער געגאנגען צוריק צו זיך אין צימער, וואו ער האט געזאלט זיצען אוןווארטען אויף דעם נייעם טאן.

ער איז צוגעגאנגען צו זיין וואוינונג און געעפענט די פאדערשטע טיר. אין פאדער-צימער פון זיין וואוינונג איז אין קרעסלע געזעסען א יונגע פרוי און געלייענט א צייטונג. זי איז אין דער צייטונג קענטיג געווען שטארק פארטיפט און אפילו דעם קאפּ ניט אויפגעהויבען ווען האפמאן איז אריינגעקומען. די צייטונג האט זי מיטביידע הענט געהאלטען אזוי הויך, אז דער גאנצער פנים אירער איז געווען פארשטעלט, און נאר א קאפּ רויטע האר האט זיך געזעהן איבער דעם אויבערשטען ראנד פון צייטונג.

האפמאן איז געבליבען שטעהן אין מיטען פון פאדערצימער אין א פארלעגענהייט און ניט געוואוסט וואס צו טאן. האט ער א זאג געטאן: „גוט מארגען" און איז געבליבען שטעהן אין ערווארטונג.

און די פרוי האט אנגעהויבען לאנגזאם אראפּלאזען די צייטונג. עס האט זיך באוויזען א הויכער, ווייסער שטערען. דערנאך — א פּאר לאכיגע אויגען, דערנאך די נאז און א מויל. און ווען דער גאנצער פנים איז אויפגעדעקט געווארען, האבען זיך ביי האפמאנ'ען געעפענט די אויגען אזוי ברייט, אז עס האט זיך געדאכט, אז זיי וועלען באלד פון זיין קאפּ ארויסשפּרינגען. ער האט א האסטיגען טראט געטאן פאראויס און ניט מיט זיין קול אויסגערופען:

— לאה ! !

און לאה איז געזעסען מיט איהרע הענט און מיט דער צייטונג אראפּגעלאזען אויף איהרע קני, האט געקוקט אויף האפמאנ'ען און געלאכט.

— לאה! ווי קומט איהר אהער ? . . .

האפמאן איז געווען אזוי איבערראשט מיט דער באגעגעניש, אז ער האט זיינע אייגענע אויגען ניט געגלויבט. ער האט געקוקט אויף לאה'ן מיט גרויסע אויגען און גערעדט ווי צו זיך אליין:

— וואס איז דאס: איז עס ניט אמאל א חלום ? . . .

— ניין, האפמאן, דאס איז ניט קיין חלום. דאס בין איך אליין, — האט לאה רוהיג געענטפערט און געלאכט.

— אבער ווי קומט איהר אהער ?

— זייט איהר דאך געקומען אהער, פארוואס זאלען אנדערע ניט קענען קומען ?

— איהר זענט שוין לאנג דא ?

— איך בין געקומען אהער מיט א צוויי וואכען פריהער, איידער איהר זענט אהער געקומען.

האפמאן האט געקוקט אויף איהרע רויטע האר, וואס זיינען אמאל געווען אזוי שווארץ. ער האט זיך דערמאנט ווי קלוג און מיט וואס פאר א ברייטען וויסען זי פלעגט מיט איהם רעדען אין פארק. ער האט זיך דערמאנט ווי ווייניג זי פלעגט עסען ווען זיי פלעגען זיין צוזאמען אין רעסטאראן, און זיך דערמאנט דעם אינצידענט מיט דעם פיל. האט ער אנגעבויגען צו איהר דעם קאפ, האט איהר טיף ארייגעקוקט אין די אויגען אריין און שטיל געפרעגט:

— לאה . . . איהר זענט א היגע ?

— יא, האפמאן, איך בין א היגע, — האט לאה געענטפערט.

— איך בין א טאכטער פון די „רויטע אידעלאך".

האפמאן איז עטליכע מאל האסטיג זיך דורכגעלאפען איבער דעם פאדערצימער הין און צוריק, האט פארטראכט געפיהרט מיט דער האנט איבער זיין קאפ, און פלוצים זיך אפגעשטעלט לעבען לאה'ן:

— אך, לאה! ווען איהר זאלט וויסען ווי גליקליך איך בין, וואס איהר זענט דא! ... ווען איהר זאלט וויסען ווי שטארק איך האב געבענקט נאך אייך...

און ער איז צוגעפאלען צו איהרע הענט און זיי אנגעהויבען קו־שען.

זי האט איהם געלאזט קושען איהרע הענט, און ענדליך געזאגט:

— נו, און איצטער, האָפּמאַן, זעצט זיך אוועק, און לאָמיר רע־דען ווי דערוואַקסענע מענשען.

האָפּמאַן האָט צוגערוקט אַ שטול, האָט זיך געזעצט אַנטקעגען איהר און אָנגעהויבען איהר קוקען באַגייסטערט אין די אויגען.

— איהר ווייסט, האָפּמאַן, איך בין דאָך געקומען פאַרנעמען ברוכ'ס פּלאַץ. איך בין באַשטימט געוואָרען אַרומצופיהרען אייך איבער'ן לאַנד און לאָזען אייך זעהן אַלץ, וואָס איהר ווילט, — האָט זי פרעהליך געזאָגט.

— זאָגט מיר בעסער, לאַה, האָט איהר געוואוסט די גאַנצע צייט, אַז איך בין דאָ?

— יאָ, איך האָב געוואוסט.

— פאַרוואָס זשע זענט איהר פריהער ניט געקומען?

— אויף דעם קען איך אייך איצטער ניט ענטפערען. אפשר אַן אַנדערש מאָל.

— ווען האָט איהר זיך דערוואוסט אַז איך בין דאָ?

— נאָך איידער איהר זענט אהער געקומען, — האָט לאַה גע־ענטפערט און געלאַכט מיט אָנצוהערעניש.

— איהר מיינט דאָס, וואָס איך האָב אייך דאַן געזאָגט, אַז איך פאָהר אהער?

— ניין. ניט דאָס מיין איך. איך האָב אייך געזעהן נאָך אויף יענער זייט פון די הרי חושך.

ביי האָפּמאַנ'ען האָבען זיך די אויגען ווידער ברייט געעפענט און ער האָט אָנגעהויבען טיף אַריינקוקען לאַה'ן אין די אויגען אַריין, ווי ער זאָל פון זיי וועלען אַרויסלערנען זייער געדאַנק.

— דאָס האָט איהר געטויטעט מיין באַגלייטער, ווען ער האָט מיך געוואָלט דערשטעכען?

— יאָ, האָפּמאַן, דאָס האָב איך געטאָן.

— ווי אַזוי האָט איהר עס געטאָן?

— איך האָב איהם דערשאָסען מיט אַן עלעקטרישע ביקס.

— דערצעהלט מיר, לאַה, מיט איינצעלהייטען, וואָס איז דאָר־טען פאָרגעקומען און ווי אַזוי, — האָט זיך האָפּמאַן געבעטען.

— ניטאָ קיין סך וואָס צו דערצעהלען, — האָט לאַה געענט־פערט. — איך האָב געוואוסט, אַז די טעג דאַרפט איהר אָנקומען, בין איך יעדען טאָג אַרויסגעפלויגען צו די הרי חושך מיט אַ

לופט-שיפעל און אייך געזוכט מיט א טעלעסקאָפּ. איך האָב פאַר-שטאַנען, אַז איהר וועט מוזען אָנקומען צו די איינוואוינער פון יענעם דאָרף און איך האָב דערלאָזען די מעגליכקייט, אַז מען וועט אייך וועלען באַרויבען. האָב איך זיך באַזאָרגט מיט אַן עלעקטרישער ביקס . . . און איצטער זיינען מיינע הענט פאַר-פלעקט אין בלוט.

— פאַרוואָס-זשע האָט איהר עס געטאָן ?

— איינער פון אייך האָט דאַן געמוזט שטאַרבען, און אויף צו בלייבען לעבען זענט איהר געוועז בילכער און . . . וויכטי-גער.

— וויכטיגער — פאַר וועמען ?

— פאַר דער מענשהייט. איהר זענט דער קולטורעלערער, דער ציוויליזירטערער מענש. און יענער איז אַ דער פּרימיטיווע-רער, אַ מיט מערדערישע נייגונגען.

— און איך, נאַר, האָב געמיינט, אַז איך בין געוועזן וויכטי-גער פאַר אייך, — האָט האָפּמאַן געזאָגט מיט אַן אַנטוישונג אין קול.

— פאַר מיר זיינט איהר אויך געוועזן וויכטיגער, אָבער אין אַזעלכע פאַלען טאָרען מיר זיך ניט רעכענען מיט אייגענע גע-פיהלען, — האָט לאַה געזאָגט מיט אַ מאָדנעם ערנסטען טאָן.

— און דאָס האָט איהר מיר צוגעשטעלט אַן עמער וואַסער, ווען איך בין שיער געשטאָרבען פון דורשט ?

— יאָ, דאָס האָב איך געטאָן.

— פאַרוואָס-זשע זיינט איהר ניט אַרויס אָפען צו מיר ? פאַר-וואָס האָט איהר געשפּילט אין באַהעלטעניש ?

— אַרויסגעהן אָפען צו אייך האָב איך ניט געקענט. דאָס איינציגע וואָס איך וואָלט געקענט טאָן, איז אָפּריידען אייך און שיקען אייך צוריק. דאָס האָב איך ניט געטאָרט טאָן, ווייל דאָס וואָלט געמיינט, פאַראורטיילען אייך צום טויט. דער וועג צו-ריק ליגט דורך יענעם דאָרף, און די דאָרפסלייט וואָלטען אייך דער'הרג'עט, ווען איהר וואָלט אָהין געקומען אָהן דעם באַגלייטער. און איבעררייידען אייך וואָלט איך סאַי ווי ניט געקאָנט. מיט אייער פרייען ווילען וואָלט איהר זיך צוריק ניט אומגעקערט, בפרט נאָך ווען איהר ווייסט, אַז איך בין דאָ. און אַריינגעמען אייך אַהער האָב איך אויך ניט געטאָרט.

— פאַרוואָס ?

— איהר ווייסט פאַרוואָס. ר' שלום האָט אייך ערקלערט . . . און דאָס איז געווען די לאַגע: אריינגנעהמען אייך אהער האָב איך ניט געטאָרט; און דערלאָזען אַז איהר זאָלט שטאַרבען — האָב איך ביי זיך ניט געקאָנט פועל'ן. און וואָלט איך אייך ניט גע-קומען צו הילף, וואָלט איהר זיכער געשטאָרבען אויף איין אופן אָדער א צווייטען.

— איהר האָט, הייסט עס, מיר אָפּגעצאָהלט א חוב ? . . . — האָט האָפמאַן א זאָג געטאָן מיט א טרויעריגען שמייכעל.

לאה האָט אויף איהם ערנסט א קוק געטאָן.

— וואָס מיינט איהר ? — האָט זי געזאָגט: — דאָס, וואָס איהר האָט מיר דאַן געבראכט דעם פּיל ? אמת, איהר האָט דאַן געראַטע-וועט מיין לעבען, און איך בין אייך דאַנקבאַר דערפאַר. איהר האָט אָבער דאַן ניט מעהר ווי ערפילט אייער חוב, און איך בין אייך דערפאַר גאָרניט שולדיג. און ווען איך בין אייך געקומען צו הילף און האָב אייער לעבען געראַטעוועט, — האָב איך אויך ניט מעהר ווי ערפילט מיין חוב, און איהר זיינט מיר דערפאַר גאַר-ניט שולדיג. דאָס איז אונזער מאָראַל, דאָס איז אונזער עטיק, און דאָס איז איינער פון די פונדאַמענטען פון אונזער געזעלשאַפט-ליכען צוזאַמענלעבען.

האָפמאַן האָט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און זיך פאַרטראַכט.

פּלוצים איז לאה אויפגעשפּרונגען פון איהר אָרט א פרעה-ליכע, א לעבעדיגע, א לוסטיגע, האָט אָנגעכאַפּט האָפמאַנ'ען פאַר דער האַנט, האָט איהם אנגעהויבען ציהען צו דער טיר און אויס-גערופען:

— און איצטער קומט מיט מיר: איך וועל אייך צייגען א וועלט !

האָפמאַן האָט אָנגעכאַפּט איהר האַנט, האָט זי צוגעצויגען צו זיך, האָט זי ארומגענומען מיטביידע הענט און זי אנגעהויבען ליידענשאַפטליך קושען.

לאה האָט אין זיינע אָרעמס געלאַכט און זיך לייכט געוועהרט. ענדליך האָט זי זיך פון זיינע הענט ארויסגעריסען, האָט מיט די פינגער פאַרריכט די האָר אויפ'ן קאָפּ, און דערנאָך ווידער פרעה-ליך א כאַפּ געטאָן איהם פאַר דער האַנט און איהם ווידער אנגעהוי-

בען ציחען צו דער טיר. האָפּמאַן האָט זי ווידער געוואָלט צוציהען צו זיך, אָבער לאה האָט מיט דער צווייטער, פרייער האַנט אַ שטופּ געטאָן די טיר: און ווען די טיר אין קאָרידאָר האָט זיך געעפענט, האָט מען מעהר ניט געטאָרט שטיפען, זיינען זיי „סטאַ-טעטשנע" ארויסגעגאַנגען און האָבען אָנגעהויבען געהן איבער'ן קאָרידאָר.

— וואוהין געהען מיר? — האָט האָפּמאַן געפרעגט.

— מיר וועלען נעהמען אַ לופט-שיפעל און מאַכען אַ לופט-רייזע איבער אונזער לאַנד, — האָט לאה געענטפערט.

זיי האָבען גענומען אַן עלעוויִיטאָר און זיך אויפגעהויבען אויפ'ן דאַך פון דער געביידע. דאָרטען האָט לאה באַגעגענט אַ מאַן און מיט איהם וועגען עפּעס גערעדט. און דער מאַן האָט דערנאָך ארויסגעשטופּט פון אַ ביידעל אַ לופט-שיפעל. לאה און האָפּ-מאַן האָבען זיך אריינגעזעצט אינעווייניג, און דער מאַן האָט זיך געזעצט פון פאָרענט ביים רודער. דער מאַן האָט אַ דרעה גע-טאָן אַ הענטעל, און האָפּמאַן האָט באַמערקט, אַז דער דאַך פון דער געביידע אונטער איהם האָט אָנגעהויבען זינקען און אראָפּ-לאָזען זיך. עס האָבען זיך באַוויזען די דעכער פון אַנדערע גע-ביידעס; דערנאָך האָט זיך באַוויזען אַ נעץ פון בריקלאַך, וואָס האָבען צווישען זיך פאַראייניגט די געביידעס; דערנאָך האָבען זיך באַוויזען די גאַסען, און דאָס אַלץ האָט געזונקען אַלץ נידעריגער און איז געוואָרען אַלץ קלענער.

דער טרייב-שרויף האָט אָנגעהויבען ארבייטען און שטיל רוי-שען, און דאָס שיפעל האָט אָנגעהויבען שוועבען אין דער ריכטונג צו מזרח, טיפער אין לאַנד אריין. האָפּמאַן האָט אונטער זיך גע-זעהן גלאַטע פעלדער מיט גרויסע גרינע, טונקעלע און קאָלירטע פלעקען לויט דעם מין פלאַנצען, וואָס האָבען דאָרטען געוואַק-סען. גרויסע וועלדער האָבען זיך לאַנגזאַם אונטער איהם אוועק-געררוקט אויף צוריק.

— זאָגט מיר, לאה, וואָס האָט איהר געטאָן ביי אונז אין לאַנד? — האָט זיך האָפּמאַן פּלוצים געווענדעט צו לאה'ן.

— איך האָב שטודירט אייער לאַנד, — האָט לאה געענטפערט.

— איהר זענט געפאָהרען צו אונז שטודירען?

— ניט ביי אייך צו שטודירען, נאָר אייך צו שטודירען. צו

שטודירען אייער לאַנד, אייער פאָלק, אייערע מנהגים, אייערע אויפפיהרונגען, אייער סאָציאַלען געבוי און דעם פראָגרעס פון אייער ציוויליזאַציע. מיר האָבען אַלע מאָל אַ פופצעהן-צוואַנציג יונגעלייט צעשפּרייט איבער דער וועלט וואָס שטודירען די פאַרשידענע פאַזען פון דער מענשליכער קולטור.

— אַ חוץ אייך איז אין אַמעריקא פאַראַן נאָך עמיצער?

— דער מאַן, וואָס האָט אייך געגעבען דעם פּיל פאַר מיר.

— ווער נאָך?

— איז דאָס ניט גענוג פאַר אייך? — האָט לאַה אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכעל.

האָפמאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז לאַה דרעהט זיך אויס פון אַ דירעקטען ענטפער, אפשר, כדי ניט צו געבען קיין שפּורען ווענען מרים'ען, איז ער אַנטשוויגען געוואָרען.

— וואָס האָב איך אייך געוואָלט פרעגען, לאַה, — האָט האָפמאַן געזאָגט, כדי אָפּצופיהרען דעם געשפּרעך אין אַן אַנדער זייט; — וואָס איז דאָס פאַר אַ ים מיט וואָלקענס, וואָס איך האָב געזעהן ווען איך בין אַריבער דעם באַרג צווישען אייער לאַנד און דעם סמבטיון? ..

— דאָס וועט זיין איינע פון די זאַכען, וואָס איך וועל אייך איצטער ציינען, — האָט לאַה געענטפערט.

— אָבער די וואָלקענס זיינען אין מערב-זייט, און מיר פליהען קיין מזרח, — האָט זיך האָפמאַן געוואונדערט.

— יאָ, — האָט לאַה געענטפערט. — די וואָלקענס זיינען טאַקע אין מערב, אָבער די אורזאַך פון די וואָלקענס איז אין מזרח.

— איך פאַרשטעה ניט, ווי אַזוי קומט עס פאַר?

— אונזער לאַנד איז אַמאָל געווען איינע פון די ערגסטע אויף דער ערד, — האָט לאַה אַנגעהויבען ערקלעהרען. — אין איינינע ערטער זיינען געווען ריזיגע זומפּען, און אין אַנדערע ערטער — גרויסע טרוקענע וויסטעניישען. די זומפען זיינען געווען דערפאַר, ווייל די לאַנד איז דאָרטען געווען זעהר נידעריג; און די וויסטעניישען זיינען געווען טרוקען דערפאַר, ווייל דאָרטען, אין מזרח, זיינען געשטאַנען הויכע בערג און האָבען ניט דערלאָזען, אַז ווינטען אנגעזאַפּט מיט פייכטקייט זאָלען בלאָזען פון ים, האָבען מיר

אראָפּגעהאַקט די בערג, צובראָכען און צומאָלען די שטיינער און פאַרשאָטען די זומפּען. און דער סוף איז געווען, אַז דאָרטען, וואו עס זיינען אַמאָל געווען זומפּען איז איצטער פרוכטבארע לאַנד, און פון ים האָבען אָנגעהויבען בלאָזען ווינטען אָנגעזאַפּט מיט פייכטקייט, און עס פאָרמירען זיך וואָלקענס. ..

— אראָפּגעהאַקט בערג? — האָט האָפמאַן איבערגעפרעגט.

— ניט די גאַנצע בערג, נאָר עטוואָס מעהר ווי אַ העלפט אראָפּגעהאַקט; פונקט גענוג אַז ווינטען אָנגעזאַפּט מיט פייכטקייט זאָלען קענען בלאָזען פון ים.

— און ווי אַזוי פאָרמירען זיך די וואָלקענס לעבען יענעם בארג אין מערב?

— אויף יענעם בארג אין מערב זיינט איהר דאָך געווען, האָט איהר דאָך באַמערקט, אַז די שפּיצען זיינען דאָרטען אראָפּגעהאַקט און אויסגעגלייכט אין איין פלאַך.

— יאָ, יאָ, איך האָב עס באַמערקט און זיך אפילו געוואונדערט, — האָט האָפמאַן אונטערגעכאַפּט.

די שפּיצען פון יענע בערג אין מערב האָבען מיר אראָפּגעהאַקט און אויסגעגלייכט, — האָט לאה פאָרטגעזעצט איהרע ערקלערונגען, — און געעפענט אַ וועג פאַר קילערע שטראָמען לופט וואָס קומען פון יענער זייט סמבטיון.

— אמת, אמת, — האָט האָפמאַן אונטערגעכאַפּט. — ווען איך בין ארויף אויף יענעם בארג, האָב איך געפיהלט ווי עס בלאָזט דאָרטען אַ שטענדיגער ווינט.

— דאָס בלאָזען איצטער דאָרטען די ווינטען, ווען מען האָט די שפּיצען פון די בערג אראָפּגעהאַקט, — האָט לאה ווייטער געזאָגט, — אָבער פריהער זיינען די בערג געווען אַזוי הויך, אַז די ווינטען האָבען ניט געקענט אריבערבלאָזען. דאָס זעלבע האָבען מיר אויך געטאָן אין מזרח. דאָרטען האָבען מיר אויך אראָפּגעהאַקט די שפּיצען פון די בערג און געעפענט אַ וועג פאַר פייכטע און וואַרימע ווינטען פון ים. און אָט די צוויי לופט שטראָמען: איינער אַ וואַרימער און אַ פייכטער וואָס בלאָזט פון מזרח, און דער צווייטער אַ טרוקענער און קאַלטער וואָס בלאָזט פון מערב, באַגעגענען זיך, און עס פאָרמירען זיך די וואָלקענס.

— אויב איך פאַרשטעה אייך ריכטיג, — האָט האָפמאַן געזאָגט, — האָט איהר אָט דעם ים מיט וואָלקענס אַזוי צו זאָגען, באַשטעלט ביי דער נאַטור?

— איהר האָט עס ריכטיג פאַרשטאַנען, — האָט לאה אונטערגעכאַפּט צופרידען מיט דעם וואָס ער פאַרשטעהט זי. — מען האָט אומישנע און אבזיכטליך אזוי ארומגעהאקט די שפּיצען פון די בערג, אז ביי דער גאנצער לענג פון די מערב בערג זאָל זיך פאַרמירען א שטענדיגער וואָלקען א דריי קילאָמעטער טיף אין לאנד אריין. און וואָלטען מיר געוואָלט, אז דער ים פון וואָלקענס זאָל זיין נאָך א גרעסערער, אָדער טיפערער, וואָלטען מיר די בערג אין מזרח מעהר ארומגעהאקט. איבערהויפּט איז עס א זאך, וואָס לאָזט זיך קאָנטראָלירען. נאָר א זאך איז דאָ פאַרגעקומען: אין צפון זייט איז געווען א גרויסער שפּאַלט צווישען די בערג, און דאָס האָט געשטערט די פּלענער. האָט מען יענעם שפּאַלט פאַרשאָטען, און אויסגעפיהרט וואָס מען האָט געוואָלט.

— און צו וואָס דאַרפט איהר דעם ים פון וואָלקענס?

— צוליב פאַרשידענע צוועקען. ערשטענס דאַרפען מיר בכלל האָבען א געוויסע מאָס פייכטקייט אין לאנד. צווייטענס וואקסען דאָרטען, אונטער די וואָלקענס, אזעלכע פלאַנצען, וואָס דאַרפען האָבען א סך פייכטקייט, און פאַר זיי איז געזינטער צו זיין פאַרשטעלט פון דער זון, און דריטענס פאַלען דאָרטען א סך רעגענס וואָס זאמלען זיך אָן אין א קאַנאַל דירעקט צו די מערב בערג. דאָס וואסער פליסט אין א טייך, און אין א געוויסען אָרט פאַרמירט זיך א גרויסער וואסער פאַל וואָס פּראָדוצירט די גאנצע עלעקטריציטעט אין וועלכע אונזער לאנד נויטיגט זיך.

לאה מיט האָפמאַנ'ען זיינען געזעסען אין לופט שיפעל, וואָס האָט אזוי לייכט און שטיל געשוועבט אין דער לופטען, און האָבען געשמועסט. זיי זיינען אריבערגעפלויגען א שטאָדט און האָבען אָנגעהויבען פליהען איבער א טרוקענע וויסטעניש, וואו קיין פלאַנצען האָבען ניט געוואקסען. די וויסטעניש איז געווען באדעקט מיט בערגלאך זאמד ווי כוואַליעס אויפ'ן ים.

— וועגען אָט דער וויסטעניש האָט מיר ברוך דערצעהלט, — האָט האָפמאַן געזאָגט אָנצייגענדיג מיט דער האנט אויף דעם זאמדיגען ים. — ער האָט מיר געהאט געגעבען א לעקציע אין געאָגראַפיע פון אייער לאנד. אָבער אויב איהר קענט אלצדינג איבערמאכען, פאַרוואָס-זשע מאכט איהר ניט איבער אזא ריזיגע שטיק וויסטעניש אין א פרוכטבאַר לאנד?

— ווייל מיר דאַרפֿן די וויסטעניש צוליב אונזערע קלימאַטישע באַדינגונגען, — האָט לאה געענטפֿערט. — ווען מיר זאָלן די וויסטעניש פֿאַרוואַנדלען אין פֿרוכטבאַרע לאַנד, וועט זיך דער קלימאַט אונזערער ענדערן צו ערגער.

פֿון דער ווייטנס האָבן זיך באַוויזן בערג, און אַ האַלבע שעה שפּעטער זיינען זיי אַהין צוגעפֿלויגן און זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד. דאָ, אַרום די בערג, איז אַנגעגאַנגען אַ לעבעדיקע טעטיקייט. מאַשינען זיינען געשטאַנען און געגראָבן די ערד און אָנגעפּילט אָפֿענע וואַגאָנעס מיט שטיינער. און ווי נאָר אַ וואַגאָן איז אָנגעפּילט געוואָרן מיט שטיינער, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן אין דער לופֿטן און איז ערגעץ אַוועקגעפֿלויגן. די גאַנצע לופֿט איז געווען פֿול מיט אַזעלכע וואַגאָנעס. לאַנגע צוגען מיט וואַגאָנעס אָנגעלאָדן מיט שטיינער האָבן זיך אַוועקגעטראָגן ערגעץ אין צפֿון זייט, און פֿון דאָרטן זיינען צוריק געקומען לאַנגע צוגען מיט אויסגעליידיקטע וואַגאָנעס. אַרום די וואַגאָנעס און אַרום די מאַשינען האָבן זיך אַרומגעדרעהט מענשן.

— וואָס קומט דאָ פֿאָר? — האָט האָפֿמאַן געפֿרעגט.

— מען מוז אַ שטיק באַרג אַריבערטראָגן אין אַן אַנדער אָרט, אַ פֿופֿציג מייל פֿון דאַנען, — האָט לאה געענטפֿערט. — מעטעאָראָלאָגישע אויספֿאָרשונגען האָבן באַוויזן, אַז ערגעץ ווייט, אפֿשר אַ טויזענט מייל פֿון דאַנען, האָט זיך דער קלימאַט געענדערט צוליב אומבאַקאַנטע אורזאַכען, און דאָס האָט זיך אָפּגערופֿן זעהר שעדליך אויף אונזער קלימאַט. מוז מען אַ שטיק באַרג אַריבערפֿיהרען פֿון דאַנען, און דאָס וועט פֿאַרריכטען די לאַגע.

— און ווי אַזוי רייסט איהר אויף די בערג?

— מען רייסט זיי ניט, — מען שניידט זיי, — האָט לאה געענטפֿערט. — עס זיינען דאָ פֿאַראַן אַזעלכע קורצע רעהרען פֿון אַ זעהר האַרטען מעטאַל און נאָך אַרומגעזעצט מיט שאַרפֿע דימענטען ביי די ברעגען. אָט די רעהרען דרעהען זיך אַזוי שנעל, אַז זיי שניידען זיך אַריין אין די פֿעלזיגע שטיינער ווי אַ מעסער אין פּוטער, אויף אַזאַ אופֿן ווערען ריזיגע שטיקער פֿעלז אָפּגעהאַקט, אָנגעלאָדען אין וואַגאָנעס, אָפּגעפֿיהרט אַ פֿופֿציג מייל פֿון דאַנען, און דאָרטען שיט מען זיי אויס אין אַ באַרג.

— אָבער ווען אייערע מעטאַלענע רעהרען דרעהען זיך אַזוי

שנעל, אז עס קען שניידען פעלזען ווי פוטער, מוז דאָך דער מע־טאַל אָנגעגליהט און צושמאָלצען ווערען פון רייבונג, האָט האָפּ־מאַן באַמערקט.

— נו, אויב מען האָט ביי אייך געקענט פּראָדוצירען אַזעלכע מעטאַלען, וואָס ווערען אנגעגליהט פון רייבונג און ווערען ניט ווייכער, — פאַרוואָס זאָל מען עס ניט קענען מאַכען ביי אונז? — האָט לאַה געענטפערט. — אַ חוץ דעם זיינען דאָ נאָך פאַראַן אַזעלכע איינריכטונגען, וואָס דערלאָזען ניט אז די מעטאַלען זאָלען צושמאָלצען ווערען פון רייבונגען.

לאה און האָפּמאַן האָבען זיך דאָ נאָך אַרומגעדרעהט אַ שטיקעל צייט, און האָפּמאַן האָט געזעהן ווי אַזוי ריזיגע שטיינער זיינען אָפּגעשניטען געוואָרען פון פעלז און אָנגעלאָדען געוואָרען אויף די וואַגאָנעס; ווי אַזוי די וואַגאָנעס האָבען זיך אויפגעהויבען עטליכע הונדערט פוס הויך און זיך אַוועקגעטראָגען ערגיץ אין דער לופטען אין אַ צפון׳דיגער ריכטונג. און דערנאָך האָבען זיי זיך אַריינגעזעצט אין זייער לופט־שיפעל און זיינען אָפּגעפלויגען צוריק קיין שלישאָווע.

.21

אין אָוועגט זיינען זיי ביידע אַרומגעגאַנגען אין פּאַרק געאַרעמט און געשמועסט. לאה האָט אין פּאַרק ניט געוואָלט געהן. זי האָט טאַקע אויסגעזעהן צו זיין מיעד. אָבער האָפּמאַן האָט זי אַזוי שטאַרק געבעטען, אַז זי האָט איהם געמוזט נאָכגעבען.

— ווי געפעלט אייך ברוך? — האָט לאה פּלוצים אַ פרעג געטאָן גלאַט אַזוי זיך.

— ער איז זעהר אַ פיינער מאַן, — האָט האָפּמאַן געענטפערט.

— איך בין געוועזען זעהר צופרידען מיט דער באַקאַנטשאַפט. ער האָט מיר דערצעהלט, אז ער וואוינט מיט זיין מוטער. איך האָב איהם פאַרגעסען צו פרעגען צי ער איז פאַרהייראַט, אָדער ניט.

— און גוט האָט איהר געטאָן, וואָס אהיר האָט ניט געפרעגט. — האָט לאה געזאָגט. — עס איז ביי איהם אַן אנגעוועהטאָגטע פראַגע.

— אַ טראַגישער ראָמאַן?

— אומגעפעהר אַזוי.

— אדרבה, דערצעהלט, אויב עס איז קיין סוד ניט. איך בין נייגעריג צו הערען ווי אזוי מען ראָמאַנסירט ביי אייך, — האָט האָפּמאַן געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— עס איז ניט קיין סוד, — האָט לאה געענטפערט, — ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ מיידעל. זי איז מיינע אַ נאָהענטע פריינדין און איהר נאָמען איז חנה. זי שטאַמט פון אַ מוזיקאַלישער פאַמיליע. איהר פאָטער איז אַן אנגעזעהענער זינגער; איהר ברודער איז איינער פון די גרעסטע פּיאַניסטען, און זי אַליין זינגט אָפט אין אָפּערא. האָט זי באַשלאָסען, אז הייראַטען מוז זי נאָר מיט אַ מוזיקער כדי צו זיין זיכער, אַז איהרע קינדער וועלען אויך זיין מוזיקער. און פּלוצים האָט זי זיך פאַרליבט אין ברוכ'ן. און ברוך איז גראַדע דער אום-מוזיקאַלישסטער מענש וואָס זי האָט נאָר אַמאָל באַגעגענט. האָט זי שרעקליך געליטען. זי האָט דאַן איבערגעלעבט אַ טיפע טראַגעדיע. איך בין איהר נאָהענטסטע פריינדין, און מיט מיר האָט זי זיך געטיילט מיט אַלע איהרע ליידען.

לאה האָט זיך אָפּגעשטעלט ווי פאַרטיפט אין עראינערונגען.

— און וואָס איז געוועז דער סוף? — האָט האָפּמאַן געפרעגט נאָך אַ קורצער פּויזע.

— זי וואָלט מסתמא מיט ברוכ'ן געהייראַט, ווייל זי האָט איהם שטאַרק ליעב געהאַט. אָבער דערוויילי האָט זי באַגעגענט אַ יונגען מוזיקער, זעהר אַ באַגאַבטען. ער איז געוועזן איהר אידעאַל. פון אָנפאַנג איז זי געוועזן גאַנץ גלייכגילטיג צו איהם, און ער איז געוועזן גלייכגילטיג צו איהר. איז זי אוועק אין האָספּיטאַל און זיך געלאָזט פאַנאַנדערליבען אין ברוכ'ן.

— פאַ-נאַנ-דער-ליבען? ! . . . — האָט האָפּמאַן אויסגערופען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך?

— ביי אונז איז פאַראַן אַ פּסיכאָלאָגישע טעאָריע, אַז ווען אַ מאַן און אַ פרוי ליבען זיך איינער דעם צווייטען, — האָט לאה געענטפערט, — מיינט עס, אַז זייערע גייסטער, זייערע מארכען און זייערע נערוועז זיינען טעטיג אין איינקלאַנג און וויברירען אין האַרמאָניע, ווי אַ סטרונע פון אַ פידעל און אַ סטרונע פון אַ פּיאַנאָ, וואָס זיינען אנגעשטעלט אין זעלבען טאָן. איז זי אוועק אין האָספּיטאַל און זיך געלאָזט באַהאַנדלען מיט געוויסע שטראַהלען אויף אַזאַ אופן, אַז איהר מארך און איהרע נערוועז זאָלען אָנהויב־

בען וויברירען אין אן אנדער ריטם. זי האט, אזוי צו זאגען, איבערגעשטעלט די סטרונעס פון איהר נשמה אין אן אנדער טאן. און ווען זי איז ארויס פון האספיטאל איז זי געווארען צו ברוך'ן אזוי גלייכגילטיג, ווי צו א גאנץ פרעמדען מאן. דערנאך האט זי אנגעהויבען פארפאלגען יענעם יונגענמאן אזוי לאנג, ביז ער האט מיט איהר געהייראט. איצטער האט זי א אינגעלע פון א יאהר פינף, און ער צייגט ארויס גרויסע מוזיקאלישע פעהיגקייטען.

— און ברוך? ..

— און ברוך ליידט. ער קאן זי ניט פארגעסען.

— קען ער זיך דאך אויך „פאנאנדערליבען"?

— איך האב מיט איהם וועגען דעם אמאל גערעדט, — האט לאה געזאגט. — ער וויל עס ניט. די בענקשאפט נאך איהר, די עראינערונג וועגען איהר און די ליידען גופא זיינען איהם אזוי זיס און טייער, אז ער וויל זיך מיט זיי ניט שיידען.

האפמאן האט זיך איינגעהערט צו איהרע רייד און געטראכט:

— „א מאדנע לאנד און מאדנע מענשען" . . .

ארומשפאצירענדיג אזוי איבער'ן פארק זיינען זיי פארגאנגען אין א זייטיגער האלב טונקעלער אלעיע, וואו זעלטען ווען א מענש פלעגט דורכגעהן, און זיך געזעצט אויף א באנק. און ווי נאר זיי האבען זיך אויף דער באנק געזעצט, האט האפמאן, ווי ער זאל האבען לאנג געווארט אויף דער געלעגענהייט, פלוצים ארומגענו-מען לאה'ן, האט זי צוגעדריקט צו זיך און זי אנגעהויבען קושען. און לאה איז געזעסען אין זיינע ארעמס מיט איהר קאפ אנגעשפארט אויף זיין ברוסט און מיט די הענט הילפלאז אראפגעלאזען אויף איהרע קניה. זי איז געווען ווי פאר'חלש'ט.

ענדליך האט זי זיך פון איהם באפרייט, האט זיך אביסעל אפגערוקט פון איהם, האט אויסגעדרעהט איהר פנים צו איהם און געפרעגט:

— צו וואס טוט איהר עס, האפמאן?

— ווייל איך האב אייך ליב.

— טוט עס ניט מעהר, עס וועט סאי ווי צו גארניט פיהרען.

— האט איהר מיך דען ניט ליב?

— יא, האפמאן, איך האב אייך ליב, — האט לאה געענט-פערט איינפאך און פשוט. און דאך קען צווישען אונז גארניט זיין.

— פאַרוואָס, לאה?

— ווייל מיר זיינען גאַנץ פאַרשידענע מענשען און באַלאַנגען צו צוויי גאַנץ פאַרשידענע מענשליכע מינים. איהר האָט מיך דאָן געפרעגט, פאַרוואָס איך בין צו אייך פריהער ניט געקומען ווען איך האָב געוואוסט אַז איהר זענט דאָ. אהיר ווייסט אָבער ניט וואָס פאַר אַ קאַמף איך האָב מיט זיך אָנגעפירט. איך האָב אייך צו שטאַרק ליעב, און פאַר מיר איז געווען צו ריזיקאַליש אייך צו באַגעגענען. עס האָט געמוזט פיהרען צו איבעריגע ליידען. צוויי אווענטען נאָכאַנאַנד בין איך אַרומגעלאָפען איבער׳ן פּאַרק אייך זוכען. אַ פּאָר מאָל האָב איך אייך באַגעגענט און אַ פּאָר מאָל האָב איך אייך איבערגעיאָגט . . .

— זענט איהר דאָס טאַקע געווען?! — האָט האָפמאַן אויסגערופען און זי אָנגעכאַפּט ביי די הענט. — איך האָב אָבער געפיהלט . . . איך האָב אָבער זיך אַליין ניט געגלויבט . . . איך האָב זיך עס ניט געקענט פאָרשטעלען . . .

— יאָ, האָפמאַן, דאָס בין איך געווען, איך האָב געוואוסט, אַז איהר האָט מיך באַמערקט, נאָר זיך אַליין נישט געגלויבט. איך האָב עס געוואוסט . . . נו, און ענדליך האָב איך באַשלאָסען, אַז איך מוז אייך זעהן, האָב איך פאַרגעשלאָגען שלום׳ען, אַז ער זאָל מיך באַשטימען אַלס אייער באַגלייטערין. און בין געקומען צו אייך . . . און דאָך קאָן צווישען אונז גאָר נישט זיין. איך קאָן אייער פרוי ניט ווערען . . .

— פאַרוואָס, פאַרוואָס, לאה?

— איך האָב געזאָגט פאַרוואָס. ווער איך אייער פרוי — וועל איך פון אייך האָבען קינדער, וואָס וועלען טראָגען אין זייערע בלוטען די אַלע קערפּערליכע און גייסטיגע חסרונות געגען וועלכע אונזער לאַנד האָט אַזויפיל געקעמפט. עס קאָן אַנטשטעהן אַ נייער דור, וואָס וועט זיין מעהר עהנליך צו אייערע מענשען, ווי צו אונזערע. און מיר וועלען דאַרפען אָנהויבען דעם קאַמף פון דאָס ניי. צו זעכציג יאָהר וועל איך זיין אין בלי פון לעבען, און איהר וועט זיין אַן אַלטער, אָפּגעלעבטער מאַן. מיינע קינדער און מיינע אייניקלאַך וועלען שטאַרבען פאַר מיר, און אויף דער עלטער וועל איך בלייבען אַליין . . .

לאה אזי געזעסען מיט איהר רעכטער האנט אָנגעשפּאַרט אָן באַנק און זיך טרויעריג פאַרטראַכט.

— איהר זאָגט דאָך, אַז איהר האָט מיך ליעב; טאָ וואָס-זשע וועט איהר טאָן מיט אייערע אייגענע געפיהלען? — האָט האָפּ-מאַן געפרעגט קוקענדיג אויף לאה'ן.

לאה האָט געשוויגען.

— וועט איהר טאָן דאָס זעלבע, וואָס חנה האָט געטאָן?...

— אויב עס וועט קיין אַנדער ברירה נישט זיין . . . —האָט לאה שטיל און טרויעריג געענטפערט.

פּלוצים האָט זי זיך אויפגעהויבען:

— קומט, האָפּמאַן, איך מוז געהן אַהיים.

זיי האָבען גענומען דעם אמניבוס און זיינען אַוועקגעפאָהרען צוריק אין שטאָדט אריין.

22.

אויף מאָרגען איז האָפּמאַן אויפגעשטאַנען פריהער ווי געוועהנ-ליך און אָנגעהויבען אומגעדולדיג וואַרטען אויף לאה'ן.

פּלוצים האָט ער דערהערט אַ סיגנאַל אין טעלעפאָן.

— דאָס איז שמואל פון מעבר. ווער רעדט? — האָט האָפּ-מאַן אריינגערעדט אין טעלעפאָן אריין.

— דאָס איז שלום בר יצחק — האָט דער טעלעפאָן געענט-פערט, — ר' שמואל, איך האָב אייך געוואָלט פרעגען: האָט איהר לאה'ן געקענט אין אַמעריקע?

האָפּמאַנ'ען האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין הארצען. איהם איז די פראַגע ניט געפעלען געוואָרען. ער האָט געטראַכט וואָס צו ענט-פערען אזוי, אַז ער זאָל חלילה לאה'ן ניט קאָמפּראָמעטירן. אָבער דערווייל האָט שלום דורכ'ן טעלעפאָן געזאָגט:

— ר' שמואל, עס איז זעהר וויכטיג, אַז איהר זאָלט זיין פּינקטליך מיט אייערע ענטפערס.

און געקלונגען האָט עס ווי אַ וואָרנונג, אַז ער, האָפּמאַן, זאָל נישט געבען קיין אויסגעטראַכטע ענטפערס.

האָפּמאַן האָט זיך דערמאַנט אָן דעם „קאָאָרדינאַטאָר" און גע-זאָגט:

— יאָ, איך האָב זי געקענט.

— ווייסט איהר ניט צי זי איז דארטען אמאל געווען קראנק?

— יא, זי איז איינמאל געווען געפעהרליך קראנק.

— ווייסט איהר ניט, ווי אזוי זי איז געזונט געווארען.

— זי האט מיך געשיקט צו א מאן מיט'ן נאמען מנחם, און איך האב איהר פון דארטען געבראכט א פיל. זי האט דעם פיל איינגעשלונגען, און אויף מארגען איז זי געווען פאלשטענדיג געזונט.

— געדענקט איהר ניט וואס פאר א פיל דאס איז געווען?

— פיל נומער 9.

— אויב אזוי, איז דא א האפנונג אז זי וועט געזונט ווערען.

— וואס איז דען מיט איהר? — האט זיך האפמאן איבערגעשראקען.

— זי ליגט אין האספיטאל געפעהרליך קראנק. אבער אויב זי האט דאן גענומען פיל נומער 9, איז דא האפנונג.

— וואס איז מיט איהר? וואס איז מיט איהר? — האט האפמאן אנגעהויבען שרייען אין טעלעפאן אריין.

— זי ליגט אין א באוואוסטלאזען צושטאנד, און באלד וועט מען איבער איהר מאכען אן אפעראציע — האט שלום געענטפערט — איך קאן מיט אייך אבער מעהר נישט רעדען, ווייל איך מוז אייער אינפארמאציע איבערגעבען ווייטער.

האפמאן איז אפגעטראטען פון דעם טעלעפאן און זיך פארצווייפעלט געכאפט פאר'ן קאפ.

— לאה! . . . לאה! . . . אפעראציע . . . האספיטאל . . . וואו איז דער האספיטאל? . . .

מיט ביידע הענט האט ער געדריקט דעם קאפ ווי ער זאל וועלען צוזאמענקלייבען די געדאנקען: האספיטאל . . . עפעס א באקאנטע זאך . . . עפעס האט ער אן עראינערונג וועגען דעם האספיטאל . . . א, יא . . . ער האט דאן געדריקט דאס קנעפעל פון האספיטאל, שיער געבראכט צו אן אומגליק . . . דער האספיטאל איז אויף דעם צוויי-און-פופציגסטען שטאק . . . מען דארף אהין געהן . . .

האפמאן איז ארויס אין קארידאר, האט זיך מיט'ן עלעוויטאר אויפגעהויבען אויף דעם צוויי-און-פופציגסטען שטאק און איז צוגעגאנגען צו א טיר מיט א רויטען מגן דוד.

ער האָט די טיר געעפענט און איז אַריין אין אַ גרויסען פּאָ-
דער צימער. דאָ זיינען געווען עטליכע מענער און פרויען, אַלע
אנגעטאָן אין ווייסען. ביי איינינגע פון זיי זיינען אויף די אַר-
בעל געווען קליינע רויטע מגן דוד'ס. די נאָהענטסטע צום אריינ-
גאנג זיינען געווען אַ מאַן און אַ פרוי. זיי זיינען געשטאַנען איינער
אנטקעגען דעם צווייטען און געערדט צווישען זיך. די פרוי האָט
אָפּגעמאָסטען האָפּמאַנ'ען מיט די אויגען און געפרעגט וועמען ער
זוכט און צי זי קאָן איהם העלפען.

— לאה . . . — האָט האָפּמאַן אָנגעהויבען שטאַמלען — אפּע-
ראַציע . . . וואו איז די אפּעראַציע ? . . .

דער מאַן, וואָס האָט מיט דער פרוי גערעדט, אַ הויכער, אַ
שעהנער, מיט אַ לענגליכען פּנים און מיט אַ שפּיציג רויט בער-
דעל, האָט זיך זעהר פריינטליך געווענדעט צו האָפּמאַנ'ען:

— אנטשולדיגט: זוונט איהר ר' שמואל פון מעבר?

— יאָ, — האָט האָפּמאַן געענטפערט.

— איך פאַרשטעה, אַז איהר וואָלט געוואָלט אנוועזענד זיין
ביי דער אפּעראַציע? אויב איהר ווילט — קאָן איך אייך העל-
פען.

— איך וועל אייך זיין זעהר דאַנקבאַר — האָט זיך האָפּמאַן
אָנגעכאַפּט — ווען וועט די אָפּעראַציע פאָרקומען?

— אין אַ צעהן מינוט אַרום. קומט.

זיי זיינען דורכגעגאַנגען עטליכע צימערען. אויפ'ן וועג האָט
האָפּמאַן געפרעגט:

— וואו איז זי? . . . איך מיין: וואו איז די פּאַציענטין.

— זי איז אין האָספּיטאַל אין רישאַנאַווע, אָבער די אָפּעראַ-
ציע וועלען מיר דאָ זעהן. דאָס איז אַ זעלטענע אָפּעראַציע, און
אַלע מעדיקער און ביאַלאָגען זיינען אין דעם פאַראינטערעסירט.

זיי זיינען אַריינגעקומען אין אַ גרויסען צימער. דאָ זיינען גע-
שטאַנען אַ סך שטולען אויסגעשטעלט אין רייען אין אַ האַלבען
קרייז, איין קרייז העכער פון צווייטען. אויף די שטולען זיינען
געזעסען עטליכע הונדערט מענער און פרויען און געוואַרט. אנט-
קעגען איז געווען אַ גרויסער מאַטאָווער שפּיגעל וואָס האָט פאַר-
נומען כמעט די גאַנצע וואַנט: און פון ביידע זייטען זיינען גע-
ווען צוויי שפּיגלען קלענערע.

דער מאַן מיט'ן שפּיציגען בערדעל האָט דורכגעפיהרט האַפּ-מאַנ'ען דורך די רייען שטולען, האָט געפונען צוויי פּלעצער אין צענטער און זיי האָבען זיך געזעצט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אָפּעראַציע ? — האָט האָפּמאַן שטיל געפרעגט ביי זיין באַגלייטער, און געפיהלט האָט ער, אַז הענט און פיס שטאַרבען איהם אָפּ.

— די פּאַציענטין האָט זעהר הויכען פיבער. די גאַנצע בלוט איז ביי איהר פאַרגיפטעט פון באַצילען. וועט מען איהר די בלוט רייניגען.

אין דעם מאָמענט איז אין צימער געוואָרען טונקעל, און דער גרויסער שפּיגעל אַנטקעגען איז באַלויכטען געוואָרען פון אינע-ווייניג. אין שפּיגעל האָט האָפּמאַן דערזעהן אַ גרויסען ווייסען צימער. אין מיטען צימער איז געשטאַנען אַ הויך בעטעל, און לע-בען בעטעל זיינען אויף הויכע גאָלדענע פיסלאַך געשטאַנען עטלי-כע גלעזערנע אַפּאַראַטען, מיט גלעזערנע רעהרלאַך און אַ מין עלעקטרישער לאָמפּ. עטליכע מענער און פרויען, אנגעטאָן אין ווייסען האָבען זיך דאָרטען ארומגעדרעהט.

פּלוצים האָט זיך געעפענט אַ זייטיגע טיר, און אין צימער האָט מען אריינגעשטופּט אַ הויך בעטעל אויף רעדלאַך, אויפ'ן בע-טעל איז געלעגען דער קערפּער פון אַ פרוי צוגעדעקט מיט אַ ליי-לאַך ביז'ן האַלז. דאָס צווייטע בעטעל האָט מען צוגעפיהרט צו דאָס ערשטע. צוויי פרויען און צוויי מענער האָבען אנגענומען די ברעגען פון ליילאַך, אויף וועלכען די קראַנקע איז געלעגען, און איבערגעטראָגען אויפ'ן ערשטען בעטעל, און דאָס צווייטע האָט מען אָפּגעפיהרט אַן אַ זייט. אין דעם מאָמענט האָט האָפּמאַן דער-זעהן דעם פּנים פון דער קראַנקער און דערקענט לאה'ן. דער פּנים איז געווען בלאַס, די אויגען פאַרמאַכט און די באַקען איינגעפאַ-לען. זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ טויטע. ביי האָפּמאַנ'ען האָט אַ קלעם געטאָן אין הארצען. ער האָט זיך אָבער איינגעקלאַמערט מיט זיינע פינגער אַן די זייטלאַך פון זיין שטול און איז געבליבען זי-צען אויף אַן אָרט.

די עטליכע מענער און פרויען, אַלע אין ווייסען, וואָס האָבען זיך אין יענעם צימער געפונען, האָבען זיך דערווייל ארומגעשטעלט פון אַלע דריי זייטען פון בעטעל. די פערטע זייט, וואָס צום פּוב-

ליקום, איז געבליבען נישט פֿאַרשטעלט: איינער פֿון די מענער, אַ הויכער און אַן עלטערער, האָט אַרויסגענומען לאה'סביידע הענט פֿון אונטער'ן ליילאַך און זיי אַוועקגעלייגט אויפ'ן ליילאַך. דערנאָך האָט ער אנגענומען דעם עק פֿון אַ רעהר, וואָס איז געווען דין און פֿאַרשפּיצט, און אַריינגעשטאָכען לאה'ן אין האַנט אַריין.

אין דעם מאָמענט זיינען די צוויי זייטיגע קלענערע שפּיגלען אויך באַלויכטען געוואָרען, און אין זיי האָט מען דערזעהן לאה'ס הענט, דעם דאָקטאָר'ס הענט און די שפּיצען פֿון די רערען. די אַלע זאַכען זיינען דאָ געווען אַזוי פֿאַרגרעסערט, אַז די פֿינגער האָבען אויסגעזעהן ווי קלעצער, און אויף דעם דאָקטאָר'ס טיילווייז נאַקעטע הענט האָט מען געקענט איבערצעהלען די האָר, ווען מען האָט געקוקט אין דעם גרויסען מיטעלסטען שפּיגעל, האָט מען געזעהן דעם גאַנצען צימער און אַלץ, וואָס דאָרטען איז פֿאָרגעקומען. און ווען מען האָט געקוקט אין די זייטיגע קלענערע שפּיגלען, האָט מען געזעהן בלויז די הענט און די שפּיצען פֿון די רערלאַך און בכלל די אַלע זאַכען, וואָס האָבען געהאַט אַ דירעקטע שייכות צו דער אָפּעראַציע.

דערווייל האָט דער דאָקטאָר גענומען דעם דינעם און שאַרפֿען עק פֿון אַ צווייטער רעהר און אַריינגעשטאָכען לאה'ן אין דער צווייטער האַנט. קוקענדיג טיילווייז אין דעם גרויסען, און טיילווייז אין דעם זייטיגען קלענערען שפּיגעל, האָט האָפֿמאַן געזעהן, ווי דאָס בלוט פֿון לאה'ס האַנט האָט אָנגעהויבען פֿליסען דורך די גלעזערנע רעהרלאַך און דורך פֿאַרשידענע גלעזערנע כלים.

דער הויכער מאַן מיט'ן שפּיציג בערדעל, וואָס איז לעבען איהם געזעסען, האָט זיך אָנגעבויגען צו האָפֿמאַנ'ען און איהם אָנגעהויבען ערקלערען:

— דאָס בלוט פֿון איהר קערפּער ווערט געטריבען מיט אַ פּאָמפּ דורך יענע רעהרלאַך. איהר זעהט? דאָס בלוט געהט אַרויס פֿון איין האַנט, געהט דורך די אַלע רעהרלאַך און כלים און געהט דערנאָך אַריין צוריק אין קערפּער דורך דער צווייטער האַנט. איהר זעהט אָן יענע גלעזערנע כלי? דאָרטען נעמט אָן דאָס בלוט פֿרישע זויער-שטאָף. און דאָרטען זעהט איהר יענעם לאָמפּ? פֿון יענעם לאָמפּ פֿאַלען עס אַזעלכע מעכטיגע שטראַהלען. די שטראַהלען פֿאַלען אויף די רעהרען מיט בלוט און טויטען די באַ-

צילען. אויף אזא אופן ווערט דאָס בלוט געריייניגט. דאָס בלוט, וואָס געהט ארויס פון איין האַנט איז פול מיט באַצילען. און ווען עס קומט צוריק אין קערפּער, איז עס ריין פון באַצילען.

די אָפּעראַציע האָט געדויערט אַ מינוט צעהן. ענדליך האָט דער דאָקטאָר ארויסגענומען די שפּיציגע רעהרלאַך פון לאה'ס הענט, און די וואונדען פאַרבאַנדאַזשירט. צוויי מענער און צוויי פרויען האָבען ווידער אָנגענומען די ברעגען פון ליילאַך, אויף וועלכען זי איז געלעגען, און זי איבערגעטראָגען אויף דעם צווייטען בעטעל. אין דעם מאָמענט האָט זיך דאָס ליכט אין די שפּיגלען אויסגעלאָשען; דער צימער, וואו די אָפּעראַציע איז פאָרגעקומען, איז פאַרשוואונדען, און אין אודיטאָריום איז געוואָרען ליכטיג.

די מענער און פרויען, וואָס האָבען זיך אין אודיטאָריום געפונען, האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער און אָנגעהויבען פאַרלאָזען דעם צימער. האַפּמאַן האָט אָפּגעדאַנקט דעם מאַן מיט'ן שפּיציג בערדעל און איז אוועק צו זיך.

.23

ווי אַ ווילדע חיה אין אַ שטייג איז האַפּמאַן ארומגעלאָפען איבער זיין צימער עטלאַכע שעה נאָכאַנאַנד. ער האָט געוואָלט אָפּרופען דעם האָספּיטאַל און פרעגען וואָס לאה מאַכט; האָט ער אָבער ניט געוואוסט ווי אַזוי דאָס צו טאָן און לאה'ן ניט קאָמפּראָמעטירען. ער האָט געטראַכט, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען ווען ער זאָל אָפּרופען דעם מאַן מיט'ן שפּיציג בערדעל און איהם פרעגען וואָס מאַכט די פּאַציענטקע. יענער וואָלט עס אָנגענומען אַלס אַן איינפאַכע נייגעריגקייט וועגען דעם אויסגאַנג פון אַן אָפּעראַציע וועלכע ער, האַפּמאַן, האָט צופעליג בייגעוואוינט. האָט ער אָבער זיין נאָמען און אַדרעס ניט געוואוסט. אַז מען איז אַזוי צוטראָגען . . .

און פּלוצים האָט ער דערפיהלט אַז ער וועט די אומוויסענהייט וועגען לאה'ס שיקזאַל מעהר ניט אויסהאַלטען. האָט ער באַשלאָסען צו געהן אין האָספּיטאַל און פרעגען וואָס זי מאַכט, — און זאָל זיין יאָ קאָמפּראָמעטירען, אָדער ניט קאָמפּראָמעטירען . . . און אפשר וועט ער זי דאָרטען זעהן פּערזענליך . . .

ער איז אַרויסגעלאָפּען אין קאָרידאָר, האָט גענומען דעם ער־שטען בעסטען עלעווייטאר, האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אונטען, גע־נומען דעם ערשטען צוג און איז אַוועקגעפאָהרען קיין רישאַנאָווע. אָהן שוועריגקייטען האָט ער דאָרטען געפונען דעם האָספּיטאַל און איז אַהין אריין. אַ מיטעליעהריגע פרוי אין ווייסען האָט איהם באַגעגענט און געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט.

— איך האָב געוואָלט וויסען וואָס מאַכט לאה. מען האָט זי היינט אָפּערירט, — האָט האָפמאַן געזאָגט דירעקט און אָהן צערעמאָניעס.

— זי פיהלט גאַנץ גוט, — האָט די פרוי געענטפערט.

— קען איך זי זעהן ?

— איך מוז איהר פריהער פרעגען. ווי איז אייער נאָמען ?

— זאָגט איהר, אַז האָפמאַן וויל זי זעהן.

— דאָס זיינט איהר ר׳ שמואל פון מעבר ?

— יאָ.

— וואַרט אוים אַ ווײַלע, זייט אַזוי גוט.

די פרוי איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען. עטלאַכע מינוט שפּעטער איז זי געקומען צוריק און איהם אַנגעציינט ווי אַזוי צו געהן :

— געהט אַזוי גלייך, און דערנאָך וועט איהר אריין אין דער לעצטער טיר לינקס. זי איז דאָרטען.

האָפמאַן איז אַוועק גלייך און געעפענט די לעצטע טיר לינקס און איז געבליבען שטעהן אויפ׳ן שוועל. ער האָט דערזעהן פאַר זיך אַ ריזיגען זאַל רייך און פּרעכטיג דעקאָרירט, מיט ווייכע טעפּיכער אונטער די פיס, מיט פּאַלמען, בלומען און קוסטעס אין פעסלאַך און טעפּ. פאַרשידענע קאָלירטע פויגעלאַך אין שטייגען און גאָלדענע פישאַלאַך אין קרישטאָלענע כלים מיט וואַסער. ווייכע קרעסלעס און אייבפאַכע בענקלאַך זיינען געווען אַנגעשטעלט אין פאַרשידענע ווינקעלאַך אין אַן אַרטיסטישער אומאָרדנונג. מענשען אין אַלטעגליכע קליידער האָבען דאָ אַרומגעשפּאַצירט ווי אין אַ גאָרטען, אָדער געזעסען איינציגווייז און פּאָרווייז אויף די שטולען.

האָפמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפ׳ן שוועל און צוטומעלט אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטען. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט

פארבלאנדזשעט. ער איז דאך אבער פארט אריין אין דער לעצטער טיר לינקס, ווי מען האט איהם אנגעזאגט.

אזוי ווי קיינער האט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט, האט ער געוואלט אריינגעהן טיפער און נאכפרעגען זיך אויף לאה'ן. ער האט געמאכט עטלאכע טריט פאראויס און דערהערט ווי עמיצער האט איהם שטיל ארופגעטאן:

— האפמאן! . . .

האפמאן האט זיך אומגעקוקט. הינטער איהם אין א ווייכער קרעסלע און טיילווייז פארשטעלט מיט הויכע קוסטעס אין טעפ מיט ערד איז געזעסען לאה. איהר פנים איז געווען בלאס, די באקען איינגעפאלען, אצער די אויגען האבען פריינדליך, מיט לי־בע געשמייכעלט.

— וואס מאכט איהר, לאה? — האט האפמאן א זאג געטאן קוקענדיג אויף איהר און זיך שיעור ניט צעוויינט.

— איך בין „אלרייט" — האט לאה געזאגט קוקענדיג ארויף צו האפמאנ'ען און שטיל געלאכט.

— וואס האט מיט אייך פאסירט?

— גארנישט באזונדערס. נאר געצאהלט דעם פרייז פאר בא־זוכען אייער לאנד. עס האט זיך אומגעקערט דאס זעלבע, וואס עס האט מיט מיר דאן געטראפען, ווען איהר האט מיר דעם פיל געבראכט. דאס טרעפט כמעט מיט אלע אונזעריגע, וואס פאה־רען קיין מעבר.

— ווי פיהלט איהר איצטער?

— איך בין כמעט אינגאנצען געזונט. איך וועל אבער דא מוזען פארבלייבען נאך א טאג אדער צוויי. דאס רייניגען דאס בלוט איז א קאמפליצירטע אפעראציע, און דער גאנצער קערפער ווערט צעטרייסעלט . . . זעצט זיך אט דא.

לאה האט איהם אנגעצייגט אויף א שטול לעבען זיך. האפ־מאן האט זיך געזעצט לעבען איהר און גענומען איהר האנט אין זיין האנט און געפיהלט ווי זי דריקט פארליבט זיין האנט . . .

האפמאן האט זיך אנגעהויבען ארומקוקען. ער האט דא גע־זעהן עטליכע צעהנדליג מענשען, מענער און פרויען, יונגע און אל־טע, אייניגע זיינען געזעסען אין טיפע קרעסלעס און געלעגען. אנ־דערע זיינען געזעסען צו צוויי אדער צו דריי און געשמועסט צווי־

שען זיך. נאָך אַנדערע האָבען אַרומגעשפּאַצירט. אָבער אַ חוץ לאַה'ן און נאָך אַן עלטערע פרוי, אַ בלאַסע מיט איינגעפאַלענע באַקען, מיט אַ פיבערישען בליק אין די אויגען, האָט קיינער ניט אויסגעזעהן צו זיין קראַנק. דאָס זיינען אַלץ געווען נאָרמאַלע מענשען, אָנגעטאַן אין זייערע אַלטעגליכע קליידער, און האָפמאַן האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי טוען דאָ.

— וואָס איז דאָ אייגענטליך ? — האָט ער געפרעגט גלעטענדיג איהר האַנט.

— דאָס איז דער זאַל פון האָספּיטאַל. דאָ געפינען זיך די פּאַציענטען צווישען די באַהאַנדלונגען.

— אָבער די מענשען דאָ זעהען גאָר ניט אויס צו זיין קראַנקע. וואָס איז, צום ביישפּיל, מיט יענער פרוי, וואָס זיצט דאָרטען ? — האָט האָפמאַן געפרעגט אַנצייגענדיג אויף אַ מיטעליעהריגער פרוי, וואָס איז געזעסען ביי אַ טישעל און גערעדט מיט אַ צווייטער פרוי. די צווייטע פרוי איז געווען אַ יונגע און זעהר אַ שעהנע. ..

— יענע ? זי איז אַ באַרימטער געאָלאָג. זי קריכט אויף בערג און זאַמעלט שטיינדלאַך פאַר קאָלעקציעס. איז זי אַרויפגעקראָכען אויף אַ באַרג און איז פון דאָרטען אַראָפּגעפאַלען. זי איז שיעור דער'הרג'עט געוואָרען, און מען האָט זי קוים געראַטעוועט.

— און וואָס איז מיט יענער פרוי, וואָס זי רעדט מיט איהר ? זי איז אַזאַ יונגע און אַזאַ שעהנע. זי זעהט גאָרניט אויס צו זיין אַ קראַנקע.

— יענע איז אַ גנב'טע. מען האָט עטליכע מאָל באַמערקט, ווי זי גנב'עט פאַרשידענע קלייניגקייטען ביי איהרע באַקאַנטע.

— איז וואָס-זשע טוט זי דאָ ?

— די נייגונג צו גנב'ענען איז אַ גייסטיגע קראַנקהייט, מוז מען זי קורירען.

— און וואָס איז מיט יענעם בחור, וואָס זיצט דאָרטען און לייענט ?

— ער איז אַ ליגנער.

— וואָס הייסט אַ ליגנער ? ער מאַכט זיך קראַנק ?

— ער מאַכט זיך ניט קראַנק, נאָר ער איז גייסטיג קראַנק. מען האָט איהם עטליכע מאָל געכאַפּט זאָגען ליגענס. און דאָס איז

אויך אַ גייסטיגע קראַנקהייט און מען מוז עס קורירען. דערפאַר איז ער דאָ.

אין דעם מאָמענט האָט זיך אין זאַל באַוויזען אַ הויכער, עלטע-רער מאַן מיט אַ קלוגען און גוטמוטיגען פּנים. ער האָט זיך אָפּ-געשטעלט רעדען מיט'ן בחור, וועגען וועלכען לאה האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ ליגנער. און גערעדט האָבען זיי אַזוי פריינדליך, אַז עס איז קענטיג געווען, אַז זיי ביידע זיינען צופרידען מיט דער באַגעגעניש.

— ווער איז דער מאַן? — האָט האָפמאַן געפרעגט ביי לאה'ן.

— זיין פּנים איז מיר באַקאַנט, איך האָב איהם ערגעץ געזעהן.

— דאָס איז רבי מנשה, פּראָפעסאָר פון גייסטיגע קראַנקהייטען און מיטגליד פון סנהדרין, — האָט לאה געענטפערט.

— אָה, איצטער דערמאָן איך זיך. ער איז דאָך געווען איינער פון מיינע ריכטער. איהר ווייסט? מען האָט דאָך מיר גע'משפּט דעם טאָג, וואָס איך בין אָנגעקומען.

— איך ווייס, — האָט לאה געענטפערט.

— זיי האָבען מיך דאָך געוואָלט באַלד אַרויסשיקען פון לאַנד. האָב איך זיי געזאָגט: „אויב איהר שיקט מיך אַרויס פון לאַנד, קום איך צוריק אַ צווייטען מאָל, און אויב איהר וועט מיך פון דאַנען אַרויסשיקען אַ צווייטען מאָל, קום איך צוריק אַ דריטען מאָל". האָבען זיי מיך דאָ איבערגעלאָזען.

— רעכענט איהר, אַז דערפאַר האָט מען אייך דאָ איבערגע-לאָזען, ווייל איהר האָט געסטראַשעט צו קומען צוריק? — האָט לאה איהם געפרעגט.

— איך רעכען אַז אין אַ געוויסער מאָס האָט עס דאָך געווירקט אויף זייער אורטייל.

לאה האָט אויף איהם אַ קוק געטאָן מיט אַ שמייכעל, און דער שמייכעל האָט אויסגעדריקט רחמנות.

— אַך, ס'אַ נאַאיווער מענש איהר זענט, האָפמאַן! — האָט זי געזאָגט קוקענדיג אויף איהם. — מאָלט אייך, אַז ווען דער סנהדרין וואָלט באַשטימט אייך אַרויסצושיקען פון לאַנד, וואָלט איהר צוריק ניט געקומען. און בכלל האָט איהר אַ גרויסען טעות וועגען אייער לאַגע דאָ און וועגען אייערע סודות. איהר מיינט, אַז מען האָט אייך ערלויבט דאָ צו פאַרבלייבען אַ שטיקעל צייט כדי

איהר זאָלט קענען זעהן אונזער לאַנד, אונזער וועלט? איהר האָט אַ טעות, האָפּמאַן. מען האָט אייך דאָ איבערגעלאָזען ניט כדי איהר זאָלט זעהן די וועלט, נאָר כדי די וועלט זאָל אייך זעהן. מען האָט אייך דאָ ערלויבט צו פאַרבלייבען כדי מען זאָל קענען שטודירען אייערע אויפפיהרונגען און דעם אופן ווי אַזוי איהר, אַ מעבר'ניק, רעאַגירט אויף פאַרשידענע ערשיינונגען. ווי אַזוי איהר נעמט אויף אַלצדינג, וואָס איז ביי אונז אַזאַ געוועהנליכע, אַלטעגליכע זאַך, און פאַר אייך איז עס אַ נייע זאַך און גרענעצט זיך מיט כישוף. מען האָט אייך דאָ איבערגעלאָזען כדי מען זאָל קענען באַאָבאַכטען און שטודירען אייערע גייסטיגע באַוועגונגען, אייער פּסיכיק, די פּסיכיק פון אַ מעבר'ניק . . .

האָפּמאַן איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און רויט פון כעס און באַליידיגונג איז ער געשטאַנען אַנטקעגען לאַה'ן.

— הייסט עס, אַז מען האַלט מיך דאָ פאַר אַ זאָאָלאָגישען עקזעמפּליאַר, ווי מען האַלט אַ לייב, אָדער אַ שלאַנג, אָדער אַן עלפאַנט אין אַ זאָאָלאָגישען גאָרטען? . . .

— זעצט זיך! — האָט איהם לאַה שטיל באַפוילען אַנצייגענדיג איהם מיט די אויגען אויפ'ן פּלאַץ פון וועלכען ער איז נאָרוואָס אויפגעשפּרונגען.

— פון מיר פאָדערט איהר די העכסטע אויפריכטיגקייט, און מיך באַהאַנדעלט איהר אַזוי געמיין! . . . — האָט זיך האָפּמאַן געקאָכט און זיין שטים האָט זיך געהויבען.

— זעצט זיך! — האָט לאַה ווידער באַפוילען. איהר שטים איז געווען רוהיג, אָבער געזאָגט האָט זי עס מיט אַזאַ טאָן, אַז האָפּמאַן האָט זיך אונטערגעגעבען און זיך צוריקגעזעצט גרייט אויסצוהערען אַן ערקלעהרונג.

לאַה האָט איהר האַנט אַרויפגעלייגט אויף זיינער און געזאָגט:

— איהר דאַרפט זיך ניט פיהלען באַליידיגט. מיר באַליידיגען קיינעם ניט. עס איז געגען אונזער עטיק. און אויב איהר זענט דאָ געווען אַן אָביעקט פאַר פּסיכאָלאָגישע פאָרשונגען, דאַרף עס אייך ניט באַליידיגען. יעדער איינער פון אונז, ווער עס צייגט נאָר אַרויס וועלכע עס איז גייסטיגע שטריכען, וואָס זיינען כאָטש אַ ביסעל אַנדערש פון דעם כלל, איז אַן אָביעקט פאַר פּסיכאָלאָגישע פאָרשונגען. אַן יענע גנב'טע, און אַן יענער ליגנער, און דער

פראָפעסאָר, וואָס האָט מיט איהם גערעדט, און יעדער אנגעזעהע-נער קינסטלער אָדער דענקער ווערט שטענדיג געוואוינען, גענאָמ-טען און געפאָרשט. און יעדער איינער לאָזט זיך גערן פאָרשען און אונטערזוכען, ווייל דאָס איז דער הויפט-מאַטעריאל פון אונזער פסיכאָלאָגישער וויסענשאַפט... און איצטער, האָפמאַן, געהט אַהיים, ווייל איך דאַרף באַלד געהן אין לאַבאָראַטאָריע אויף אַ באַהאַנדלונג.

— האָט לאַה צוגעגעבען גלעטענדיג איהם וואַרים די האַנט, ווי זי זאָל וועלען פאַרגלעטען זיינע אָנגעריהרטע געפיהלען, אי דאָס, וואָס זי טרייבט איהם פון זיך.

האָפמאַן האָט זיך אויפגעהויבען.

— איידער איהר געהט וויל איך אייך עפּעס זאָגען — האָט לאַה אַ זאָג געטאָן אַביסעל פאַרטראַכט. — אויב איהר ווילט זהען בער-נער'ן קאָן איך אייך זאָגען וואו איהר קאָנט איהם באַגעגענען.

האָפמאַן איז געבליבען שטעהן אַן ערשטוינטער. ער האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דעם אָרט, אויף וועלכען ער איז פריהער געזעסען, האָט זיך אנגעבויגען צו לאַה'ן און געפרעגט:

— פון וואַנען ווייסט איהר? . . .

— מיר האָבען די גאַנצע צייט געוואוסט צוליב וואָס איהר זייט אַהער געקומען — האָט לאַה געענטפערט. — און מאַכט ניט פון דעם קיין וועזען. עס איז ניט אַזאַ וויכטיגע זאַך צו מאַכען פון דעם אַזאַ סוד.

— אָבער איך וויל וויסען פון וואַנען איהר ווייסט עס — האָט זיך האָפמאַן איינגעשפאַרט.

— ווי נאָר איהר זייט געקומען, האָט מען זיך אָנגעשטויסען וועגען אייער הויפט-ציעל. איהר האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ צייטונגסמאַן פון אַמעריקע און איהר זייט געקומען אַהער באַלד נאָכדעם ווי מען האָט אַהער געבראַכט בערגער'ן, איז עס געוועזען גאַנץ לאָגיש צו דענקען, אַז איהר זייט געקומען אויסצוגעפינען די „מיס-טעריע" וועגען דעם, ווי אַזוי ער איז פון דאָרטען פלוצים פאַר-שוואונדען. און ווען שלום האָט אייך דאָן גענומען אויף אַ פסי-כאָמעטרישען עקזאַמען, האָט ער אין זיינע געדאַנקען אייך גע-שטעלט די פראַגע צי דער הויפט-ציעל אייערער איז צו זעהן בער-נער'ן, און די אינסטרומענטען האָבען געצייגט אַ פולע קאָאָרדינאַ-ציע צווישען אייערע געדאַנקען און זיינע. זייט איהר איצטער

צופרידען? נו, און איצטער געהט! אניט וועל איך פארשפעטיגען אין לאבאראטאריע.

לאה האט זיך אויפגעהויבען, און האפמאן, וועלכער האט נאך אלץ ניט געקאנט קומען צו זיך פון ערשטוינונג, האט זיך אויך אויפגעהויבען.

— איז וואו קאן איך איהם זעהן, זאגט איהר?

לאה האט איהם געגעבען דעם אדרעס און געזאגט אז די בעס-טע צייט איהם צו זעהן, איז מארגען נאכמיטאג. מיט איהר רעכ-טער האנט האט זי ווארעם געדריקט זיין לינקע האנט און איהם בא-גלייט מיט א שמייכעל. ..

און האפמאן איז אוועקגעגאנגען.

## 24.

אויף מארגען באלד נאכמיטאג האט האפמאן געגומען דעם צוג און איז אוועקגעפאהרען קיין שישאווע וואו בערגער האט זיך געפונען. ער האט אהן שוועריגקייטען געפונען זיין וואוינונג, לויט דעם אדרעס וואס לאה האט איהם געגעבען, און אנגעקלאפט אין טיר. ..

בערגער האט פארנומען פונקט אזא צימער ווי האפמאן, און ווי נאר האפמאן איז צו איהם אריינגעקומען, האט בערגער אויף איהם נאר א קוק געטאן און כאטש ער האט איהם פריהער קיינמאל אין די אויגען ניט געזעהן, — האט ער פרעהלידא ויסגערופען ווי צו אן אלטען באקאנטען:

— העלאו, האפמאן!

— העלאו, בערגער! — האט האפמאן געענטפערט אין טאן אויף בערגער'ס באגריסונג און געדריקט די דערלאנגטע האנט, כאטש ער האט איהם אויך פריהער קיינמאל אין די אויגען ניט געזעהן.

— איהר האט אויף מיר היינט געווארט? — האט האפמאן געפרעגט.

— איך האב פארשטאנען, אז פריהער אדער שפעטער וועט איהר צו מיר קומען — האט בערגער געענטפערט. — איך האב אייך אבער ניט ערווארטעט פונקט היינט.

— טאַ ווי אַזוי האָט איהר געוואוסט, אַז דאָס בין איך?

— אָה, אַז אונזערינגען קאָן מען דאָ דערקענען פאַר אַ מייל, וויפיל מען זאָל זיך ניט פאַרמאַסקירען אין זייערע רויטע האָר און אין זייערע קליידער.

האָפמאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף בערגערן, און בערגער האָט אַ קוק געטאָן אויף האָפמאַנ'ען, און פלוצים האָבען זיך ביידע אַזוי הארציג פאַנאַנדערגעלאַכט, אַז די ווענט האָבען געציטערט.

— אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, פון וואַנען האָט איהר בכלל געוואוסט אַז איך בין דאָ און וועל צו אייך קומען? — האָט האָפ-מאַן געפרעגט נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך באַרוהיגט פון לאַכען.

— אַזעלכע זאַכען זאָלט איהר דאָ ניט פרעגען — האָט בערגער געזאָגט מיט אַ נערוועזען סאַרקאַזם אין טאָן. — דאָ זיינען קיין פאַרבאָרגענע זאַכען ניטאָ. דאָ איז ניט שייך צו זאָגען, אַז מען ווייסט ניט. דאָ ווייסט מען אַלצדינג, דאָ זיינען קיין סודות ניטאָ. דאָ איז אַ גלעזערנע וועלט. די ווענט זיינען דאָ פון גלאָז, די קעפּ זיינען דאָ פון גלאָז און די נשמות זיינען פון גלאָז. אַלצדינג איז דאָ דורכזיכטיג און אַלצדינג זעהט מען דורך און דורך. מען וועט נאָר אַ קוק טאָן אויף אייך, וועט מען אייך זאָגען וואָס איהר האָט נעכטען געטאָן און מען וועט אייך אפילו זאָגען וואָס איהר וועט מאָרגען טאָן. און כדי צו וויסען וואָס איהר האָט נעכטען געטאָן, איז גאָר ניט נויטיג אַ קוק צו טאָן אויף אייך. איהר מעגט זיין הונדערטער מיילען ווייט פון דאַנען, ווייסט מען אַלצדינג וועגען אייך. דאָ איז ניט שייך צו פרעגען: פון וואַנען ווייסט איהר? דאָ ווייסט מען אַלצדינג!

האָפמאַן איז געזעסען אויף דער ווייכער קרעסלע, און בערגער האָט נערוועז אַרומגעשפּאַצירט הין און צוריק איבער'ן צימער, גע-רעדט און געמאַכט מיט די הענט.

— נו, און איצטער זאָגט מיר, וואָס איהר ערוואַרט פון מיר — האָט ער זיך פלוצים געווענדעט צו האָפמאַנ'ען און זיך אָפּגע-שטעלט לעבען איהם. — ווייל דאָ איז די צייט קורץ. כאַפּט אַריין.

— אויב איהר האָט געוואוסט, אַז איך וועל קומען צו אייך, האָט איהר דאָך מסתמא געוואוסט צוליב וואָס איך וועל קומען — האָט האָפמאַן געענטפערט.

— איהר זייט צו מיר געקומען צו האָבען אַן אינטערוויו? איהר

ווילט ווייסן פֿאַרוואָס און ווי אַזוי איך בין פּלוצים פֿאַרשוואונדען מיט אַ רויטהאָריג מיידעל? איך מוז אייך זאָגען פֿריהער, אַז איהר וועט פֿון דעם גאָרנישט האָבען. איהר וועט דעם מאַטעריאַל ניט קאָנען אויסנוצען. אָבער איהר זייט דאָ מיין איינציגער לאַנדס-מאַן, און איך בין איצט אין אַ שטימונג, ווען עס ווילט זיך אָפּרעדען פֿון הארצען, וועל איך אייך דערצעהלען וואָס עס איז פֿאָרגעקומען. איהר ווייסט דאָך, אַז איך בין איינגעשטאַנען אין אַ האָטעל ארום-גערינגעלט מיט סעקרעטאַרען, באַדינער, אַגענטען און שפּיאָנען, און אַז יעדע באַוועגונג מיינע און יעדעס וואָרט מיינס זיינען דורכגע-גאַנגען דורך אַ סך פֿרעמדע הענט. איך אַליין האָב פֿון די אַלע זאַכען ניט געוואוסט. דערוואוסט האָב איך זיך וועגען דעם פֿון די צייטונגען. אין דער אמת׳ן אָבער איז עס ניט געווען אַזוי שרעקליך. געהאַט האָב איך נאָר איין סעקרעטער און איך האָב קאָרעספּאָנדירט ווי איך האָב געוואָלט, און קיינער האָט מיך ניט קאָנטראָלירט און קיינער האָט מיך ניט צענזורירט. מיין סעקרעטער האָט מיר נאָר געהאָלפֿען, ווייל איך פֿלעג טאָקע קריגען פּעק מיט בריוו יעדען טאָג. קריג איך איינמאָל אַ בריוו געשריבען מיט אַ פֿרויען-האַנטשריפֿט און אונטערגעשריבען „מרים". אין עטליכע שורות בעט מיך די דאָזיגע מרים, אַז איך זאָל איהר געבען עט-ליכע מינוט אויף אַ פּריוואַטען געשפּרעך. אַזעלכע בריוו האָב איך געקראָגען אַ סך און איך פֿלעג זיי אַלע ארויסוואַרפֿען, ווייל איך האָב אויף דעם קיין צייט ניט געהאַט. נו, און מרים׳ס בריוו האָב איך ניט ארויסגעוואָרפֿען. איך ווייס ניט פֿאַרוואָס, צי דאָס איז געווען באַשערט פֿון שיקזאַל, צי ווייל דער טאָן פֿון דעם קורצען בריוו און די האַנטשריפֿט זיינען געווען אַזעלכע, וואָס מען האָט זיי ניט געקאָנט איגנאָרירען; אָבער איך האָב באַלד געענטפֿערט מיט אַ בריוועל און באַשטימט אַ צייט ווען זי קאָן צו מיר קומען. און אין דער באַשטימטער צייט איז זי צו מיר געקומען, האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגען מיר און מיר אנגעהויבען מוסר׳ן; צי ווייס איך וואָס פֿאַר אַ געפֿעהרליכע וואָפֿען איך וויל פֿאַר געלט פֿאַרקוי-פֿען צו אַ מלוכה? און זי האָט מיר אנגעהויבען מאָלען שרעקליכע בילדער פֿון די מלחמות וואָס וועלען קומען שוין פֿון דעם אַליין וואָס אַ געוויסע מלוכה וועט האָבען מיינע „טויטען-שטראַהלען", און וואָס פֿאַר אַ חורבן עס וועט אנמאַכען, און אַזוי ו., און אַז. וו.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך — האָט איהם האָפמאַן איבערגע־שלאָגען די רייד: — איז אייך דען ניט איינגעפאַלען, אַז זי איז אַ שפּיאָנקע וואָס וויל אייך אָפּרעדען פון פאַרקויפען אייער ער־פינדונג צו וועלכער עס איז מלוכה כדי יענע מלוכה זאָל געגען איהר פאָטערלאַנד ניט האָבען קיין אויבערמאַכט?

— זאָגענדיג דעם אמת — האָט בערגער געענטפערט — האָב איך עס דאָן אַ טראַכט געטאָן, און איך האָב איהר געשטעלט די דירעקטע פראַגע, ווער זי איז און וואָס זי וויל. אויף דער צווייטער פראַגע האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי וויל ניט, אַז מענשען זאָלען אַריינקריגען אין זייערע הענט אַזאַ געפעהרליכע וואַפען, וואָס וועט פיהרען צו איבעריגע בלוט־פאַרגיסונג און צו אַ נייעם ים פון צרות און ליידען. און וועגען דער ערשטער פראַגע האָט זי פריהער גענומען פון מיר אַן עהרען־וואָרט, אַז איך וועל עס קיי־נעם ניט איבערגעבען, און דערנאָך האָט זי מיר געזאָגט ווער זי איז און וואָס זי איז.

— און איהר האָט געגלויבט? — האָט האָפמאַן געפרעגט.

— יאָ! פון דעם ערשטען מאָמענט האָט זי געוואונען מיין פולסטען צוטרויען.

— איז וואָס־זשע האָט זי פון אייך פאַרלאַנגט?

— אַז איך זאָל מיט איהר אַנטלויפען אין איהר פאָטערלאַנד, אין דעם לאַנד פון די רויטע אידעלאַך, אויף יענער זייט סמבטיון, און זאָל דאָרטען פאַרבלייבען אַ שטיקעל צייט ביז די וועלט וועט וועגען מיר פאַרגעסען, און דאַן זיך אומקערען צוריק און פאַרנעה־מען זיך מיט אַ „מעהר אָנשטענדיגען" באַשעפטיגונג. איך האָב געענטפערט, אַז איך וועל זיך מישב זיין און וועל איהר לאָזען וויסען. צוויי טעג שפּעטער האָב איך איהר געשריבען, אַז איך וויל זי זעהן, און איך האָב קוים דערוואַרט ביז זי איז צו מיר גע־קומען. און ווען זי איז צו מיר געקומען בין איך געווען איהר שקלאַף און בין געווען גרייט צו געהן מיט איהר ניט נאָר אויף יענער זייט סמבטיון, נאָר אפילו אין גיהנום אַריין.

— איז זי אַ שעהנע? — האָט האָפמאַן איהם ווידער איבערגע־שלאָגען די רייד.

— איך ווייס ניט. איך קאָן עס ניט זאָגען. חנ'עוודיג איז זי זיכער. אָבער דאָס שטאַרקסטע אין איהר איז איהר גייסטיגע

פערזענליכקייט. עס זיינען געווען מאָמענטען, ווען זי האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט, ווען מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איהר פּנים שיינט ווי ביי אַ מלאך . . .

— „לאה!״ — האָט האַפמאַן אַ טראַכט געטאָן פאַר זיך.

— אויף מאָרגען שפּעט אין אָוונד איז זי ווידער געקומען צו מיר — האָט בערגער פאָרטגעזעצט — און מיך „ארויסגעפיהרט אויף אַ שפּאַציר״. דעם סעקרעטער וואָס איז געזעסען אין פאָדער-צימער האָב איך געזאָגט, אַז איך וועל באַלד צוריק קומען. איך וועל זיך נאָר דורכגעהן אַביסעל. און אַזוי זיינען מיר ארויסגע-גאַנגען פון האָטעל דורך אַ זייטיגען וועג. מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אַ בלאָק, האָבען זיך אריינגעזעצט אין אַ טעקסי און אָפּגעפאָה-רען אַ שטיק וועג, דאָרטען זיינען מיר ארויס, גענומען אַ צווייטע טעקסי, און געפאָהרען ווייטער. דערנאָך האָבען מיר גענומען אַ דריטע טעקסי, און זיינען פאַרפאָהרען ערגיץ אין אַ קליין שטעדטעל. און מערקווירדיג! כאָטש מיין לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז איך האָב געהאַט פולען גרונד חושד צו זיין, אַז מען האָט מיך פאַר-נאַרט, אַז מען וויל מיך קידנעפּען און פּייניגען און ארויספּרעסען פון מיר מיין ערפינדונג; אָדער טויטען מיך כדי מיין ערפינדונג זאָל ניט אריינפאַלען אין די הענט פון עפּעס אַ מעכטיגער מלוכה; אָבער איך האָב קיין זאַך ניט חושד געווען. איך האָב געהאַט צו איהר דעם פולסטען צוטרויען. און איך האָב דאָן בכלל וועגען קיין זאַך ניט געטראַכט. איך האָב נאָר געהאַט איין וואונש, און דאָס איז: צו זיין לעבען איהר. דאָס איז פאַר מיר געווען גענוג, און מיך האָט ניט געאַרט וואוהין זי פיהרט מיך. און אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען אין יענער שטעדטעל און האָ-בען אָנגעהויבען געהן איבער אַ פינסטערען וועג. מיר זיינען גע-גאַנגען אַרום אַ האַלבער שעה צייט, און זי האָט מיך געפיהרט אונ-טער דער האַנט, און אַך בין געווען גליקליך צו פיהלען איהר האַנט אונטער מיין אָרעם. און אַזוי האָט זי מיך צוגעפיהרט צו עפּעס אַ מאָדנער מאַשין, וואָס האָט אויסגעזעהן אין דער פינסטער ווי אַ מאָטאָר-שיפעל אויף דער טרוקעניש. שפּעטער האָט זיך ארויס-געצייגט, אַז דאָס איז איינע פון זייערע לופטשיפלעך ספּעציעל גע-קומען נאָך אונז. אין אָט דער שיפעל האָבען מיר זיך אריינגעזעצט און זיינען אַוועקגעפלויגען. מיר זיינען געפלויגען אַ גאַנצע נאַכט

און אַ גאַנצען טאָג, און אויף מאָרגען אין אווענט זיינען מיר אָנ־געקומען אהער קיין שישאווע, און זינט דאַן בין איך דאָ . . .

— און מרים ?

— איך זעה זי אַלע טאָג.

— און וואָס זיינען אייערע באַציהונגען ? אויב מען מעג פרע־גען.

— זי האָט מיך ליב. זי מאַכט פון דעם קיין סוד ניט, און איך צווייפעל ניט אין דעם, אָבער ווערען מיין פרוי ,קאָן זי ניט. אזוי האָט זי מיר קאַטעגאָריש ערקלערט. דאָס איז געגען זייער מנהג, געגען זייער טראַדיציע . . .

„מיינע גליקען מיט לאה׳ן" — האָט האָפּמאַן אַ טראַכט געטאָן פאַר זיך.

— און דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב אייך צו דערצעהלען — האָט בערגער פאַרענדיגט זיין געשיכטע.

— פאַרוואָס זשע רעכענט איהר, אַז איך וועל זיך ניט קאָ־נען באַנוצען מיט דעם מאַטעריאַל פאַר דער צייטונג ? — האָט האָפּמאַן געפרעגט.

— ווייל צו דער צייט ווען איהר וועט קומען צוריק אַהיים, וועט איהר גאָר ניט געדענקען וואָס מיט אייך איז דאָ פאָרגעקו־מען.

— פאַרוואָס עפּעס אזוי ?

— ווייל מען וועט אונז פון דאַנען ניט אַרויסלאָזען ביז מען וועט ניט „אויסרייניגען" אונזערע זכרונ׳ס. איך ווייס ניט וואָס דאָס איז אַזוינס און ווי אזוי זיי טוען עס; איך ווייס אָבער, אַז ווען מיר וועלען קומען צוריק קיין אַמעריקע, וועלען מיר גאָרנישט געדענקען וואָס מיט אונז איז דאָ פאָרגעקומען.

— וואָס איז דער שכל ?

— פון דעם שטאַנדפּונקט פון זייערע אינטערעסען איז עס שוין גאָר אַ שכל׳דיגע זאַך. זיי ווילען ניט, אַז מען זאָל דאָרטען, אין „מעבר", וויסען וועגען זיי. זיי טענה׳ן, אַז ווען מען וועט זיך דאָרטען דערוויסען ווי רוהיג און צופרידען זיי לעבען דאָ ; אַז מען אַרבייט דאָ אזוי ווייניג און מען האָט פון אַל־דאָס־גוטס ; אַז גאָלד איז דאָ ניט טייערער פון בליי, און דימענטען זיינען דאָ כמעט

אזוי ביליג ווי גלאָז — וועט מען זיי באַפּאַלען פון אַלע זייטען; פון זייער לאַנד וועט מען מאַכען אַ קאָלאָניע פון עפּעס אַ מלוכה אין אייראָפּע אָדער אַמעריקע, זייער ציוויליזאַציע וועט מען חרוב מאַכען, און זיי אַליין וועלען פאַרלירען זייער פרייהייט. די ערשטע וועלען קומען אהער געוואגטע רייזענדע פאַר געאָגראַפישע, געאָלאָגישע און אַנדערע אויספאָרשונגען. דערנאָך וועלען קומען אהער מיסיאָנערען כדי אַריינצוברענגען ליכט אין די קעפּ פון אָט די „ניט-גלויביגע“. דערנאָך וועלען קומען סוחרים כדי צו פאַרבינדען אַ האַנדעל. און קומען וועלען די מענשען אויף שיפען, אויף וועלכע עס וועלען פלאַטערען די פאָנען פון זייערע לענדער. און ווען מען וועט זיי אהער ניט אַריינלאָזען, וועלען די רעגירונגען פון די פאָרשער, מיסיאָנערען און סוחרים צושיקען אהער גענוג קריגסשיפען מיט עראָפּלאַנען און מיט סאָלדאַטען כדי צו באַשיצען די עהרע פון זייערע פאָנען און כדי צו באַשיצען די אינטערעסען פון זייערע בירגער. און אַלצדינג וועט ,נאַטירליך, געטאָן ווערען אין נאָמען פון גערעכטיגקייט, פון פרייהייט, פון שוץ און פון דעמאָקראַטיע. זאָגען די רויטע אידעלאַך, אַז זיי זיינען מוחל די שוץ מיט דער דעמאָקראַטיע, אַז זיי קאָנען אַליין זייער שטעדטעל באַשטעהן, און אַז דאָס געזינטסטע פאַר ביידע צדדים וועט זיין, ווען מען וועט וועגען זיי אין מעבר גאָרנישט וויסען . . .

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, — האָט זיך האַפּמאַן שפּעטער אַ ווײַלע אָפּגערופען צו בערגער׳ן, — וואָס האָט, נאָך אייער מיינונג, געקאָנט זיין מרימ׳ס מאָטיוו, ווען זי האָט אייך אהער פאַרפירט? צי איז עס ניט אַמאָל געווען אַ מאַנעוור מיט׳ן צוועק ניט צו דערלאָזען, אַז מען זאָל דאָרטען, אין מעבר, זיך באַוואָפּענען מיט אַזאַ מעכטיגען וואָפען, ווי אייערע „טויטען שטראַהלען“ געגען זיי?

— ניין, האַפּמאַן, דאָס ניט, — האָט בערגער געענטפערט מיט אַ טאָן פון פולער איבערצייגונג. — פאַר מיינע „טויטע-שטראַהלען“ האָבען זיי ניט וואָס מורא צו האָבען. אין דעם בין איך מעהר ווי זיכער. דער מאָטיוו איז געווען אַ ריין הומאַניטאַרער, אַ ריין מענשליכער. די זאַך איז, וואָס אָט די רויטע אידעלאַך קוקען אויף אונז ווי אויף קליינע קינדער; און אין די הענט פון אַזעלכע קליינע קינדער ווי מיר זיינען, איז עס געפעהרליך איבערצולאָ-

זען אזא מעכטיגע שפּילצייג, ווי מיין ערפינדונג איז. שטעלט זיך פּאָר, אז איהר געהט אין גאַס און איהר זעהט ווי אַ קליין קינד שפּילט זיך מיט שוועבעלאַך און געזאָלין. וואָלט איהר זיך ניט נעגעבען די מיה צוצונעמעןביים קינד אַזעלכע געפעהרליכע שפּיל-צייג? און אָט דאָס איז געווען מרים׳ס מאָטיוו, ווען זי האָט מיר אָפּגערעדט פון פאַרשפּרייטען מיין ערפינדונג און ווען זי האָט מיך אוועקגעפיהרט אהער, — מיט דער צושטימונג פון דער רעגי-רונג פון איהר לאַנד . . .

האָפמאַן איז נאָך געזעסען און גערעדט, ווען ער האָט זיך פּלוצים געכאַפּט, אַז עס איז שוין שפּעט און ער מוז פאָהרען אין האָס-פּיטאַל און זעהן לאה׳ן, ווייל שפּעטער ועט זי אוועק אין לאַבאָ-ראַטאָריע אויף אַ באַהאַנדלונג, און דאַן וועט ער זי ניט קאָנען זעהן. האָט ער זיך אָפּגעזעגענט מיט בערגער׳ן, צוגעזאָגט צו קו-מען מאָרגען ווידער און איז אוועקגעפאָהרען קיין רישאַנאַווע.

·25

ווען האָפמאַן איז געקומען אין האָספּיטאַל, האָט ער געטראָפען לאה׳ן אויפ׳ן זעלביגען פּלאַץ, וואָס נעכטען. די באַקען האָבען זיך ביי איהר אויסגעגלייכט, די נעכטיגע בלאַסקייט איז אַראָפּ פון פּנים, און זי האָט אויסגעזעהן צו זיין פולשטענדיג געזונט, נאָר זעהר טרויעריג.

— וואָס מאַכט איהר, לאה? ווי פיהלט איהר? — האָט זי האָפמאַן געפרעגט, דריקענדיג איהרע ביידע הענט און אריינקו-קענדיג איהר טיף אין די אויגען אריין.

— איך בין „אָלרייט״ — האָט לאה געענטפערט אביסעל פאַר-שעמט. און איהרע אויגען האָבען אומרוהיג געבלאַנדזשעט.

— פאַרוואָס זעהט איהר אויס אַזוי טרויעריג?

לאה האָט נישט געענטפערט. זי האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר אָרט און אוועקגעפיהרט האָפמאַנ׳ען אין אַן אנדער ווינקעל, וואָס איז געווען מעהר פאַרשטעלט מיט פאַלמען און וואו קיינער האָט זיי ניט געקאָנט זעהן פון דעם ריזיגען האָל; און דאָרטען האָ-בען זיי זיך געזעצט איינער לעבען צווייטען.

— איהר ווייסט? איך קום איצטער פון בערגער׳ן. איך האָב

ביי איהם פארבראכט א פּאָר שעה צייט, און מיר האָבען געהאַט אַן אינטערעסאנטען געשפּרעך, — האָט האָפמאַן געזאָגט, כדי צו פאַרבינדען א געשפּרעך.

— איך ווייס, — האָט לאָהו געענטפערט.

האָפמאַן האָט געהאַט אויפגעהויבען אויף איהר א פּאָר פאַר־וואונדערטע אויגען און איהר געוואָלט פרעגען פון וואַנען זי ווייסט עס אזוי גיך. ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט אָן דער „גלע־זערנער וועלט״, אין וועלכער ער געפינט זיך און וואו „קיין סודות זענען נישטאָ״, האָט ער אין זיינע געדאנקען א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איהר גאָרנישט געפרעגט.

— פאַרוואָס זעהט איהר אויס אזוי טרויעריג? — האָט ער זי שפּעטער אביסעל געפרעגט.

— א שטימונג אזא . . .

— איהר וועט דאָ נאָך לאַנג פאַרברענגען אין האָספּיטאַל?

— היינט ביינאַכט געה איך אַהיים. איך וועל אָבער פריהער מוזען דורכמאַכען צוויי באַזונדערע באהאַנדלונגען . . . איהר וועט דאָ היינט לאַנג ניט קאָנען זיצען . . . איך וועל באַלד דאַרפען געהן אין לאַבאָראַטאָריע . . .

עס איז געוואָרען שטיל. האָפמאַן איז געזעסען, האָט געהאַל־טען איהרע הענט אין זיינע און איהר געקוקט אין פּנים אריין; און לאָהה איז געזעסען לעבען איהם און טרויעריג געקוקט אָן א זייט.

פּלוצים האָט זי זיך אָפּגערופען:

— איך מוז אייך אָנזאָגען: איהר מוזט זיך קלייבען אין וועג אריין . . . מאָרגען ביינאַכט פאָהרט איהר צוריק . . .

האָפמאַן האָט מיט אמאָל אָפּגעלאָזען איהרע הענט און איז געוואָרען בלאַס.

— פאַרוואָס אזוי גיך?

— עס קאָן אַנדערש ניט זיין . . . די אינטערעסען פון כּלל זיינען וויכטיגער ווי די אינטערעסען פון דעם איינצעלנעם . . .

— איז עס אומפאַרמיידליך?

א פּאָר מינוט זיינען זיי געזעסען שטיל, און די גאַנצע צייט האָט לאָהה געקוקט אָן א זייט. פּלוצים האָט זי זיך אַנטשלאָסען אויפגעהויבען און געזאָגט:

— און איצטער געהט. איך וועל מאָרגען קומען צו אייך גע־זעגענען זיך.

— קאָן איך ניט זיצען מיט אייך נאָך אביסעל, — האָט זיך האָפמאַן געבעטען.

— ניין. עס איז שוין שפעט. איך דאַרף באַלד געהן אין לאַבאָראַטאָריע. איך וועל היינט האָבען צוויי באַהאַנדלונגען און איינע א ספּעציעלע . . . — האָט לאַה געזאָגט מיט עפּעס א מאָד־נער אָנצוהערעניש.

האָפמאַן האָט זיך אויפגעהויבען. ער האָט שטאַרק א דריק געטאָן איהר האַנט, האָט זיך אויסגעדרעהט און געמאַכט די ערשטע צוויי שפּאַן צום אַרויסגאַנג, ווען לאַה האָט איהם אָפּגעשטעלט:

— האָפמאַן . . .

האָפמאַן האָט זיך אויסגעדרעהט צו איהר און איהר א קוק געטאָן אין פּנים אַריין.

— האָפמאַן . . . גיט מיר א קוש איידער איהר געהט אַוועק.

האָפמאַן האָט זי אַרומגענומען, האָט צוגעדריקט איהר קאָפּ צו זיין ברוסט און שטאַרק געקושט איהרע רויטע האָר, איהר הויכען שטערען, איהרע באַקען און אַהירע ליפּען. און לאַה איז געשטאַ־נען מיט איהר קאָפּ צוגעדריקט צו זיין ברוסט, די אויגען פאַר־מאַכט און מיט די הענט הילפלאָז אַראָפּגעלאָזען איבער דער לענג פון איהר קערפּער . . .

און ענדליך האָט זי זיך פון איהם באַפרייט און שטיל און אָנטשלאָסען געזאָגט:

— און איצטער געהט . . .

און האָפמאַן איז אַוועקגעגאַנגען.

---

יענעם אָוועגט איז האָפמאַן שפּעט אַרומגעגאַנגען איבער'ן פּאַרק. ער איז געווען צעטומעלט און צעטראָגען און זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. אַהיים איז ער געקומען שפּעט נאָך האַלבע נאַכט און זיך געלייגט שלאָפען. ער האָט אָבער ווייניג געשלאָ־פען. אינדערפריה איז ער אויפגעשטאַנען, זיך אָנגעטאָן און איז אפילו אַוועק אין רעסטאָראַן. דערנאָך איז ער געקומען צוריק צו זיך אַהיים און אָנגעהויבען וואַרטען אויף לאַה'ן.

געקומען איז זי ערשט פאַרנאַכט; אָבער דאָס איז שוין ניט

געווען די פריהערדיגע לאה. זי האָט אויסגעזעהן צו זיין געזונט, פרעהליך, לוסטיג און פול מיט באוועגונג, כאָטש זי האָט, קענטיג, געזוכט זיך איינצוצוימען אין האָפמאַנ׳ס אנוועזענהייט. פון נעכטיגען טרויער איז קיין שפור ניט געבליבען.

האָפמאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר פנים, האָט איהר אריינגעקוקט אין די אויגען, און דאָס הארץ איז איהם אפגעפאַלען . . .

און לאה האָט געפלאפּעלט:

— הייסט עס, אַז היינט פאַרלאָזט איהר אונז . . . נו, איך בין געקומען זיך געזעגענען . . .

און געזאָגט האָט זי עס מיט אַזאַ גלייכגילטיגען טאָן, ווי האָפמאַן זאָל פאַר איהר זיין ניט מעהר ווי אַ ווייטער באַקאַנטער.

און האָפמאַן האָט איהר אריינגעקוקט אין פנים אריין און מיט פאָרוואורף געזאָגט:

— לאה, פאַרוואָס האָט איהר עס געטאָן? . . .

— וואָס געטאָן? — האָט זיך לאה געמאַכט ניט פאַרשטעהענדיג.

— פאַרוואָס האָט איהר איבער זיך געמאַכט חנה׳ס אָפּעראַציע?

— איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט . . .

— האָט איהר דאָך, אַמווייניגסטען, געקאָנט וואַרטען ביז מען וועט מיך פון דאַנען אַרויסשיקען.

— איך האָב צופיל געליטען, — האָט לאה געענטפערט מיט אַ גלייכגילטיגען טאָן, — צו וואָס איבעריגע ליידען? . . . אויב אַ צאָן טוט וועה און מען קאָן איהם ניט אויסהיילען, רייסט מען איהם אַרויס, און פּטור . . . נו, איך מוז געהן. פאָהרט געזונט, — האָט זי געזאָגט און איהם אויסגעצויגען אַ האַנט, און אַליין איז זי געבליבען שטעהן פון דערווייטענס.

האָפמאַן האָט אָנגענומען איהר האַנט. אַ פּאָר סעקונדען האָט ער אויף איהר געקוקט, דערנאָך האָט ער זי פאַר איהר האַנט צוגעצויגען צו זיך, האָט זי אַרומגענומען און זי אָנגעהויבען קושען. לאה האָט זיך ניט געוועהרט; זי איז אָבער געבליבען גלייכגילטיג, און איהר גאַנצע האַלטונג איז געווען אַזאַ, ווי זי זאָל דורכמאַכען ניט זעהר קיין אַנגענעמע, אָבער אומפאַרמיידליכע פליכט.

און האָפמאַן האָט זי געהאַלטען אַרומגענומען און געקושט;

און פּלוצים האָט ער דערפּיהלט ווי ער זאָל האַלטען אין זיינע אָרעמס ניט קיין לעבעדיגע פרוי, נאָר א קאַלטע, וואַקסענע פיגור. האָט ער זי אָפּגעלאָזט און איז אָפּגעגאַנגען אַן א זייט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אין דער טיפער קרעסלע, האָט איינגעגראָבען זיין קאָפּ איןביידע הענט און איז אַזוי געבליבען זיצען.

מיט די שפּיץ פינגער האָט לאה פאַררירכט די האָר אויף איהר קאָפּ, האָט א קוק געטאָן אויף האָפמאַנ׳ען און געזאָגט:

— פאָהרט געזונט, האָפמאַן . . .

האָפמאַן האָט ניט געענטפערט.

לאה האָט געמאַכט א פּאָר טריט צו דער טיר, אָבער אין מי־טען וועג האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און ווידער א קוק געטאָן אויף האָפמאַנ׳ען. און האָפמאַן איז געזעסען אין קרעסלע מיט׳ן קאָפּ טיף איינגעבויגען און מיט׳ן פּנים איינגעגראָבען אין ביידע הענט. לאה האָט אויף איהם א קוק געטאָן און איז אַנטשלאָפען און איי־ליג אַרויס פון צימער . . .

ווי לאַנג האָפמאַן איז געזעסען — ווייסט ער ניט. אָבער ווען ער האָט ענדליך אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט ער דערזעהן פאַר זיך א פרעמדען מאַן מיט א פּעקעל אין האַנט.

— אַנטשולדיגט, — האָט דער פרעמדער מאַן געזאָגט, — איך האָב עטליכע מאָל געקלאַפּט אין טיר, אָבער קיינער האָט ניט געענטפערט.

— וואָס ווילט איהר? — האָט האָפמאַן אומצופרידען גע־פרעגט.

— איך האָב אייך געבראַכט אייערע זאַכען . . .

ווי א פאַרשלאָפענער האָט זיך האָפמאַן אָנגעשטרענגט צו פאַרשטעהן וואָס מען רעדט צו איהם; און ענדליך האָט ער פאַר־שטאַנען . . .

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט און געעפענט דאָס פּעקעל. דאָרטען זיינען געווען אַלע זיינע זאַכען, וועלכע ער האָט פון זיך אויסגעטאָן דעם ערשטען אָוונט, ווען ער איז אַריין אין דעם צימער: זיין אַנצוג, די וועש, זיינע שיך, זיין הוט און אַלע אַנדערע זאַכען, און אַלץ איז געווען אַזוי ריין אויסגעוואַשען און גלאַט אויסגעפּרעסט. זיינע הויזען און רעקעל, וואָס זיינען ער־טערווייז צעריסען געוואָרען ווען ער האָט געקלעטערט איבער די

בערג, זיינען געווען פארריכט און פארצירעוועט אזוי, אז עס האָט אויסגעזעהן גאנץ אנשטענדיג. אין די קעשענעס זיינען געווען זיין בייטעל מיט געלט, פאפירלאך, פארשריבענע נאָטיצען, זיין בלייי-שטיפט, זיין מעסערל, זיין זייגער, זיין קליינער האנט-מיקראָסקאָפ, דער שליסעל פון זיין צימער אין זיין היים אין אמעריקע, און אלע אנדערע זאכען, וואָס ער האָט מיט זיך גענהאט. עס האָט קיין האָר ניט געפעהלט. און א פלאַש מיט עפּעס א פליסיגקייט איז דאָ אויך געווען.

— אויב איהר ווילט מאכען אייערע האָר צוריק שווארץ, זאָלט איהר אויסוואַשען אייער קאָפּ מיט אָט דער פליסיגקייט, — האָט איהם דער פרעמדער מאַן געזאָגט, ערקלערענדיג איהם די באדייי-טונג פון דער פלאַש.

האָפמאַן איז אריין אין זיין באד-צימער, האָט אראָפּגענומען פון זיך די אלע „פרעמדע" זאכען און זיך אָנגעטאָן אין זיינע איי-גענע און צוריק שווארץ געמאכט זיינע האָר.

— זענט איהר גרייט? — האָט דער אומבאקאנטער מאַן גע-פרעגט, ווען האָפמאַן איז ארויס פון באד-צימער אַן איבערגע-טאָנענער.

— יאָ, — האָט האָפמאַן קורץ געענטפערט.

— טאָ זייט אזוי גוט און קומט מיט מיר.

האָפמאַן האָט זיך געשטעלט אין מיטען צימער, האָט דורכ-געפיהרט מיט די אויגען איבער די ווענט, איבער'ן סופיט און אי-בער'ן דיל, ווי ער זאָל זיך מיט'ן צימער געזעגענען, און איז ארויס מיט דעם מאַן.

אין קאָרידאָר האָבען זיי גענומען אַן עלעוויימאר און זיך אויפ-געהויבען אויף א העכערען שטאָק און דאָרטען זיינען זיי אריין אין א צימער. דער צימער איז געווען כמעט א ליידיגער, נאָר אין מיטען איז געשטאַנען אזא עלעקטרישער שטול ווי יענער, אין וועלכען מען האָט איהם דאַן אריינגעזעצט פאר א פסיכאָמעטרישער אונטערזוכונג. און געווען איז דער צימער עפּעס מאָדנע דעקאָ-רירט און מאָדנע באלויכטען. אין צימער איז געשטאַנען עפּעס אַן עלטערער מאַן און קענטיג געווארט אויף איהם.

ווי נאָר האָפמאַן איז אהין אריינגעקומען, האָט איהם דער מאַן וואָס האָט אויף איהם געווארט, אָנגעצייגט אויפ'ן עלעקטרי-

שען שטול, און האָפּמאַן, אַ גלייכגילטיגער צו אַלץ, וואָס איז אַרום איהם פאָרגעקומען, האָט זיך אין איהם אריינגעזעצט אָהן פראַגען און אָהן פּראָטעסטען. דער מאַן האָט איהם באַלד אָנגעטאָן אויפ'ן קאָפּ אַ מעטאַלענע הוט, וואָס איז מיט דראָטען געווען פארבונדען מיט'ן שטול און אָנגעשטעלט אויף איהם אַ לאָמפּ מיט אַ שטאַרקער בלאָסער ליכט, ווי קאָנצענטרירטע ליכט פון דער לבנה. און דער־נאָך האָט זיך דער מאַן אביסעל איבער איהם אָנגעבויגען, האָט איהם טיף אריינגעקוקט אין די אויגען און אָנגעהויבען:

— סעם האָפּמאַן! זענט איהר אמאָל געווען אין לאַנד פון די רויטע אידעלעך אויף יענער זייט סמבטיון?

— יאָ, — האָט האָפּמאַן גלייכגילטיג געענטפערט.

— האָט איהר געקענט ר׳ שלום בר יצחק? לאה'ן? ברוכ'ן? אברהמ'ען? . . .

— יאָ . . . יאָ . . . יאָ . . .

דער מאַן האָט ערגעץ אַ דריק געטאָן אַ קנעפּעל, און האָפּמאַן האָט דערפיהלט, ווי אויף זיין קאָפּ, אויף זיין מארך גיסט זיך עפּעס אַ שווערע, שווערע לאַסט, ווי אַ טייך פון קוועק־זילבער. די לאַסט האָט געדריקט, זיין מארך האָט זיך פארצויגען מיט אַ שווער הייטעל, און פאר זיינע אויגען און אויף זיין מארך האָט זיך צע־גאָסען אַ געדיכטער טומאַן דורך וועלכען ער קאָן נישט זעהן און קאָן זיך גאָרנישט דערמאָנען . . .

און דער מאַן האָט גערעדט:

— סעם האָפּמאַן! איהר זענט אין דעם לאַנד פון די רויטע אידעלעך קיינמאָל ניט געווען! איהר זענט געווען אין די הרי חושך און איהר זענט אריבער דעם סמבטיון; אָבער אין דעם לאַנד פון די רויטע אידעלעך זענט איהר ניט אריין, ווייל אויף דער גרעניץ שטעהט אַ הויכער שטיינערנער בארג, ווי אַ וואַנט, און קיין מענש קאָן אָט דעם בארג ניט אריבער! איהר קענט ניט שלומ'ען! איהר קענט ניט לאה'ן! איהר האָט זי קיינמאָל אין אייער לעבען ניט באַגעגענט! איהר קענט קיינעם ניט פון דעם לאַנד פון די רויטע אידעלעך! . . .

און אזוי האָט דער מאַן גערעדט פאר אַ צעהן מינוט נאָכאַנאַנד. און האָפּמאַן האָט געפיהלט ווי די ווערטער גיסען זיך אויף זיין מארך ווי צעשמאָלצענער בליי. דער בליי ווערט באַלד צוריק אויס־

געדאמפט, אָבער דאָרטען, וואו ער איז געפאַלען, האָט זיך אויפ'ן מאַרך איינגעפרעסט אַ סליאַד . . .

דערנאָך האָט דער מאַן פאַרלאָשען די בלאַסע לבנה-ליכט און אַראָפּגענומען פון זיין קאָפּ דעם מעטאַלענעם הוט, און האָפּמאַן האָט זיך פּלוצים דערפיהלט גוואַלדיג-ערלייכטערט. ער האָט דער־פיהלט אַזוי לייכט, ווי ער זאָל שוועבען אין דער לופטען, כאָטש ער האָט זיך אַליין פון אָרט ניט געקאָנט ריהרען . . .

און דאַן איז צו איהם צוגעגאַנגען דער ערשטער מאַן, וואָס האָט איהם אַהער געבראַכט, האָט איהם אַנגענומען פאַר'ן אָרעם און אַרויסגעפיהרט אין קאָרידאָר. דאָרטען האָט ער גענומען אַן עלע־וויטאָר און איז אַרויף אויפ'ן דאַך פון דער געביידע, פיהרענדיג האָפּמאַנ'ען די גאַנצע צייט אונטער'ן אָרעם, ווייל האָפּמאַן איז געווען ווי פּאַראַליזירט און האָט אַליין ניט געקאָנט געהן. פאַר זיינע אויגען איז געווען אַ טומאַן. ער האָט קיין זאַך ניט געזעהן און פון קיין זאַך ניט געוואוסט.

אין דרויסען איז שוין געווען פינסטער ווען זיי זיינען אַרויף אויפ'ן דאַך. פון ערגיץ האָט מען אַרויסגעשטופּט אַ לופטשיפעל, און אַ מאַשיניסט האָט זיך געזעצט ביים רודער. דער מאַן וואָס האָט האָפּמאַנ'ען געפיהרט, האָט איהם געהאָלפען אַריינצוזעצען זיך אין דער לופט-שיף און אַליין האָט ער זיך געזעצט לעבען איהם. און דאַן האָט זיך די לופט-שיף אָפּגעטיילט פון דאַך און איז אַוועק־געפלויגען.

אַ גאַנצע נאַכט זיינען זיי אַזוי געפלויגען, און ענדליך האָט זיך די לופט-שיף ערגיץ אַראָפּגעלאָזען אויף דער ערד און איז געבלי־בען שטעהן. דער מאַן האָט געהאָלפען האָפּמאַנ'ען אַרויסקריכען פון דער לופט-שיף, און דערנאָך האָט ער איהם אַנגענומען אונטער'ן אָרעם און איהם אַנגעהויבען פיהרען. דער מאַן האָט דערביי אַרויס־גענומען פון קעשענע אַ פלעשעלע, צוגעטראָגען צו האָפּמאַנ'ס נאָז און איהם געלאָזט שמעקען עפּעס אַן אַראָמאַטישע פליסיגקייט. דער טומאַן פון האָפּמאַנ'ס קאָפּ האָט אַנגעהויבען צוביסלעך פאַר־שווינדען, און האָפּמאַן האָט דורשטיג געצויגען אין זיינע נאָזלע־כער דעם אַראָמאַט פון פלעשעלע.

אַזוי געהענדיג זיינען זיי אַרויף אויף אַ וועג, און דאַן האָט זיך דער מאַן געווענדעט צו האָפּמאַנ'ען :

— מיסטער האָפּמאַן, מיר זיינען איצטער אין דייטשלאַנד. געהט גלייך מיט אָט דעם וועג, וועט איהר קומען צו אַ קליינער אייזענבאהן-סטאַנציע. דאָרט וועט איהר קויפען אַ בילעט און איהר וועט אַוועקפאָהרען קיין האמבורג. אין אַ קאָרגער שעה צייט וועט אייך דער צוג ברענגען קיין האמבורג. היינט נאָכמיטאָג געהט פון דאָרטען אָפּ אַ שיף קיין אַמעריקע. וועט איהר אריין אין קאַנ־טאָר, קויפען אַ בילעט און איהר וועט פאָהרען אהיים . . . .

דער מאַן האָט עטליכע מאָל ווידערהאָלט די אינסטרוקציעס און האָפּמאַן האָט איהם פארשטאַנען, כאָטש ער איז נאָך געווען ווי פארשלאָפען. און דערנאָך האָט דער מאַן אריינגעשטעקט זיין האַנט האָפּמאַנ׳ען אין האַנט אריין, האָט איהם זיין האַנט גע־דריקט, האָט איהם געוואונשען אַ גליקליכע רייזע און זיך אומ־געקערט צוריק צו דער לופטשיף.

האָפּמאַן איז געשטאַנען אין מיטען וועג און געזעהן ווי דער מאַן איז פארשוואונדען אין דער פינסטער. און דערנאָך האָט ער אין שיין פון די שטערען געזעהן ווי אַ פּאָר הונדערט טריט ווייטער האָט זיך פון דער ערד אויפגעהויבען עפּעס אַ שווארצע זאַך, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ שיפעל. די שווארצע זאַך האָט זיך גע־הויבען העכער און העכער און איז פארשוואונדען . . .

און האָפּמאַן האָט זיך געלאָזט געהן מיט׳ן וועג. אביסעלע שפּעטער איז ער געקומען צו אַ קליינער אייזענבאהן-סטאַנציע און איז אַוועקגעפאָהרען קיין האמבורג. און אכט טאָג שפּעטער איז ער אנגעקומען קיין אַמעריקע.

---

פון שיף איז האָפּמאַן אַוועק גלייך אין רעדאַקציע און איז אריין דירעקט אין צימער פון דעם הויפט-רעדאַקטאָר.

— אָה, אַ גאַסט, אַ גאַסט! — האָט דער רעדאַקטאָר אויסגערופען און איהם אויסגעשטרעקט די האַנט איבער דעם שרייב-טיש. — שלום-עליכם! וואָס מאַכט אַ איד? . . . נו, וואָס הערט זיך? אריבער דעם סמבטיון? געזעהן די רויטע אידעלעך? געזעהן בערגערין?...

— דעם סמבטיון בין איך אריבער, אָבער אין דעם לאַנד פון די רויטע אידעלעך האָב איך ניט געקאָנט אריינדרינגען. דאָרטען שטעהט אַ הויכער, פעלזיגער באַרג, גלאַט ווי אַ וואַנט, און קיין

לעבעדיגער מענש קאָן יענעם בארג ניט אריבער — האָט האָפמאַן באריכטעט.

— ניין-ניין! . . . און פריהער האָב איך עס דען ניט גע-וואוסט? — האָט דער ענטוישטער רעדאַקטאר סאַרקאַסטיש גע-רעדט. — אָבער אַז אַ מענש האָט זיך איינגעשפּארט . . . איז וואָס-זשע? גאַרנישט? . . .

— איך האָב געמאכט אַ זעהר וויכטיגע געאָלאָגישע ענטדעקונג אויף דעם סמבטיון . . .

— וואָס מיר געאָלאָגיע, ווער מיר געאָלאָגיע! ווער דאַרף האָבען אייער געאָלאָגיע-שמעאָלאָגיע? . . . די רויטע אידעלעך גיט מיר אהער! בערגער'ן גיט מיר אהער! . . . און אויב ניט — איז ניט! איז פאַרפאַלען! . . . און פריהער האָב איך עס דען ניט געוואוסט? . . . אָבער אַז אַ מענש האָט זיך איינגע-שפּארט . . .

פון רעדאַקציע איז האָפמאַן אַוועק צו זיך אהיים זיך אויסצו-רוהען פון וועג. פאַר זיין צימער האָט ער געהאַט באַצאָהלט פאַר מאָנאַטען אין פאָראויס. ער איז ארויף מיט די באַקאַנטע טרעפּ און האָט ארייגעשטעקט דעם שליסעל אין טיר פון זיין צימער.

אין דעם מאָמענט איז פון צווייטען צימער, וואו לאה האָט אמאָל געוואוינט, ארויסגעקומען אַן אומבאַקאַנטער מאַן. דער מאַן האָט ארויסגענומען דעם שליסעל פון אינווייניג פון טיר, האָט איהם ארייגעשטעקט אין טיר פון דרויסען, האָט דעם שלי-סעל צוויי מאָל אַ דרעה געטאָן אין שלאָס און אַ פּרואוו געטאָן דאָס הענטעל, צי די טיר איז גוט פאַרשלאָסען און איז אַוועקגע-גאַנגען. ....

און האָפמאַן איז געשטאַנען און געקוקט אויף יענער טיר און זיך אָנגעשטרענגט עפּעס צו דערמאָנען. עפּעס אַן עראינערונג איז טיף אין זיין נשמה געווען פאַרבונדען מיט יענער טיר; ער האָט זיך אָבער ניט געקענט דערמאָנען וואָס דאָס איז אַזוינס . . .

אין אוועגד איז האָפמאַן אַוועק אין פּאַרק און אנגעהויבען ארומשפּאַצירען איבער די אַלעיען. אַ פיינליבע בענקשאַפט האָט גענאָגט זיין נשמה, כאָטש ער אַליין האָט ניט געוואוסט נאָך וואָס ער בענקט. און האָט ער געזעהן ערגיץ געהן אַ פרוי, אַ יונגע און ניט קיין הויכע, איז ער פאַרגאַנגען אַזוי, אַז ער זאָל זי קאָנען

נאָהענט פאַרבייגעהן און האָט בגנבה אַריינגעקוקט איהר אין פּנים אַריין. און ווען ער האָט איהר פּנים דערזעהן, האָט ער זיך אַן ענטוישטער אָפּגעקערט אָן אַ זייט; דאָס איז ניט געווען דער פּנים וואָס ער האָט געזוכט, כאָטש ער אַליין האָט ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ פּנים ער זוכט . . .

און אין הארצען האָט גענאָגט אַ בענקשאַפט . . .

---

איין מאָל בייטאָג, עטליכע וואָכען שפּעטער, איז האָפמאַן גע־גאַנגען אין גאַס און באַגעגענט אַ מאַן. און ווען דער מאַן איז שוין געווען איהם פאַרבייגעגאַנגען, האָט זיך האָפמאַן געכאַפּט, אַז דער מאַן איז איהם באַקאַנט. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אויף צוריק. יענער מאַן האָט אויך אַ קוק געטאָן אויף צוריק, און זיי האָבען זיך באַגעגענט מיט זייערע בליקען.

— ענטשולדיגט! — האָט האָפמאַן אַ זאָג געטאָן און זיך אומגעקערט צו יענעם מאַן. — איהר זעהט מיר אויס צו זיין זעהר באַקאַנט. האָבען מיר זיך ניט אַמאָל ערגעץ באַגעגענט?

— יאָ! — האָט יענער מאַן געזאָגט. — אייער פּנים זעהט מיר אויך אויס צו זיין זעהר באַקאַנט, כאָטש איך קאָן זיך אויך ניט דערמאָנען וואו איך האָב אייך באַגעגענט. איך בין זיכער, אַז מיר האָבען זיך געהאַט ערגיץ געטראָפען און געהאַט אַן אינ־טערעסאַנטען שמועס; איך קאָן זיך אָבער ניט דערמאָנען ווען און וואו. ווי איז אייער נאָמען, אויב איך מעג פרעגען?

— סעמועל האָפמאַן. איך בין אַ מיטאַרבייטער פון „די וועלט“, און ווי איז אייער נאָמען?

— איך בין ראָבערט בערגער.

— איהר זייט מר. בערגער, דער ערפינדער פון די „טויטען־שטראַהלען“? אויב אַזוי, איז פאַרשטענדליך! איך בין מסתמא אַמאָל געווען ביי אייך אין האָטעל אויף אַן אינטערוויו. איז וואָס־זשע הערט זיך מיט אייערע „שטראַהלען“?

— זיי האָבען זיך אַרויסגעצייגט צו זיין אַ פולשטענדיגער דורכ־פאַל — האָט בערגער געענטפערט. — דאָס האָבען נאָר די צייטונ־גען פאַנאַנדערגעפּויקט די ערפינדונג און איבערטריבען זייער באַ־דייטונג צוליב סענסאַציע. איך אינטערעסיר זיך ניט מעהר מיט

זיי. איך ארבייט איצטער אויף אן אנדער ערפינדונג, א וויכטי-גערע און א מעהר פרידליכע.

— לאזט מיר וויסען ווען איהר וועט פארטיג ווערען מיט אייער ערפינדונג, וועל איך קומען צו אייך און וועל ווידער האבען מיט אייך אן אינטערוויו און וועל אייך באשרייבען אין אונזער ציי-טונג.

— אומבאדינגט, אומבאדינגט! — האט בערגער געענטפערט און געדריקט האפמאנ׳ען די האנט. — האט מיר א גוטען!

— א גוטען!

און זיי זיינען זיך פאנאנדערגעגאנגען . . .